YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv21i08

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 21 Issue 8
August 1939

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 21, Iss. 8)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/658

טויזענט געסט ביי יום־טוב׳דיגער ערעפענונג פון סעזאן אין יוניטי הויז

די ערשטע וויק־ענד אין יוני איז פארגעקומען די אפיציעלע ערעפענונג פון סעזאן אין דער פראכטפולער זומער־היים פון דער אינטערנעשאנעל — די יוניטי הויז.

כאטש עס איז שוין דער איין־און־צוואנציגסטער סעזאן זינט די אינטערנעשאנעל האט אפגעקויפט דעם מיליאנערסקען מאיאנטעק נעבען בושקיל אין די בלויע בערג פון פענסילווייניא און עס פארוואנדעלט אין אן אפרופלאץ פאר אירע מיטגלידער, פילט מען דאך יעדעס מאל ווען מען קומט אהין א נייעם אינטערעס. יעדעס מאל איז דא עטוואס נייעס, עטוואס וויכטיגעס, נייע פארבעסערונגען פאר דער באקוועמלכקייט פון די מיטגלידער און געסט.

דאס יאר אבער איז, אחוץ די נייע איינריכטונגען פאר פיזישער באקוועמליכקייט, וואס עס זיינען צוגעקומען, אויך צוגעקומען גייסטיג עטוואס נייעס. דאס איז די מוזיקאלישע און קינסטלערישע פראגראמען און טאלאנטען וואס זיינען אראנזשירט מיט א ברייטער האנט און מיט אויסערגעווײנלכען געשמאק א דאנק דער נייער קאמיטע וואס אראנזשירט און באזארגט די פראגראמען. הערמאן ליבמאן און יאנא פינקעלשטיין.

די צוויי קאנצערטען וואס זיינען געגעבען געווארען ביי דער ערעפענונג, שבת נאכט און זונטאג פרי, האבען זיך אין רייכקייט און געשמאק געקענט פארגלייכען מיט די שענסטע קאנצערטען וואס מען קען בייוויין אין א ניו יארקער זאל. דער יונגער פידעל־ווירטואז, ראדושיערא ריטשי, האט אזוי מייסטערהאפט געשפילט די וואונדערשיינע קלאסישע קאמפאזיציעס פון טארטיני, שאפען, וועניאווסקי, סאראסאטא און לאלא, אז דער גאנצער עולם, אפילו די וואס זיינען ניט שטארק באהאווענט אין קלאסישע מוזיק, האבען אים איינפאך ניט געוואלט אפלאזען. פונקט אזוי אויסגעצייכענט איז געווען דער בארימטער אקטיאר און זינגער וויקטאר כענקין אין זיינע אידישע, איטאליענישע און רוסישע לידער און פערסאניפיקאציעס וואס ער האט געגעבען.

באזונדערס איז ווערט צו דערמאנען דעם אופן ווי אזוי ה. ליבמאן האט אנאנסירט די פראגראם און פארגעשטעלט די קינסטלער. בלויז איינער וואס איז אליין א קינסטלער און א מוזיקער האט געקענט שאפען די אטמאספערע און פארבינדען די ארטיסטען מיט די צוהערער ווי ליבמאן האט עס געטאן. זיינע טרעפליכע באמערקונגען האבען געשאפען די געהעריגע שטימונג. דער עולם איז געווען באגייסטערט פאר דעם מאסטער און סערעמאניס ניט ווייניגער ווי פאר די ארטיסטען.

וועגען די שפייז, די באקוועמליכקייט, די העפליכקייט און פינקטליכקייט, מיט וועלכע אלץ ווערט באזארגט, איז דאך ניט נויטיג זיך אפצושטעלען. דאס איז הא־יאר פונקט אזוי גוט — אויב ניט בעסער — ווי אין די פריערדיגע יארען. מענעדזשער א. עלנער איז שוין גוט באקאנט צו די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל און צו די אנדערע וואס האבען פארבראכט זייער וואקאציע אין יוניטי הויז אדער זיינען געווען דארט א וויק־ענד.

דער הויך־פונקט פון דעם יום טוב איז, ווי אלע יאר, געווען דער מיטען־נאכט באנקעט שבת אוונט. עס איז געווען אן אמת'ער קארניוואל, והעו דער עולם האט זיך געלאזט וואוילגיין מיט די גוטע מאכלים, פריילאכע מוזיק, שפּירענע מיצקעס און קלאפערלאך. אבער אפילו אין דעם איז געווען דער ספעציעלער חן פון דער אינטערנעשאנעל. די אמת'ע ברידערליכקייט, דער גייסט פון גלייכהייט וואס עס הערשט אין דער אינטערנעשאנעל יוניאן האט דארט געקראגען דעם פולסטען אויסדרוק. פרעזידענט דובינסקי און א גרויסע צאל וויס־פרעזידענטען, פירער פון לאקאלס און דזשאינט באארדס און פשוטע מיטגלידער פון ניו יארק און ארומיגע שטעט, אלע האבען זיך משמח געווען ווי מיטגלידער פון איין פאמיליע. מאנכע פון די וויס־פרעזידענטען, ווי אנטאניני, העלער און רובין און אייניגע מיטגלידער פון דער יוניאן האבען געזונגען לידער און אונטערהאלטען די געסט. אלע אונטערשיידען זיינען פארגעסען געווארען אין דער אלגעמיינער פרייד און געמיטליכקייט וואס עס האט אלעמען באהערשט.

באזונדערס רייכע פארבארייטונגען ווערען געמאכט פאר דעם וויק־ענד פון פערטען יולי. דער וויק־ענד, ווי באוואוסט, איז אלע יאר אויסערגעווײנליך רייך. דאס יאר אבער זיינען געמאכט געווארען פארבארייטונגען איבערצושטייגען אלץ וואס איז אין יוניטי הויז געגעבען געווארען אין דער פארגאנגענהייט. צווישען די ארטיסטען וואס וועלען אויפטרעטען וועלען זיין: וויקטאר כענקין, דער בארימטער זינגער־אקטיאר און אויסטייטשער פון פאלקס־לידער; דער פידעל ווירטואז ארנאלד עידור און די באוואוסטע טענצערין פון מאדערנע טענץ, פאולין קאנער. עס וועלען אויך געגעבען ווערען דראמאטישע פארשטעלונגען פון די יוניטי שפילער און עס וועלען אויפטרעטען בארימטע קינסטלער פון וואדעוויל און ראדיא.

עס וועט זיכער ווערט זיין צו פארברענגען די וויק־ענד פון פערטען יולי אין יוניטי הויז. צו פארזיכערען זיך מיט פלאץ און פאר אלעמענס באקוועמליכקייט, רעדזשיסטרירט זיך אין פאראויס אין אפיס פון יוניטי הויז, 3 וועסט 16טע סטריט. טעלעפאן וואטקינס 9-6868.

פראגען וועגען דעם טויטען בענעפיט פאנד

פון ה. סקולמאן

ה. זלאטין: דער פארשטארבענער האט ניט געהאט קיינע פריינד אדער קרובים. דער לאקאל האט דעריבער געמוזט נעמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פון זיין קבורת, און באצאלט אלע אויסגאבען אין שייכות מיט זיין לויה; אונזערע רולס זאגען גאנץ אויסדריקליך, אז אין אזא פאל ווערט דער לאקאל, דער געזעצליכער בענעפישערי, וועמען מיר האבען דעריבער אויסגעצאלט די פולע סומע.

וו. טראמבאן: צוליב זעלבסט-פארשטענדליכע אורזאכען, קענען אפליקאנטען ניט דערשייגען פאר דער טויטען בענעפיט קאמיטע: איר קענט אבער זאגען אלץ וואס איר ווילט אין א בריוו און מיר פארזיכערען אייך דאס די קאמיטע וועט דערצו שייגקען די נויטיגע אויפמערקזאמקייט. שרייבט אין אירגענד וועלכע שפראך, וואס איז אייך באקוועם.

ל. דאלקין: א סך אויסדריקע אין אייער בריוו זיינען זייער ווייט פון דאס וואס מען קען אנרופען אנשטענדיג. מיר פארגיבען אבער אייך דערפאר ווייל מיר פארשטייען אז אין אייער גרויסען צער האט איר ניט געקענט זיין איבערקלייבעריש אין ווערטער און אויף דעם הייסען מאמענט גלויבט איר אז די גאנצע וועלט איז גרויזאם און ניט גערעכט: מיר זיינען זיכער אז איר אויף אונזער ארט וואלט אנדערש ניט געהאנדעלט. אלץ וואס מיר קענען אייך ווינשען איז דאס איר זאלט מער אזעלכע אומגליקען ניט האבען.

ב. גראנער: אייער מורא איז אינגאנצען אן אומזיסטע. אויף זייט 4 פון די רולס און רעגולײשאנס פון דעם טויטען בענעפיט פאנד וועט איר געפינען א זאץ, וועלכער זאגט אויסדריקליך, „אז די געלטער פון דיזען פאנד קענען ניט פארנוצט ווערען פאר אירגענד וועלכען אנדערען צוועק, אויסער טויטען בענעפיט און די הוצאות וואס עס איז נויטיג דעם פאנד צו פארוואלטען.

ט. קאהען: אויב איר ווילט ניט אז אייער ווייב זאל אייך ירשענען, איז דאס אינגאנצען אייער עסק; אלץ וואס איר דארפט טאן איז אויסמאכען א דעזיגניישאן קארד אין אייער לאקאל אין דער געגענווארט פון א יוניאן בעאמטען, און אויף דיזער קארד באשטימען אלס אייער בענעפישערי וועמען איר ווילט.

ש. פלעמאוו: די סומע וואס איז אריינגעקומען פאר דעם לעצטען האלבען יאר פון 1937 האט באטראפען $87,330.86; פאר דעם יאר 1938 — $201,008.92.

מ. בריענער: מיר האבען געמאכט דעם סטייטמענט אז אייער ברודער איז געווען א מיטגליד אין אונזער אינטערנעשאנעל בלויז צוויי יאר, דערפאר ווייל אויפ'ן ביכל שטייט דייטליך „איניטיאייטעד מארטש 8, 1937". אייער טענה, אז ער איז פאר יארען לאנג געווען א מיטגליד אין פילאדעלפיא קען זיין א גאנץ גערעכטע, פון די דאקומענטען אבער וואס מען האט אונז צוגעשטעלט ווייסען מיר וועגען דעם ניט. סאי ווי סאי איז צוויי יאר גענוג אום צו זיין בארעכטיגט צו בענעפיט. די צרה איז אבער וואס ער איז געווען שולדיג ניינצען וואכען דיוס, און דאס איז געווען די איינציגע אורזאכע וואָרום אייער אפליקיישאן איז צוריקגעוויזען געווארען.

לאקאל סעקרעטער: מיר וואלטען אייך געדארפט ענטפערען פריוואט, נאר אזוי ווי איר זייט ניט דער איינציגער וועלכער פילט ניט אוים די נויטיגע דאקומענטען, ווי דאס ווערט פון אונז געפאדערט, שרייבען מיר וועגען דעם דא, מיט דער האפנונג אז אנדערע סעקרעטארען וועלען דאס לעזען און פארשטיין אז אלץ וואס איז שייך טויטען קליימס מוזען אלע פאפירען ווערען פינקטליך אויסגעפילט און יעדער פראגע ריכטיג געענטפערט. טוט איר דאס ניט, ווערט די קליים פארצויגען פאר א סך לייגגער ווי דאס איז נויטיג, שוין ניט ריידענדיג וועגען דער צייט, ארבייט און געלט וואס עס קאסט דאס צוריקשיקען דעם קליים הין און צוריק.

„פינס און נידעלס" אין גרעסערן טעאטער מיט קלענערע פרייזען

אונזער אינטערנעשאנעל טעאטער „לעיבאר סטיידזש", איז שוין ארויס פון די וויקעלעך און זיך פארקליבען אין הארצען פון בראדוויי. לעיבאר סטיידזש האט איבערגענומען דעם ווינדזאר טעאטער, 48טע סטריט, איסט פון בראדוויי, און דארט ווערט איצט געשפילט די 1939־אויפלאגע פון די בארימטע „פינס און נידעלס".

אונזערע מיטגלידער וואס האבען געזען פינס און נידעלס פאר א יארען, מוזען עס גיין זען נאך אמאל אין דער נייער אויפלאגע. עס איז פאקטיש א נייער ריוויו מיט א גרויסער צאל נייע נומערן, נייע סצענקעס, וועלכע האבען געמאכט א פוראר צווישען פראפעסיאנעלע טעאטער קריטיקער, פיינשמעקער, און דעם אינטעליגענטען טעאטער גייער וואס וויל זיך אמוזירען. אויב עס געפינט זיך נאך אימעצער פון אונזערע מיטגלידער וואס האט זיך געקענט איינהאלטען דורך דער גאנצער צייט וואס די זעלטען שיינע מיוזיקעל ריוויו איז געשפילט געווארען אין לעיבאר סטעידזש און האט עס נאך ניט געזען, מוז ער אודאי גיין איצט זען. אזוי, אז פאקטיש דארפען אלע אונזערע צענדליגער טויזענדער מיטגלידער אין ניו יארק און אומגעגענד גיין זען די נייע אויפלאגע פון אונזער אייגענער טעאטער פארשטעלונג.

ווי לואיס שייפער, דירעקטאר פון לעיבאר סטיידזש, גיט איבער, האט נאך די פארוואלטונג געשניטען די פרייזען פאר טיקעטס אין דעם נייעם טעאטער. די טיקעטס פאר מאטינע פארשטעלונגען זיינען פון 40 סענט ביז א דאלער. פאר די אווענד פארשטעלונגען זיינען די טיקעטס פון 55 סענט ביז א דאלער פינף און צוואנציג. דאס איז פאקטיש כמעט א העלפט פון די פרייזען וואס מען האט געצאלט פאר טיקעטס צו „פינס און נידעלס" אין לעיבאר סטיידזש.

דאס איז מעגליך געווארען דערפאר וואס דער נייער לעיבאר סטעידזש ווינדזאר טעאטער האט כמעט צוויי מאל אזויפיל פלעצער ווי דער פריערדיגער טעאטער. די פארוואלטונג האט שוין לאנג געפילט דעם פארלאנג צו מאכען ביליגער די טיקעטס אום עס צו מאכען צוגענגליכער פאר'ן ברייטען עולם פון אונזערע מיטגלידער, וועלכע קענען זיך פיליינכט ניט פארגינען צו צאלען די הויכע פרייזען. אין דעם קלייניגקען טעאטער איז דאס געווען אוממעגליך. איצט אבער קען מען עס טאן. די איצטיגע פרייזען זיינען פאקטיש ניט פיל טייערער ווי מען צאלט פאר זען א מאווי.

לעיבאר סטיידזש האלט אויך אן דעם פריהערדיגען פלאץ אויף דער 39טער סטריט. דארט ווערען איצט געמאכט רעפעטיציעס אויף דער נייער טעאטער שפיל וואס ווערט צוגעגרייט פאר נעקסטען יאר.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
718 Bergen Ave., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. WAtkins 9-6868

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XXI. No. 7. July, 1939

Entered as Second Class Matter, August 7, 1928 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 26, 1919.

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Volume XXI. No. 8 — Jersey City, N. J., August, 1939 — Price 10 Cents

דאָס אָנקומען פון בעסערע צייטן

סימנים פון פאַרשידענע זייטען ווייזען, אַז עס קומען בעסערע צייטען. זיי קומען ניט בלויז פון וואָל סטריט, וואו ס'איז די לעצטע צייט געוואָרען זעהר לעבעדיג און דער פּרייז פון ווערט־פּאַפּירען איז שטאַרק געשטיגען, נאָר עס קומען אויך באַריכטען פון פאַרשידענע אינדוסטריען און האַנדעלס־אונטערנעמונגען, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע ווערט בעסער.

אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט האָט שוין מיט איניגע וואָכען צוריק אָנגעוויזען אויף אַ גאַנצער ריי סימנים„ אַז בעסערע צייטען קומען אָן. ער האָט, ערשטענס, אָנגעוויזען אויף דעם, אַז די מאַנופעקטשורערס האָבען אָנגעגרייט זעהר ווייניג סטאַק און זיי מוזען דעריבער פאַרגרעסערען זייער פּראָדוקציע; צווייטענס, אַז דער פאַרקויף פון אַלגעמיינע געברויכס־אַרטיקלען, „קאָנסומערס גודס", ווי מען רופט עס, האָט זיך באַדייטענד פאַרגרעסערט. די דעפּאַרטמענט סטאָרס, די מעיל אָרדער הייזער און די טשיין סטאָרס מאַכען גוטע געשעפטען; דריטענס, אַז אין דער בוי־אינדוסטריע איז געוואָרען פיל לעבעדיגער, באַזונדערס אין דעם בויען פון פּריוואַט הייזער, וואָס ווערען פינאַנסירט פון פ. ה. א. (פעדעראל האַוזינג אַדמיניסטריישאַן).

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, וואָס דער עקאָנאָמיסט ווייזט אָן, אַז דער פּרייז פון ארבייט, לויט דער מאָס, וואָס די ארבייטער פּראָדוצירען איצט, איז זעהר ביליג. עס איז כמעט נאָך קיין מאָל אַזוי ביליג ניט געווען. די פּראָדוקציע פון די ארבייטער, באַמערקט ער ווייטער, איז כמעט קיינמאָל נאָך ניט געווען אַזוי הויך.

דאָס אייגענטליך מאַכט אַ רעכט ביסעל קאַליע די האָפנונג, פאַר אַ פאַרבעסערטער עקאָנאָמישער לאַגע. עס איז גוט פאַר די מאַנופעקטשורערס, וואָס זיי קענען קריגען איצט ארבייט ביליג און וואָס מיט דער הילף פון די נייע מאַשינען און נייע ארבייטס־מעטאָדען קענען זיי אַרויסקריגען פון די ארבייטער אַ גרעסערע פּראָדוקציע, אָבער דאָס טויג ניט פאַר די ארבייטער.

אַ ריכטיגע פאַרבעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד קען פאָרקומען בלויז ווען די קויף־קראַפט פון די ארבייטער וועט פאַרגרעסערט ווערען און דאָס מיינט, אַז וואָס אַ גרעסערע צאָל ארבייטער זאָלען זיין באַשעפטיגט און זייערע פאַרדינסטען זאָלען זיין גענוג גרויס, אַז זיי זאָלען קענען קויפען אַלץ וואָס זיי האָבען נויטיג. ווען אָבער דער פּרייז פון ארבייט איז ביליג און די מאָס ארבייט, וואָס די מאַנופעקטשורערס קריגען אַרויס פון זייערע ארבייטער, איז זעהר אַ גרויסע, מוז גיכער פאַלען די קויף־קראַפט פון די ארבייטער איידער געהויבען ווערען. צוליב דער גרויסער מאָס ארבייט, וואָס די מאַנופעקטשורערס קריגען אַרויס פון די ארבייטער, זיינען נויטיג ווייניגער ארבייטער און עס בלייבען דעריבער אַ גרויסע צאָל ארבייטער, וואָס האָבען אינגאַנצען קיין ארבייט ניט און האָבען ממילא ניט מיט וואָס צו קויפען, און די ארבייטער וואָס האָבען ארבייט פאַרדינען ווייניג און זייער קויף־קראַפט איז קליין. עס איז דעריבער גאַנץ קלאָר, אַז פּראָספּעריטי וואו ארבייט איז ביליג און מיליאָנען זיינען ארבייטסלאָז, קען לאַנג ניט אָנהאַלטען.

אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין איז אַ פאַרבעסערונג אויף אַ ווײַלע אויך פיל ווערט. און אין דעם מאָמענט האָבען מיר באַזונדערס אין זינען די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער און די אַנדערע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנעל, וועלכע האָבען שוין אַזוי גוט ווי פאַרגעסען ווי אַ גוטער סעזאָן ארבייט זעהט אויס.

די פּראָגנאָזען פון דער קליידער אינדוסטריע זיינען גאַנץ אָפּטימיסטיש, באַזונדערס פאַר דער פרויען קליידער אינדוסטריע. עס ווערען אָנגעגעבען פאַרשידענע פאַקטען און סימנים, אַז עס דאַרף זיין אַ גוטער ארבייטס־סעזאָן. אונז זעהט אויס, אַז זיי זיינען גאַנץ איבערצייגענד. מעגליך, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אונז ווילט זיך אַזוי. אָבער דאָס קען בלויז זיין טיילוויז. די באַריכטען וואָס עס קומען פון די דעפּאַרטמענט סטאָרס, אַז עס ווייזט זיך אַ גרעסערע נאָכפראַגע אויף פרויען קליידער; די באַריכטען פון די מאַנופעקטשורערס וועגען באַיערס, וואָס קומען ניט בלויז אָנקוקען, נאָר אויך מאַכען באַשטעלונגען; די באַריכטען פון די טעקסטיל פאַבריקען, אַז זיי האָבען מער ארבייט, זיינען סימנים, וואָס הענגען ניט אָפּ פון אַ גוטען וואונש, נאָר ווייזען, אַז עס קומט ווירקליך אַ בעסערע צייט.

מיר גלויבען, אַז פאַר אונז איז איבעריג צו דערמאָנען די ארבייטער, אַז זיי זאָלען אויסנוצען די פאַרבעסערטע צושטענדען פאַר זייערע אינטערעסען און אַז זיי זאָלען שטעהן אויף דער וואַך, אַז יוניאָן פּרייזען און יוניאָן ארבייטס־באַדינגונגען זאָלען אָפּגעהיט ווערען. מיר זיינען זיכער, אַז אַלץ וועט געטאָן ווערען, אַז די ארבייטער זאָלען קריגען זייער באַרעכטיגטען טייל.

נאָר ווען מען רעדט וועגען דער פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע, קען ניט אויסגעלאָזען ווערען די פּאָליטישע לאַגע„ וואָס איז מיט איר פאַרבונדען.

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען די ערקלערונגען, וואָס עס ווערען געגעבען אין די אַנטי־רוזוועלטיסטישע צייטונגען וועגען די אָנקומענדע בעסערע צייטען. און כמעט אַלע גרויס־קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען זיינען, מיט ווייניג אויסנאַמען, אַנטי־רוזוועלטיסטיש. די הויפּט־טענה פון די דאָזיגע צייטונגען איז די גאַנצע צייט געווען, אַז אונטער רוזוועלט'ען און זיין ניו דיל קען די עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד ניט בעסער ווערען. אויב מען וויל, אַז האַנדעל און אינדוסטריע זאָל אויפגעריכט ווערען, מוז מען פּטור ווערען פון רוזוועלטען און זיין ניו דיל. אָבער גראַד אין מיטען פון אָט דער טענה האָט זיך באַוויזען אַ בעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע, ווייניגסטענס אַ בעסערונג פאַר די באַלעבאַטים פון די אינדוסטריעס און געשעפטס־אונטערנעמער. טאַ ווי שיקט זיך עס? באַווייזט דען דאָס ניט, אַז די טענה פון די באַלעבאַטים, אַז אונטער רוזוועלטען און זיין ניו דיל קען ניט קומען קיין עקאָנאָמישע בעסערונג איז אַ פאַלשע? איז די ערקלערונג אַזאַ: עס איז אַזוי זיכער, אַז דער סוף פון ניו דיל איז נאָענט און אַז די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי וועט געווינען די פּרעזידענט וואַלען פון 1940, אַז די פּראָספּעריטי האָט מער ניט קיין אורזאַך צו וואַרטען מיט איר קומען.

די דאָזיגע ערקלערונג מעג אויסקוקען גאַנץ נאַאיוו. דער שכל דאַכט זיך דאַרף זיין, אַז ווען עס קומען בעסערע צייטען אונטער דעם ניו דיל, דאַרף דאָס פאָלק וועלען אַז דער ניו דיל זאָל ניט אָפּגעשאַפט ווערען און אַז די פּאַרטיי, וואָס האָט אים איינגעפירט, זאָל ווייטער בלייבען ביים רודער פון דער רעגירונג.

אויב די עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג, וואָס האָט זיך איצט אָנגעפאַנגען ווייזען, זאָל ווייטער אָנהאַלטען, וועט דאָך די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס איז געשטאַנען מיט רוזוועלט'ן און זיין ניו דיל, קענען קומען צום אַמעריקאַנער פאָלק און זאָגען: פּרעזידענט רוזוועלט האָט איבערגענומען די רעגירונג פון הוּווער'ס הענט ווען די גאַנצע עקאָנאָמישע סיסטעם פון אַמעריקאַ האָט געהאַלטען ביים צוזאַמענברעכען. הוּווער, דער רעפּובליקאַנער פּרעזידענט און זיין אַדמיניסטראַציע פון דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, האָבען עס דערפירט דאָס לאַנד צום שוועל פון אַן עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע. און עס איז געווען דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט רוזוועלט מיט זיין אַדמיניסטראַציע פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי וואָס האָבען דאָס לאַנד אַרויסגעראַטעוועט פון דער קאַטאַסטראָפע, איז דאָס ניט גענוג איבערצייגענד, אַז די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי דאַרף ווייטער בלייבען ביי דעם רודער פון דער רעגירונג?

נאָר עס איז קענטיג, אַז די שונאים פון רוזוועלטען און פון זיין נייעם דיל פילען אַליין, אַז זייער ערקלערונג וועגען דער בעסערונג אין דער עקאָנאָמישער לאַגע איז ניט קיין איבעריגס קלוגע, אָבער וואָס קענען זיי זיך העלפען, ווען די פאַרבעסערונג איז פאַר זיי געקומען אין אַ שלעכטער צייט? זיי וואָלטען געווען מער צופרידען, ווען די פאַרבעסערונג וואָלט אָפּגעוואַרט מיט איר קומען ביז צו די פּרעזידענטען וואַלען, אָבער זי האָט זיי ניט געפאָלגט. און אויב זי וועט אָנהאַלטען וועט שטאַרקער ווערען די מעגליכקייט, אַז רוזוועלט זאָל זיין אַ קאַנדידאַט פאַר אַ דריטען טערמין, און דאָס מיינט, אַז דער נעקסטער פּרעזידענט פון אַמעריקע וועט ווידער זיין רוזוועלט.

לעצטער באַשלוס פון לאָקאַל 117 וועגען די סעקשאַן שעפּער

דער באַשלוס פון לאָקאַל 117 געגען דעם קאַמפּיין איינצופירען שטיק־אַרבייט אין די שעפּער, וואו עס עקזיסטירט די סעקשאַן סיסטעם, קוקט אויס צו זיין גאַנץ פּרינציפּיעל. עס איז אָבער אַ פראַגע, אויב ער איז פּראַקטיש.

לאָקאַל 117 איז געגען סעקשאַן ארבייט אין דעם קלאָוק טרייד און ער דאַרף זיין געגען. עס זיינען ניט נויטיג אָנצוגעבען די אַלע אַרגומענטען, וואָס לאָקאַל 117 שטעלט אַרויס געגען דער סעקשאַן סיסטעם. זיי זיינען גוט באַקאַנט. מען האָט די פראַגע אַזוי פיל דיסקוטירט אויף פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע פון דער יוניאָן, אַז אַלע ווייסען פאַרוואָס די סעקשאַן סיסטעם טויג ניט פאַר די קלאָוק אָפּערייטאָרס און פאַרוואָס זיי דאַרפען זיין געגען איר. אייגענטליך זיינען גאָר ניטאָ אַזעלכע, וואָס זאָלען פאַרטיידיגען די סעקשאַן סיסטעם. די שטרייט־פראַגע באַשטייט בלויז אין דעם ווי אַזוי מען קען באַקעמפען די פאַרשפּרייטונג פון סעקשאַן סיסטעם און וואָס מען זאָל טאָן מיט די שעפּער, וואו די סעקשאַן סיסטעם איז שוין איינגעפירט.

אַמאָל האָט מען געגלויבט, אַז עס וועט זיך איינגעבען צו פאַרטרייבען די סעקשאַן שעפּער און זיי אויסוואָרצלען פון דעם קלאָוק טרייד אין ניו יאָרק. און אויב דאָס איז געווען שוין צו אָפּטימיסטיש, האָט מען ווייניגסטענס געגלויבט, אַז עס וועט זיך איינגעבען ניט צו דערלאָזען אַ ווייטערע פאַרשפּרייטונג פון דער סעקשאַן סיסטעם און איר ניט לאָזען געהן ווייטער פון דער קלענער צאָל שעפּער, וואו עס ווערט געמאַכט דער גאַנץ ביליגער סאָרט ארבייט. היינט ווייס מען, אַז דאָס האָט זיך ניט איינגעגעבען. די סעקשאַן סיסטעם האָט זיך פאַרשפּרייט ווייטער און איז געוואָרען אַ ערנסטע פּראָבלעם אין דעם קלאָוק־טרייד פון ניו יאָרק. די פראַגע איז אַ דאָפּעלטע. ערשטענס, וואָס זאָל מען טאָן אָפּצוהאַלטען די ווייטערדיגע פאַרשפּרייטונג פון דער סעקשאַן סיסטעם און, צווייטענס, וואָס זאָל מען טאָן מיט די שעפּער, וואו די סעקשאַן סיסטעם איז שוין איינגעפירט. די צאָל פון אַזעלכע שעפּער איז איצט אַ גאַנץ באַדייטענדע און עס ווערען אין זיי באַשעפטיגט אַ גאַנץ היפּשע צאָל קלאָוקמאַכער, וועלכע זיינען מיטגלידער פון דער יוניאָן.

איין שטאַנדפּונקט איז, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט דעם פאַקט, אַז אין אַ טייל שעפּער פון דעם קלאָוק־טרייד עקזיסטירט די סעקשאַן סיסטעם און אַזוי ווי מען קען זיי ניט פאַרטרייבען מוז מען ווייניגסטענס זעהן צו שיצען אין זיי ווי ווייט מען קען, די אינטערעסען פון די ארבייטער און פאַרקלענערען אין זיי די עקספּלואַטאַציע ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך. און דאָס וועט ניט נאָר פאַרבעסערען די לאַגע פון די ארבייטער וואָס ארבייטען

אין די סעקשאָן שעפּער, נאָר דאָס וועט אויך העלפן ביז אַ געוויסן גראַד אין דעם קאַמף געגן דער פאַרשפּרייטונג פון סעקשאָן אַרבייט, ווייל די אַרבייט וועט די באַלעבאַטים פון די סעקשאָן שעפּער ניט קאָסטן מער אַזוי ביליג.

דער צווייטער שטאַנדפּונקט איז, אַז שטעלן די סעקשאָן שעפּער אונטער דער קאָנטראָל פון דער יוניאָן מיינט, אַז די יוניאָן לעגאַליזירט סעקשאָן אַרבייט און גיט אויף איר קאַמף געגן דער סעקשאָן סיסטעם אין קלאָוק טרייד. די יוניאָן קען ניט מיט איין האַנט באַקעמפן די עקזיסטענץ פון די סעקשאָן שעפּער און מיט דער אַנדערער האַנט איינפירן אין זיי רעפאָרמען און מאַכן זיי פאַר אַ לעגיטימען טייל פון דעם קלאָוק טרייד. אויב מען וויל באמת באַקעמפן די עקזיסטענץ פון די סעקשאָן שעפּער, טאָר די יוניאָן זיי ניט געבן די מינדעסטע שפּור פון אַנערקענונג און טאָר מיט זיי ניט האָבן קיין שום פאַרבינדונג, וואָס קען אויסגעטייטשט ווערן פאַר אַנערקענונג. דאָס איינציגע וואָרט וואָס די יוניאָן קען האָבן פאַר די סעקשאָן שעפּער איז קאַמף. אָט דעם שטאַנדפּונקט האָט אָנגענומען די נייע אַדמיניסטראַציע פון לאָקאַל 117.

מיר האָבן גלייך פון אָנפאַנג באַמערקט, אַז אָט דער שטאַנדפּונקט זעהט אויס צו זיין גאַנץ פּרינציפּיעל, אָבער עס איז אַ פראַגע אויב ער איז אויך פּראַקטיש, דאָס הייסט אויב ער העלפט טאַקע דעם קאַמף געגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער סעקשאָן סיסטעם.

לאָמיר זעהן. די יוניאָן באַטראַכט די סעקשאָן סיסטעם פאַר אומגעזעצליך אין דעם קלאָוק טרייד. דאַרף דאָס אָבער מיינען, אַז די וואָס באַגעהען די אומגעזעצליכקייט זאָלן דאָפּעלט פּראָפיטירן פון זייער פאַרברעכן? דאַרפן זיי ניט בלויז פּראָפיטירן דערפון, וואָס זיי קענען דורך דער סעקשאָן סיסטעם האָבן ביליגערע אַרבייט, נאָר זיי קענען אויך זיין בכח אָנצופירן אַן אומבאַגרעניצטע עקספּלואַטאַציע פון די אַרבייטער, ניט האָבענדיג אויף זיך קיין שום יוניאָן קאָנטראָל?

פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ גרויסע פּריווילעגיע?

די אַמעריקאַנער רעגירונג האַלט זיך ניט פאַר אַזאַ שטאַנדפּונקט. בוטלעג איז געווען אַ פאַרברעכן אין דער צייט פון פּראָהיבישאַן, אָבער די רעגירונג האָט דאָך געהייסן די בוטלעגער צאָלן איינקאָם טעקס פון די פּראָפיטן וואָס זיי האָבן געמאַכט. און פּונקט אַזוי האַנדעלט די רעגירונג מיט רעקעטירס און שווינדלער. זי לאָזט זיי ניט דאָפּעלט פּראָפיטירן פון זייערע פאַרברעכנס. און דערמיט וואָס די רעגירונג האָט געהייסן בוטלעגער און רעקעטירס צאָלן איינקאָם טעקס האָט זי ניט לעגאַליזירט בוטלעגינג און רעקעטירינג.

ווען די יוניאָן וועט זיך אָפּזאָגן אַריינצוקוקן וואָס עס טוט זיך אין די סעקשאָן שעפּער און וועט גאַרניט טאָן צו פאַרקלענערן די עקספּלואַטאַציע אין זיי, וועט זי דערמיט גיכער העלפן אין דער פאַרשפּרייטונג פון דער סעקשאָן סיסטעם, ווייל זי וועט ווערן דאָפּעלט אָנציענד פאַר די, וואָס ווילן איר איינפירן. עס וועט איינפאַך מיינען, אַז די סעקשאָן סיסטעם באַפרייט דעם באַלעבאָס פון דער קאָנטראָל פון דער יוניאָן. דאָס וואָלט ניט געווען קיין אַרגומענט, ווען די צאָל סעקשאָן שעפּער וואָלט געווען אַ קליינע און מען וואָלט געקענט גלויבן, אַז מען קען זיי אויסראָטן פון טרייד. עס איז אָבער אַ גאַנץ שטאַרקער אַרגומענט, ווען מען ווייס, אַז די צאָל סעקשאָן שעפּער איז אַ גאַנץ באַדייטענדע און עס איז שווער צו גלויבן, אַז מען קען זיי פאַרטרייבן.

און וואָס איז וועגן די אַרבייטער וואָס ווערן עקספּלואַטירט אין די סעקשאָן שעפּער און וועלכע זיינען מיטגלידער פון דער יוניאָן?

אויב זיין פולשטענדיג פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטן האָט מען אייגענטליך געדאַרפט פאַרבאָטן מיטגלידער פון דער יוניאָן צו אַרבייטן אין שעפּער, וואו עס איז איינגעפירט די סעקשאָן סיסטעם. נאָר מען טוט עס ניט, ווייל מען ווייס, אַז קלאָוק אָפּערייטאָרס געהען ניט אַרבייטן אין סעקשאָן שעפּער צוליב פאַרגעניגען. אָבער אויב אַזוי, פאַרדינט ניט דער קלאָוקמאַכער, וואָס איז געצוואונגען צו געהן אַרבייטן אין אַ סעקשאָן שאַפּ, אַז די יוניאָן זאָל אים דאַרפן געבן כאָטש אַ שטיקל שוץ געגן איבערטריבענער עקספּלואַטאַציע?

מיר גלויבן דעריבער, אַז דער לעצטער באַשלוס פון לאָקאַל 117 וועגן די סעקשאָן שעפּער איז געווען גאָר ניט קיין פּראַקטישער און וועט זיכער ניט העלפן אין דעם קאַמף געגן דער פאַרשפּרייטונג פון סעקשאָן אַרבייט אין דעם קלאָוק טרייד.

דער זיג פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין וויניפּעג

מיר באַגריסן האַרציג די וויניפּעגער קלאָוקמאַכער מיט דעם צוויי־יאָריגן אָפּמאַך, וואָס זיי האָבן געשלאָסן מיט די באַלעבאַטים, וואָס האָט זיי געבראַכט אַזעלכע גרויסע געווינסן.

די קלאָוקמאַכער אין וויניפּעג זיינען געווען די לעצטע אין קאַנאַדע אָרגאַניזירט צו ווערן. די קלאָוקמאַכער אין מאָנטרעאַל און אין טאָראָנטאָ זיינען שוין אָרגאַניזירט פון לאַנג און האָבן שוין דורכגעמאַכט אַ סך קאַמפּן. די וויניפּעגער קלאָוקמאַכער אָבער איז געווען, צוליב פאַרשידענע אורזאַכן, שווער צו אָרגאַניזירן. עס איז געמאַכט געוואָרן מער ווי איין פּראָבע זיי צו אָרגאַניזירן, אָבער יעדעס מאָל אָהן ערפאָלג. און עס קומט קרעדיט ברודער הערבסט, דעם פאַרטרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל, וואָס אים האָט זיך ניט בלויז איינגעגעבן צו אָרגאַניזירן אַ קלאָוקמאַכער יוניאָן אין וויניפּעג, נאָר עס האָט זיך אים אויך איינגעגעבן די יוניאָן צו באַפעסטיגן און איר פירן פון ערפאָלג צו ערפאָלג.

דער איצטיגער צוויי־יאָריגער אַגרימענט פון די וויניפּעגער קלאָוקמאַכער מיט זייערע באַלעבאַטים איז אַ ווייטערדיגער גרויסער ערפאָלג פון דער יוניאָן. דער אַגרימענט ענטהאַלט אין זיך אַ מינימום אַרבייטס־לוין, וואָס ברייגנט נאָענט די פאַרדינסטן פון די וויניפּעגער קלאָוקמאַכער צו די פאַרדינסטן פון די מאָנטרעאַלער און טאָראָנטער קלאָוקמאַכער. דער אַגרימענט פון די וויניפּעגער קלאָוקמאַכער איז אויף אַזאַ אופן אויך גאַנץ וויכטיג פאַר די קלאָוקמאַכער פון מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ. עס ווערן דורך אים מער אויסגעגליכן די פרייזן פון אַרבייט אין דער קלאָוק אינדוסטריע איבער גאַנץ קאַנאַדע.

די וויניפּעגער קלאָוקמאַכער שאַצן אָפּ וואָס די אינטערנעשאָנאַל האָט פאַר זיי געטאָן און ווי זי האָט זיי געהאָלפן פאַרבעסערן זייער לאַגע. זיי זיינען דעריבער גוטע יוניאָן לייט און איבערגעבענע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנאַל. מיר זיינען זיכער, אַז די קלאָוקמאַכער יוניאָן פון וויניפּעג וועט אָפּהיטן אירע געווינסן פון ביז היינט און וועט מאַכן ווייטערדיגן פּראָגרעס.

ווען קאַגלין וואָלט ניט געווען אַזאַ ווייסטער עם הארץ

ווען דער אַנטיסעמיטישער, פאַשיסטישער גלח קאַגלין וואָלט ניט געווען אַזאַ עם הארץ און וואָלט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וואָלט ער ניט געדאַרפט האַלטן אַ דרשה געגן דער אינטערנעשאָנאַל און פּרעזידענט דובינסקי'ן אויף דעם גרונד פון אַ נאַרישן אַרטיקעל ערגעץ אין אַ נאַריש־טראָצקיסטיש בלעטעל, וואָס אַ נאַרישער בחור, אַ מיטגליד פון אַ לאָקאַל פון דער אינטערנעשאָנאַל, האָט אָנגעשריבן, נאָר ער וואָלט געקענט זיך באַנוצן מיט אַ סך בעסערן שטאָף.

ווען קאַגלין וואָלט ניט געווען אַזאַ גרויסער ווייסטער עם הארץ וואָלט ער דאָך געוואוסט, אַז די טראָצקיסטן זיינען דאָך אַליין אין אַ פינסטערן גלות ביי די קאָמוניסטן און זיי זיינען ביי זיי פאַררעכנט פאַר די ערגסטע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. אָט האָט דאָך קאַגלין בעסער געקענט אָנווייזן אויף אַ נאָענטער פאַרבינדונג פון דער אינטערנעשאָנאַל און פון דובינסקי'ן מיט סטאַלינען. אין עס דאָך געווען אין די אַמעריקאַנער גרויסע ציי‌טונגען, אַז דער שאַרזש דע אַפּער פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין ענגלאַנד איז סאַמואיל מאַיסקיעוויטש קאַגאַן (איבערזעצט אין אידיש: שמואל ב"ר משה קאַהאַן), איז געווען אַמאָל אַ מיטגליד פון דעם רעינקאָוט מאַכער לאָקאַל 20 פון דער אינטערנעשאָנאַל. נו, דאַרף מען נאָך מער? ווייניגסטען וואָלט אַזאַ באַשולדיגונג געקלונגען אַביסעל ווייניגער אידיאָטיש ווי די באַשולדיגונג וועגן דערמאָנטן אַרטיקעל.

אמת, אין דער צייט ווען סאַמואיל מאַיסקיעוויטש קאַגאַן איז געווען אַ מיטגליד פון לאָקאַל 20, איז דוד דובינסקי נאָך ניט געווען דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, אָבער דאָס וואָלט שוין געווען צופיל פאַרלאַנגט פון קאַגלינען אַז ער זאָל דאָס וויסן.

נאָר אפשר טאַקע ליגט קאַגלין'ס גרויסער כח אין זיין גרויסער עם הארצות. ער דאַרף זיך ניט אָפּשרעקן אַרויסצולאָזן די גרעסטע אידיאָטסטווע און פאַר זיין אידיאָטישען עולם איז אידיאָטסטווע די בעסטע סחורה.

די פיש־יויך

(אַ פאַבעל)

(לוים קרילאָוו)

פון נחום יוד

—„איך בעט דיך, טייערינקער, נעם ביים איבער!"
—„אַ דאַנק, איך בין שוין זאַט" — „וואָס מאַכט דאָס אויס?
נעם נאָך אַ טעלערל! הער אויס,
די פיש־יויך איז אַ מאכל, זאָג איך דיר, מיין ליבער!"
—„איך האָב שוין אויפגעגעסן דאָך אַ טעלער פיר..."
—„וואָס פאַר אַ רעכענונגען פירסטו דו דאָ מיט מיר?
באַדאַרפסט נאָר וועלן!
אויב דיר איז נאָר געפעלן —
איז זאָל דיר וואויל באַקומען: נעם און עס געזונטערהייט
די גאַנצע שיסעל!
וואָס פאַר אַ יויך, ווי פעט, ווי שיין —
אַזוי ווי מיט בורשטין באַצויגן קלאָר און ריין...
טו מיר צוליב, עס נאָך אַביסעל!
נעם העכט, נעם קאַרפּ און רויג אַ שטיקעלע דערצו, —
נו—נאָך אַ לעפעל! פּרוּוו, מיין ווייב, אים בעטן דו..."
אַזוי האָט איינער דאָס זיין שכן אויפגענומען,
און ניט געגעבן אים קיין רגע רו...
פון גאַסט האָט שוין, דאַכט, נעבאַך, שווייס גערונען, —
דאָך נעמט ער נאָך... און מיט די לעצטע כוחות שוין
מאַכט ער די טעלער ריין.
—„אַזוי איז טאַקע שיין! —
האָט זיך דער באַלעבאָס אין פרייד צעשוואָרמען, —
אַזוי האָב איך דיך ליב, מיין פריינד!
נאָר די וואָס נעמען זיך שטאַרק איבער
און לאָזן זיך פיל בעטן — האָב איך פיינט!
נו, נעם שוין נאָך אַ טעלערל, מיין ליבער"...
און אונזער אומגליקלאַכער גאַסט ביים טיש, —
וואָס האָט אַפילו ליב געהאַט אַ יויך פון פיש, —
ניט האָבענדיג שוין דאָ קיין אַנדער מיטעל,
האָט קוים געכאַפּט זיין גאַרטעל און זיין היטעל
און אַ צעדולטער גלייך אַהיים אַנטלאָפן שנעל...
זינט דאַן — טרעט ער ניט איבער מער דעם שכנ'ס שוועל.

ביזט גליקליך, שרייבער, אויב דו האָסט נאָר גאָט'ס מתנה...
נאָר אויב דו קענסט ניט צושווייגן ווען מען באַדאַרף,
און פאַר דעם צווייטענ'ס אויער ביזט דו אַ סכנה,
זאָג איך דיר קורץ און שאַרף —
אַז פיי דיין פּראָזע, פיי די לידער
זיין וועלן שלעכטן, ווי יענעמ'ס יויך, דערווידער.

ווידזשילאַנטי קאָמיטעס און זייער ראָלע אין אינדוסטריעלע קאַמפּען

פון דר. הענרי דייוויד
און לואיס ג. סילווערבערג

דורך דער אונטערזוכונג פון דער לאַ־פאָלעט קאָמיטע פון סענאַט פאַר די לעצטע דריי יאָר, איז אויפגעדעקט געוואָרען, אַז די אונטערדריקונג פון ציווילע פרייהייטען אויפ׳ן געביט פון דער אינדוסטריע אין אַמעריקע איז געוואָרען אַ טאָג־טעגלאכע ערשיינונג. די אונטערזוכונג האָט אויפגעדעקט פאַר דער עפענטליכקייט די ראָלע פון פּראָפעסיאָנעלע שפּיאָנאַזש- און סטרייק ברעכער־אַגענטורען וואָס ווערען באַנוצט, און עס וועלען אָן ספק פאַרגעשלאָגען ווערען געזעצען זיי צו צאַמען.

איינע פון די גרעסטע געפאַרען אָבער פאַר ציווילע פרייהייטען וואָס די סענאַט אונטערזוכונג האָט אויפגעדעקט, זיינען די אַזוי גערופענע „בירגער קאָמיטעטען", וועלכע שפּילען אַן אַקטיווע, און צייטענווייז אַן אַנטשיידענע ראָליע אין אינדוסטריעלע קאַמפּען. „בירגער קאָמיטעטען" און „געזעץ און אָרדנונג ליגעס" זיינען אָבער ניט קיין נייע ערשיינונג. דורך דעם לעצטען האַלבען יאָרהונדערט האָבען אַמעריקאַנער ארבייטסגעבער זיך כסדר באַנוצט מיט אַזוינע קאָמיטעטען אין ארבייטער קאַמפּען מיט באַדייטענדען ערפאָלג. די היינטיגע „געזעץ און אָרדנונג ליגעס" שיידען זיך אונטער פון די אַמאָליגע בלויז אין גראַד. זייער אָפּשטאַם, זייער אויפגאַבע, די פירערשאַפט זייערע, זייער קוואַל פון איינקונפט און די טעכניק מיט וועלכער זיי באַנוצען זיך, זיינען פאַקטיש די זעלביגע. סיי די היינטיגע און סיי די אַמאָליגע „בירגער קאָמיטעטען" זיינען ניט קיין פרייוויליגע סוב־קאָמיטעס פון די סוחרים פאַרבאַנדען און לאָקאַלע טשעמבער אָוו קאָמערס, ווי מען האָט געזוכט צו שאַפען דעם איינדרוק.

די „געזעץ און אָרדנונג ליגע" פון מאַסילאָן, אָהייאָ, וועלכע איז אויסגעשמידט געוואָרען אין דער היץ פון סטאָל סטרייק געגען דער „רעפּאַבליק סטיל קאָמפּאַני" אין 1937, גיט אונז אַ שאַרף־געצייכענטען בילד פון דעם אָפּשטאַם, צוועקען און טעטיגקייט פון דעם טיפּישען בירגער קאָמיטעט פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון היינט. די „רעפּאַבליק סטיל קאָמפּאַני", מיט אַ פאַרמעגען וואָס ווערט געשאַצט אין אַ דריטעל ביליאָן דאָלאַר, האָט אין פרילינג פון 1937 באַשעפטיגט קאַרגע 60,000 ארבייטער, צוויי דריטעל פון זיי אין אירע פאַבריקען אין יאָנגסטאַון, וואָרען, קליוולאַנד, קענטאָן, מאַסילאָן, מיילס, קאַמבעל און עלייריאַ אָהייאָ. אין און אַרום מאַסילאָן האָט די קאָמפּאַני געהאַט צוויי פאַבריקען, וואו עס האָבען געאַרבייט איבער 3,600 ארבייטער.

די ארבייטער פּאָליסי פון דער רעפּאַבליק קאָמפּאַני איז באַשטאַנען אין אַ ביטערער פיינטשאַפט צו „אויסערליכע" יוניאָנס און ערמוטיגונג פון קאָמפּאַני יוניאָנס. אַלס ענטפער אויף דעם פאַרזוך פון דער סטאָל ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנס קאָמיטע, וועלכע האָט געזוכט צו אָרגאַניזירען די סטאָל ארבייטער, האָט די קאָמפּאַני פאַרעפענטליכט די פאָלגענדע דעקלאַראַציע: „רעפּאַבליק שטייט פאַר׳ן פּרינציפּ פון אָפען שאָפּ. יעדער ארבייטער איז פאַרפליכטעט צו זיין געטריי דער קאָמפּאַני צו דינען אירע בעסטע אינטערעסען".

דער קאַמף צווישען דער ס. וו. אָ. ק. און דער רעפּאַבליק איז געוואָרען אַלץ שאַרפער און דעם 20טען מאַי, 1937, האָט די קאָמפּאַני כמעט איינגאַנצען געשלאָסען אירע פאַבריקען אין מאַסילאָן, אויסשליסענדיג פאַקטיש אַלע אירע ארבייטער. דאָס האָט זי געטאָן, ווי דאָס איז נאָכדעם אויפגעדעקט געוואָרען, נאָכדעם ווי זי האָט זיך צוגעגרייט צו אַ סטרייק און געסטראַשעט צו שליסען די פאַבריקען אויב די יוניאָן וועט פאָדערען אַנערקענונג. די סטאָל ארבייטער יוניאָן האָט אויף דער האַנדלונג געענטפערט מיט אַ סטרייק־רוף און פאַר פינף וואָכען צייט, פון דעם 25טען מאַי, ווען דער סטרייק איז גערופען געוואָרען ביז׳ן ערשטען יולי, ווען סאָלדאַטען פון דער נאַציאָנאַל גוואַרדיע זיינען איינגעשיקט געוואָרען אין מאַסילאָן, זיינען די פאַבריקען געבליבען געשלאָסען.

דורך דער צייט האָט די. קאָמפּאַני געאַרבייט פיבעריש צו באַוועגען דעם פּאָליציי דעפּאַרטמענט פון מאַסילאָן צו ברעכען דעם סטרייק. אין דעם זיינען אָבער געווען שוועריגקייטען, היות זיי האָבען געהאַט בלויז דרייצען פּאָליציסטען וואָס זיי האָבען געקענט אָפּשפּאַרען פאַר סטרייק־ארבייט און דער דעפּאַרטמענט האָט ניט געהאַט קיין טרערגאַז און ברעך־גאַז פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. חוץ דעם, האָבען די שטאָט בעאַמטע, איינגעשלאָסען דעם פּאָליציי שעף, גע׳טענה׳ט, אַז די שטאָט קען זיך ניט פאַרגינען צו קויפען די נויטיגע מכשירים און דינגען עקסטרא פּאָליציי און זיי ווילען ניט אַז די רעגולערע פּאָליציי זאָל באַנוצט ווערען אויף דורכברעכען די פּיקעט ליינס. די עפענטליכע מיינונג אין שטאָט האָט געשטיצט די שטעלונג פון די שטאָט בעאַמטע און די סטרייקער.

אַ געצייג אויף בייקומען אָט די שוועריגקייטען צו ברעכען דעם סטרייק האָט די „רעפּאַבליק קאָמפּאַני" געפונען אין אַ „צוריק־צו־דער־ארבייט קאָמיטעט" און אין אַ „געזעץ און אָרדנונג ליגע", וועלכע האָבען זיך פּלוצלונג באַוויזען.

אַ טאָג אָדער צוויי נאָכדעם ווי דער סטרייק איז גערופען געוואָרען, האָט די באָאַרד אָוו דירעקטאָרס פון דער מאַסילאָן טשעמבער אָוו קאָמערס אָרגאַניזירט אַ צייטווייליגען קאָמיטעט פון בירגער און געשעפטסלייט. געהייסען האָט עס אַז דער קאָמיטעט איז אָרגאַניזירט געוואָרען פאַר דעם צוועק צו זאַמלען און אַרויסגעבען אינפאָרמאַציע וועגען סטרייק ווי עס רירט אָן די געשעפטסלייט פון שטאָט. וואַקסענדיג אין צאָל, איז דער קאָמיטעט באַוואוסט געוואָרען אונטער פאַרשידענע נעמען, ווי דער בירגער קאָמיטעט, די בירגער ליגע, די לעיבאָר רילייטאָנס קאָמיטע און מערסטענס די געזעץ און אָרדנונג ליגע פון מאַסילאָן. די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט זיינען ניט געווען דירעקט פאַרבונדען מיט דער רעפּאַבליק סטיל קאָמפּאַני. די פירער זיינען געווען דער סעקרעטאַר פון דער טשעמבער אָוו קאָמערס פון שטאָט, דער פּרעזידענט פון דער מאַסילאָן ראָבער קאָמפּאַני און דער מענעדזשער פון דער אירי־שעוראָלעי סעילס קאָמפּאַני. די ליגע האָט געזוכט צו שאַפען דעם איינדרוק אַז עס איז אַן אומאָפּהענגיגע קערפּערשאַפט וועמעס איינציגע אויפגאַבע איז צו אויפהאַלטען געזעץ און אָרדנונג. אין אַ גאַנץ קורצער צייט אָבער איז עס קלאָר געוואָרען אַז זי ווערט מאַניפּולירט פון דער רעפּאַבליק סטיל מיט׳ן צוועק צו ברעכען דעם סטרייק.

צוויי וואָכען נאָכדעם ווי זי איז אָרגאַניזירט געוואָרען, האָט די געזעץ און אָרדנונג ליג, צוזאַמען מיט די פאַרוואַלטער פון דער רעפּאַבליק סטיל, אָנגעהויבען אויסאיבען אַ דרוק אויף די שטאָט בעאַמטע און דעם פּאָליציי שעף צו בייטען זייער שטעלונג צום סטרייק, וואָרנענדיג, אַז אויב מען וועט ניט קאָנטראָלירען די סטרייקער וועט די שטאָט אויף אייביג פאַרלירען די סטאָל מילען. דעם 13טען יוני האָט מען איינגעלאַדען דעם פּאָליציי שעף, סוויטער, צו אַ מיטינג פון דער ליגע אין דער קוואַרטיר פון דעם טשעמבער אָוו קאָמערס און דאָרט האָט מען אים געפרעגט, אויב ער וועט אָנשטעלען עקסטרא פּאָליציסטען און איינקויפען די סטרייק ברעכערישע געצייג ווען מען וועט שאַפען די געלט דערפאַר פון פּריוואַטע קוועלען. דעם נעקסטען טאָג האָט מען ביי אַ מיטינג פון דער ליגע געזוכט צו ווירקען אויפ׳ן מעיאָר אַז ער זאָל אָנגעמען זייער שטאַנדפּונקט וועגען די געהעריגע פונקציעס פון דער פּאָליציי מאַכט פון שטאָט. אין די ווערטער פון פּאָליציי שעף סוויטער: „זיי האָבען אָנגעדרייט די היץ אויפ׳ן מעיאָר וועגען באַשטימען ספּעציעלע פּאָליציסטען... די גרופּע האָט געזאָגט, אַז זיי קענען שאַפען דאָס געלט... 8,000 דאָלאַר צו צאָלען די שכירות פון 50 פּאָליציסטען פאַר צוויי וואָכען און איינהאַנדלען די מכשירים וואָס זיי וועלען געפינען פאַר נויטיג..." דער מעיאָר האָט צוגעשטימט אָנצושטעלען די פּאָליציסטען אויף דעם באַדינג אַז זיי זאָלען ניט געשיקט ווערען אויף דער פּיקעט ליין. אָבער די חברה פון דער געזעץ און אָרדנונג ליגע זיינען געווען דערמיט אומצופרידען און זיי האָבען צוריקגעגעבען 1,200 הונדערט דאָלאַר, וועלכע זיי האָבען שוין געהאַט געזאַמעלט, צו די געשעפטסלייט וועלכע האָבען עס בייגעשטייערט.

נאָך מיטען יוני האָט די ליגע געאַרבייט האַנט אין האַנט מיט דעם „צוריק־צו־דער־ארבייט קאָמיטעט", וועלכער האָט זיך געהאַלטען שטיל ווינט עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען. די צוויי גרופּען האָבען געזוכט אויסצואיבען אַ דרוק אויף די שטאָט בעאַמטע און האָבען אויך געזוכט צו באַוועגען די אָפיצערען פון דער מיליץ צו געפינען עפּעס אַ פּריטשעפּקע וואָס זאָל זיי געבען די מעגליכקייט זיך אַריינצומישען. דאָס איז זיי אָבער ניט געלונגען. אַלס איינע פון די מיטלען צו שאַפען אַ דרוק אויף די שטאָט־בעאַמטע האָבען זיי צירקולירט אַ פּעטיציע צווישען שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס און פּראָמינענטע בירגער. ביים פאַרברייינגען די פּעטיציע האָט אַ לאָיער, וואָס די ליגע האָט אָנגעשטעלט, גערעדט וועגען דעם צוזאַמענברוך פון געזעץ און אָרדנונג, קריטיקירט די שטאָט בעאַמטע פאַר זייער ניט אָנשטעלען עקסטרא פּאָליציי און געריסען שטיקער פון זיי פאַר אַנטזאָגען זיך אָנצונעמען די געלט וואָס די ליגע האָט געשאַפען. ערקלערענדיג אַז די שטאָט פאַרלירט אַ פּעי־ראָל פון פערציג טויזענד דאָלאַר אַ טאָג דורכ׳ן סטרייק, האָט ער ערקלערט, אַז ער „ווייס עס פון זיכערע קוועלען, אַז אויב עס וועט באַלד עפּעס ניט געטאָן ווערען, וועט די רעפּאַבליק אַרויספירען די פאַבריקען פון מאַסילאָן.

די ליגע האָט אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז די סי. אַי. אָ. פּלאַנעוועט אַ מאַסען איבערפאַל אויף דער שטאָט, טראָץ דעם וואָס די אויסשפּיר אָפּטיילונג פון דער מיליץ האָט ניט געפונען דעם מינדסטען באַווייז אַז אַזאַ באַוועגונג איז פאַראַן. עס איז אויך געווען די שטיצע פון דער ליגע וואָס האָט מעגליך געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג פון׳ם „צוריק צו דער ארבייט קאָמיטעט" צו קריגען סטרייק ברעכער דורך רעגיסטרירען די ארבייטער וועלכע ווילען צוריק גיין צו דער ארבייט. די ליגע האָט דעם קאָמיטעט באַזאָרגט מיט העדקוואָדערס, מיט די נויטיגע זאַכען צו רעדזשיסטרירען זיי, מיט מימעאָגראַפירטע פּעטיציע בלאַנקען, מיט געלט צו אַדווערטייזען אין די צייטונגען און מיט אינשורענס געגען שאָדען צו אייגענטום.

דעם 1טען יולי, ווען גאָווערנאָר דייווי האָט אַריינגעשיקט אין מאַסילאָן גענעראַל מאַרלין מיט פיר קאָמפּאַניס מיליץ, האָט די לאַגע אין סטרייק זיך געביטען. די מילען זיינען געעפענט געוואָרען און ארבייטער האָבען אָנגעהויבען צוריקגיין צו דער ארבייט. אַזוי ווי מען האָט ניט געקענט אייביג האַלטען די סאָלדאַטען אַרום די פאַבריקען, האָט גענעראַל מאַרלין געפאָדערט מען זאָל אָרגאַניזירען אַ היימישע גוואַרדיע וואָס זאָל איבערנעמען די ארבייט ווען די מיליץ וועט זיך צוריקציען. די געזעץ און אָרדנונג ליגע האָט גלייך גענומען דריקען די שטאָט בעאַמטע אָנצושטעלען ספּעציעלע פּאָליציי און איינשווערען באַוואָפענטע גוואַרדיסטען אַלס דעפּיוטיס פון די אָנגעשטעלטע פון דער רעפּאַבליק סטיל קאָ. די ליגע האָט אויך צוגעשטעלט דעם מאַן וועלכער זאָל אָרגאַניזירען און קאָמאַנדירען די „היימישע גוואַרדיע".

דעם 7טען יולי האָבען די פירער פון דער געזעץ און אָרדנונג ליגע ווידער אַטאַקירט די שטאָט בעאַמטע, פאָדערענדיג, ווי דער פּאָליציי שעף דערציילט", „אַז מיר זאָלען עפּעס טאָן אין דער לאַגע. זיי האָבען געפאָדערט און געסטראַשעט צו אימפּיטשען אונז און פּטור צו ווערען פון מעיאָר. זיי האָבען גע׳טענה׳ט אַז מען קען קריגען גענוג מענשען פאַר דער פּאָליציי... די מענשען פון דער רעפּאַבליק סטיל... איך האָב זיי געזאָגט אַז איך וויל ניט די מענשען, אַז אויב מיר וועלען אָנשטעלען ספּעציעלע פּאָליציאַנטען וויל איך האָבען נייטראַלע מענשען וועלכע זיינען ניט געווען פאַרמישט אין סטרייק. אַלס ענטפער אויף דעם האָבען די ליגע־מענשען געזאָגט אַז דער מיל און דער עקאָנאָמישער לעבען פון מאַסילאָן שטייען אין געפאַר".

ענדליך האָט דער מעיאָר און דער פּאָליציי שעף זיך אונטערגעגעבען צו די פאָדערונגען. עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרען אַז די געזעץ און אָרדנונג ליגע, פּראָמינענטע געשעפטסלייט און די שטאָט בעאַמטע זאָלען צוזאַמענאַרבייטען אין האַנדלען מיט׳ן סטרייק. עס איז אויך באַשטימט געוואָרען צו שאַפען אַ ספּעציעלע פּאָליציי אָפּטיילונג פון 66 מענשען אויף „צוריקשטעלען געזעץ און אָרדנונג" אין מאַסילאָן. דערמיט האָט זיך די אַקטיווע טעטיגקייט פון דער ליגע געענדיגט. זי האָט שוין איר ארבייט אָפּגעטאָן. זי האָט צוגעגרייט די סצענע פאַר די גוואַלדטאַטען, וועלכע האָבען נאָכגעפאָלגט און פאַר וועלכע די סטרייקערס האָבען אַזוי טייער באַצאָלט. זיי האָבען אויסגענוצט יעדען מיטעל צו העלפען דער רעפּאַבליק סטיל קאָ. ווידער עפענען די פאַבריקען און ברעכען דעם סטרייק. פאַר דעם צוועק האָבען זיי מיט ערפאָלג

די „וועלט פון מארגען" אויף דער ניו יארקער וועלט אויסשטעלונג

פון ב. לעוויטין.

די ניו יארקער וועלט אויסשטעלונג, אדער ווי מען רופט איר קורץ די „ווארלדס פעיר" איז די גרעסטע אונטערנעמונג פון דעם סארט וואס איז ווען עס איז פארגעקומען ערגעץ וואו אויף דער וועלט. עקספערטען ערקלערען, אז אפילו די בארימטע פאריזער וועלט אויסשטעלונג וואלט זיך געקענט באהאלטען אין א ווינקעל אויף דער ניו יארקער „ווארלד'ס פעיר".

לאמיר דעריבער געבען כאטש א שטיקעל באגריף וועגען דעם פארנעם פון דער „ווארלד'ס פעיר". די אויסשטעלונג געפינט זיך אין פלאשינג, לאנג איילאנד. זי פארנעמט א שטח פון קנאפע 13 הונדערט אקער לאנד. דארט זיינען פארטראטען ארום זעכציג מלוכות פון אלע טיילען פון דער וועלט מיט אייגענארטיגע אויסשטעלונגען, וועלכע שילדערען די דערגרייכונגען פון זייערע לענדער אויף פארשידענע געביטען פון מענשליכער טעטיגקייט. ווייטער זיינען דארט פארטראטען אלע 48 אמעריקאנער שטאטען מיט זעהר אינטערעסאנטע פאוויליאנען, אין וועלכע עס שפיגעלט זיך אפ די רייכקייט און די נאטירליכע שיינהייט פון די פארשידענע שטאטען. דאן קומען די אויסשטעלונגען פון פארשידענע אמעריקאנער אינדוסטריען און האנדעלס-אונטערנעמונגען, ווי אויך פון אלערליי וויכטיגע אמעריקאנער אינסטיטוציעס. נאכהער קומען די פארשידענע „שאוס" און אונטערהאלטונגס פלעצער צו אמוזירען דעם עולם. דער טייל פון דער „ווארלד'ס פעיר" איז א מין קאפיע פון קוני איילאנד, מיט אלע קלאפערגעצייג און שרייענדע מאכערייקעס, וואס ווערען באנוצט ארייננצוקריגען דעם עולם אינעווייניג.

ווי איהר זעט איז אויף דער „ווארלד'ס פעיר" פאראן גענוג צו זען, צופרידען צו שטעלען יעדענס געשמאק. עס האט געדויערט דריי יאר צייט אויפצובויען די „ווארלד'ס פעיר", און די אויסשטאטונג פון די פארשידענע פאוויליאנען האט אפגעקאסט איבער 150 מיליאן דאלאר. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, אז דארט איז פאראן א היבש ביסעל אינטערעסאנטעס צו זען און צו לערנען.

אבער אין דעם ארטיקעל אינטערעסירט אונז ניט אזוי דער ריזיגער פארנעם פון דער אויסשטעלונג ווי איהר אינהאלט. די „ווארלד'ס פעיר" איז געבויט אויף דער טעמע: „די וועלט פון מארגען". דאס הייסט, אז די ניו יארקער אויסשטעלונג באצוועקט צו באקענען אונז ניט בלויז מיט די דערגרייכונגען וואס זיינען ביז איצט געמאכט געווארען, נאר זי צילט צו געבען אונז א באגריף אויך וועגען דעם מארגען, וועגען דעם ווי אזוי די וועלט וועט אויסזען און ווי אזוי מענשען וועלען לעבען אין דער צוקונפט.

אבער די „ווארלד'ס פעיר" פארנעמט זיך ניט אויפצוקלערען אונז אין דער ווייטער צוקונפט — די צוקונפט וועגען וועלכער מיר טרוימען, ווען די גאנצע וועלט וועט זיין באהערשט פון דעם סאציאליסטישען אידעאל און אלע מענשען וועלען לעבען גליקליך אין פרידען און אין פאלשטענדיגער פאליטישער און עקאנאמישער גלייכהייט. די „ווארלד'ס פעיר" צייגט אונז בלויז די נאהענטע צוקונפט, ווי אזוי שטעט וועלען זיין געבויט און ווי אזוי מענשען וועלען לעבען אין צעהן, צוואנציג און דרייסיג יאר ארום. דאס איז גראדע אינטערעסאנט, ווייל דאס איז אונזער צוקונפט, דער לעבען וואס מיר, פון דעם איצטיגען דור, וועלען נאך געניסען.

ווי אזוי זעהט אלזא אויס די וועלט פון מארגען? ווי אזוי וועלען מענשען דאן לעבען? וועלען זיי זיין גליקליכער ווי די מענשען זיינען היינט?

עס פארשטייט זיך, אז קיין גענויע בילד קען מען ניט געבען אפילו וועגען דער גאר נאהענטער צוקונפט. די סאציאלע וויסענשאפט, וועלכע פארנעמט זיך מיט דעם לעבען פון מענשען און מיט באציהונגען צווישען מענשען, איז ניט קיין מאטעמאטישע-וויסענשאפט וואס קען אויסגערעכענט ווערען אויף א האר. מען מוז האבען גענוג פארשטעלונגס-קראפט און פאנטאזיע צו מאהלען פאר זיך א בילד אפילו פון דעם מארגענדיגען טאג, ווייל טראץ דעם וואס די וועלט געהט אויף א מעהר אדער ווייניגער אויסגעטראטענעם וועג, ווייס דאך קיינער ניט וואס עס וועט פארקומען מארגען. מען קען זיך אבער פארשטעלען א בילד פון דעם מארגען אויפן גרונד פון דעם היינט, א דאנק די ערפארונגען וואס מיר האבען ביז איצט געהאט.

און די „ווארלד'ס פעיר" פירט אייך טאקע אריין שטופענווייז פון דעם נעכטען אין דעם היינט און פון דעם היינט אין דעם מארגען. איהר זעט דארט בילדער ווי אזוי מענשען האבען געלעבט אמאל, ווי אזוי זיי לעבען היינט און דאן צייגט מען אייך בילדער ווי אזוי די מענשען וועלען לעבען מארגען.

באטראכטענדיג די אויפטואונגען פון דעם מענשען אויף פארשידענע געביטען, טראגט אייך אפט אוועק די פאנטאזיע א סך ווייטער ווי די בילדער פון דעם מארגענדיגען לעבען. איר פרובירט ארייננקוקען אין דער ווייטערער צוקונפט, און וואס ווייטער אייער פאנטאזיע טראגט אייך אוועק פון דעם ווירקליכען לעבען אלץ מעהר ווערט איהר פארפלאנטערט אין פראגען וועלכע צעשטערען די שיינע און הערליכע בילדער וואס ווערען פאר אייך געמאהלען פון דעם לעבען פון מארגען.

איהר באזוכט די אויסשטעלונג פון דער דזשענעראל מאטארס קאמפאניע. דאס איז די שענסטע אויסשטעלונג אין דער אפטיילונג פון אינדוסטריען אויף דער „ווארלד'ס פעיר". מען צייגט אייך דארטען די שטאדט פון היינט, מיט דער ענגשאפט אין די הייזער און אויף די גאסען, מיט די פארשידענע איבלען פון דעם היינטיגען לעבען. דאן פירט מען אייך אריבער אין א שטאדט פון דעם יאהר 1960. מען צייגט אייך ווי אזוי די שטאט וועט זיין געבויט אין עטליכע און צוואנציג יאר ארום. ווי אזוי די גאסען און די אויטאמאביל וועגען וועלען זיין אויסגעלעגט, ווי אזוי מענשען וועלען ארבייטען און פארווילען זייער פרייע צייט. עס איז א פרעכטיגע בילד. איהר שטייט אויף א באוועגענדער פלאטפארמע און איהר זעט ווי פאר אייערע אויגען אנטפלעקן זיך צויבער שיינ פאנאראמעס פון די שטעדט פון דער צוקונפט. ווע איהר ווערט מיד שטייענדיג, קומען צו אייך צו ווייכ דיוואנעס און איהר זעצט זיך אוועק געמיטליך און איהר פארט אלץ ווייטער און ווייטער אין דער צוי בערליכער וועלט פון מארגען. די גאנצע אויסשטעלונ איז א מייסטערווערק פון ארכיטעקטור, סקולפטור און אינזשענערסקע קונסט.

די אויסשטעלונג פון דער דזשענעראל מאטאר קאמפאניע איז אזוי פאפולער ביי דעם עולם, אז דארטע שטייען שטענדיג לאנגע רייהעס מענשען ווארטענדי ביז זיי וועלען קענען אריינגיין אינעווייניג. אין שבת, אדער זונטאג, איז כמעט אונמעגליך אהין צ צוקומען.

פון דארט גייט איהר אריין אין דער געבידע פו דער פארד אויטאמאביל קאמפאניע. דארט צייגט מע אייך ווי אזוי אן אויטאמאביל ווערט געמאכט. די גאנצ אפעראציע פון בויען דעם אויטאמאביל געדויערט האלבע שטונדע. איהר פאנגט אן פון דעם פלאץ וואו די בלאטיגע שטיקער שטאל און אייזען ווערען אריינ געווארפען אין די עלעקטרישע אויוועוס און זיי ווערע צושמאלצען, אויסגערייניגט און אויסגעגאסען אין פאר שידענע פארמען. דאן גייט איהר פארביי די מא שינען וועלכע קלאפען אויס די פארשידענע טיילע פון דעם אויטאמאביל. די אויסגעקוועטשטע טייל ווערען אטאמאטיש אויפגעכאפט פון אנדערע מאשינע וואו זיי ווערען געשליפען און פאלירט ביז זיי קומע ארויס פארטיגע צו פארנעמען א באשטימטען פלא אין דעם אויטאמאביל.

אזוי גייט איהר דורך פון איין אפעראציע צו צווייטער ביז איהר ווערט באקאנט מיט אלע וויכטיג פראצעסען אין דער בויאונג פון דעם אויטאמאביל. ד זעט איהר ווי אזוי דער אויטאמאביל ווערט צונויפ געשטעלט און איהר האט פאר זיך א פארטיגען אוי טאמאביל.

אין די אויסשטעלונגען פון די אויטאמאביל קא פאניעס באקענט איהר זיך ניט נאר מיט דעם בוי פון אן אויטאמאביל, נאר מען גיט אייך א באגרי וועגען דער אנטוויקלונג פון דעם אויטאמאביל, פ דער ערשטער „דראזשקע אהן פערד", וואס פארד הא געמאכט מיט א יאהר דרייסיג צוריק, ביז די לעצ סטיילס פון „סטרימליין" אויטאמאבילען וואס מען זע איצט אויף די גאסען און וואס וועלען געבויט ווער אין די קומענדיגע יארען.

לעבען דער אויטאמאביל אויסשטעלונג געפי זיך די געבידע פון דער פייערסטאון טייער קאמפאני. דארט צייגט מען אייך ווי אזוי עס ווערט געמאכט גומענער טייער. דער גאנצער פראצעס פון מאכען טייער געדויערט פיר מינוט צייט, פון דעם מאמע וואס די פליסיגקייט פון די ראבער פלאנצונגען ווער אריינגעגאסען אין ריזיגע קעסלען, וואו עס ווערט ג קאכט און געקנאטען, ביז עס קומען ארויס לאנגע מענע פאסען, פון וועלכע עס ווערט אויסגעקלע דער טייער.

איהר גייט פון פאוויליאן צו פאוויליאן, און אי זעט מערקווירדיגע מאשינען — מאשינען, וועלכע טו ניט נאר פיזישע ארביט, נאר וועלכע העלפען ד מענשען טראכטען און צו פיהרען פאר איהם פא שידענע חשבונות. איהר זעט דארט א מאשין וועל זאגט אייך צו איהר האט געענטפערט שריפטליך או געוויסע פראגען ריכטיג צי ניט. דארט איז פאר אן עלעקטרישע מאשין וועלכע רעדט; א מאשין וועל מאכט דונערען און בליצען, און א מאשין וועל שטריקט פאדים פון גלאז און פארשידענע ווארעס.

און אט זייט איהר אין דעם פאוויליאן פון ד דיו פאנט קאמפאניע. דארט אנטפלעקט זיך פאר אי גאר א נייע וועלט. איהר זעט די וואונדער וואס כעמישע אינדוסטריע האט אויפגעטאן. האלץ ווע פארוואנדעלט אין גלאז; ברעטער און קלעצער אויף בויען הייזער ווערען געמאכט פון בוים-וואל (קאט פארשידענע ווארעס ווערען געשאפען פאר אייך די אויגען, און גאנץ נייע שטאפען ווערען געשא דורך א געמיש פון פליסיגקייטען.

איהר קענט זיך ניט אפוואונדערען פון די מער ווירדיגע זאכען וואס איהר זעט. עס דוכט זיך א אז איהר זעט א כשוף שפיל — די כעמיקער, ש

באנוצט דעם סטראשונאק פון רואינירען דאס עקאנאמישע לעבען פון שטאט.

דער ביישפיל פון מאסילאן, מיט קליינע ענדערונגען, שפיגעלט אפ מיט זיך דעם צוזאמענשטעל און טעטיקייט פון אלע „בירגער קאמיטעטען" וואס זיינען אויפגעקומען אין דעם לעצטען האלבען יארהונדערט. אט די קאמיטעטען זיינען אויפגעקומען ווען אינדוסטריעלע קאמפען, מיליטאנטער יוניאניזם און מאסען אויפרעגונג האט געשאפען געזעלשאפטליכע געשפאנטקייט. זיי זיינען געשאפען געווארען, ענטוועדער אלס צוגאב צו די געזעצען, געריכטען, שטאטישע און פריוואטע פאליציי, אדער זיי האבען פונקציאנירט אין פלעצער וואו די בעלי בתים האבען געגלויבט אז די אלע מאכט-אינסטיטוציעס זיינען ניט גענוג ווירקזאם אן זייער הילף. זיי זיינען הויפטזעכליך געשאפען געווארען אין געגענדען וואו אן איינצעלנע אדער א גרופע פון פארבינדענע אינדוסטריען האבען באהערשט דעם געגענד. אין אזעלכע פלעצער איז דאס גאנצע לעבען פון דער געמיינדע, צום גרעסטען טייל אפהענגיג אן דער איינציגער אדער עטליכע קארפאריישאנס. די בעלי בתישע אינטערעסען ווייזען ארויס אן אויסערגעוויינליכע צוזאמענגעבונדענקייט און די מיטעל-קלאס גרופען פון פראפעסיאנאלען און קליינע געשעפטסלייט זיינען פונקט אזוי אפהענגיג פון די קארפאריישאן באסעס ווי עס זיינען די ארבייטער וועלכע זיי באשעפטיגען. א סטרייק געגען די קארפאריישאנס מיינט אטאקירען די גאנצע עקאנאמישע סטרוקטור פון דער קהילה. אזוינע געגענדען, וואו דער לעבענס שטייגער שאפט אזא האלבקרענקליכען געזעלשאפטליכען צושטאנד, זיינען באזונדערס מסוגל פאר גרופען-קאמפען און געוואלד-טאטען. די ליניע פון געזעלשאפטליכער אדער עקאנאמישער פאנאנדערטיילונג איז אין די פלעצער קלאר געצויגען. אין אזוינע אומשטענדען געדייען די „געזעץ און ארדנונג ליגעס" און ארבייטען מיט ענטשיידענעם ערפאלג. די געשיכטע פון עטליכע אזוינע ארגאניזאציעס און די רעזולטאטען פון זייער טעטיגקייט אין דער פארגאנגענהייט וועלען מיר געבען אין די נעקסטע ארטיקלען.

דאַכט זיך אייך, באַשאַפען זאַכען פון גאָר ניט — פון פייער און וואַסער.

איהר באַטראַכט די פאַרשידענע פּראָצעסען פון אַרבייט און איהר באַוואונדערט די מאַשינען, וועלכע אַרבייטען אַזוי געשיקט, אַזוי האַרמאָניש, אַז קיין סע־קונדע צייט און קיין אומזיסטע ענערגיע ווערט ניט פאַרלאָרען. איהר באַמערקט, אַז אין די אַלע קאָמ־פּליצירטע פּראָצעסען פון אַרבייט האָט איהר געזען ווייניג מענשען. די גאַנצע אַרבייט איז געמאַכט פון מאַשינען, אייך געפעלט דאָס, די מאַשינען ווערען איינ־געשפּאַנט אַלץ מעהר און מעהר צו דינען דעם מענ־שען און צו מאַכען די אַרבייט פאַר איהם לייכטער.

אָבער גלייך לויפט דורך אַ געדאַנק אין אייער מוח, וועלכער באַאונרוהיגט אייך זעהר שטאַרק. אויב די מאַשין פאַרנעמט אַלץ מעהר און מעהר דעם פּלאַץ פון דעם מענשען ביי דער אַרבייט, טאָ פון וואָס וועט דער מענש מאַכען אַ לעבען? און וואָס וועט ער טאָן מיט זיין פרייער צייט?

די דאָזיגע פראַגען ערגערען אייער מוח. איהר ווייסט דעם טעם פון אַרבייטסלאָזיגקייט. מיר האָבען היינט צו טאָג וואַסערע עלף מיליאָן אָדער מעהר אַר־בייטסלאָזע. היינט וואָס וועט זיין, ווען עס וועלען געמאַכט ווערען נאָך ערפינדונגען און עס וועלען גע־בויט ווערען נייע אַרבייט־שפּאָרענדע מאַשינען?

איהר פּרובירט זיך טרייסטען, אפשר וועט דער מענשליכער מוח, וועלכער האָט זיך דערטראַכט צו אַזעלכע גענִיאַלע זאַכען, אויך געפינען אַ וועג צו לייזען די אַנגעווייטאָגטע פראַגע פון אַרבייטסלאָזיגקייט, אַזוי אַז די מאַשין זאָל זיין אַ ברכה פאַר דעם מענשען צו מאַכען לייכטער און באַקוועמער זיין לעבען, אַנשטאָט צו ברענגען אומזיכערקייט און הונגער און נויט צו מיליאָנען אַרבייטסלאָזע. איהר זייט אָבער ניט זיכער אין דעם, און די גאַנצע הערליכע בילד פון דער וועלט פון מאָרגען ווערט פאַרצויגען מיט אַ דיקען טומאַן.

אָבער לאָמיר ניט צושטערען די שיינע אילוזיעס וואָס עס ווערען ביי אייך געשאַפען אויף דער וואָירלד'ס פעיר, און לאָמיר פאָרזעצען אונזער רייזע אין דער „וועלט פון מאָרגען".

איהר באַזוכט די אויסשטעלונג פון דער עדיסאָן קאָמפּאַניע. דאָרט צייגט מען אייך „די שטאָט פון ליכט". דאָס איז אַ מערקווירדיגע בילד פון דער שטאָט ניו יאָרק אין טערמינען פון עלעקטרישע באַלייכטונג וואָס די שטאָט פאַרברויכט אין פאַרשידענע שטונדען אין פאַרלויף פון 24 שעה צייט. די גאַנצע אויסשטאַטונג איז אַ מייסטערווערק. ווען איהר באַזוכט די „וואָירלד'ס פעיר" דאַרפט איהר ניט פאַרפעלען צו זעהן די „שטאָט פון ליכט".

איך האָב דאָ דערמאָנט בלויז אייניגע פון די וויכטיגסטע זאַכען וואָס וועלען פאַראינטערעסירען יע־דען באַזוכער פון „וואָירלד'ס פעיר". ווען מען זאָל וועלען גוט באַטראַכטען אַלעס וואָס עס איז דאָ צו זעהען אין די אינדוסטריעלע אויסשטעלונגען אויף דער „וואָירלד'ס פעיר", דאַרף מען דאָרט פאַרברייגען צום ווייניגסטענס עטליכע טעג צייט. מיר וועלען דאָך אָבער אַ קוק טאָן, כאָטש אויבערפלעכליך, וואָס עס טוט זיך אין דער אויסלענדישער אָפּטיילונג וואו עס געפינען זיך די פּאַוויליאָנען פון די פאַרשידענע מלוכות פון גאָר דער וועלט. דעריבער וועלען מיר מוזען אויסלאָזען אַ סך זאַכען אין דער אינדוסטריעלער טייל און אַריבערשפּאַצירען אין דער אויסלענדישער טייל פון דער אויסשטעלונג.

אָבער ווי אַזוי קען מען אַוועקגיין פון דעם טייל פון דער „וואָירלד'ס פעיר" און ניט אַריינקוקען אין דער „פּעריספעיר". דער „פּעריספעיר" איז דער רי־זיגער באַל וואָס שטייט צוזאַמען מיט דעם „טראַילאָן", די הויכע פּיראַמידע, אַלס דער סימבאָל פון דער „וועלט פון מאָרגען". וואָס איז די הויפּט טעמע פון דער „וואָירלד'ס פעיר". אינעווייניג אין „פּעריס־פעיר" געפינט זיך „דעמאָקראַסיטי". די שטאָט פון דער צוקונפט. די גאַנצע אויסשטאַטונג אינעווייניג אין „פּעריספעיר" איז ענליך צו דער אויסשטעלונג אין דער דזשענעראַל מאָטאָרס פּאַוויליאָן. אָבער עס איז אינטערעסאַנט דאָס צו זען, ווען אַפילו מען דאַרף באַצאָלען 25 סענט פאַר אַריינגיין אינעווייניג.

אַ צווייטע זאַך וואָס איהר מוזט אָנקוקען אידער איהר גייט אַוועק פון דער טייל פון דער „וואָירלד'ס פעיר", איז די אויסשטעלונג אין דעם זאַל פון ביל־דונג און וויסענשאַפט. דאָרט באַקענט איהר זיך מיט די גענִיאַלסטע ערפינדונגען; איהר זעט דאָרט די „מעכאַנישע האַרץ" וואָס קוירנעל לינדבערג און פּראָ־פעסאָר קאַרעל האָבען ערפונדען; עס איז דאָרט פאַראַן אַ גלעזערנער מענש ביי וועלכען איהר זעט ווי די האַרץ קלאַפּט, ווי ער אָטעמט, ווי די בלוט צירקולירט און ווי אַזוי די גאַנצע אינגעווייד אַרבייט. איהר זעט דאָרט אויך די אַנטוויקלונג פון אַ בעיבי פון דעם ער־שטען טאָג זינט די מוטער פאַרשוואַנגערט, ביז עס ווערט געבוירען. עס איז איינע פון די אינטערעסאַנט־סטע און באַלערענדסטע אויסשטעלונגען אויף דער „וואָירלד'ס פעיר".

איצט שפּאַצירען מיר אַריבער אין דער אויסלענ־דישער אָפּטיילונג. מיר געפינען זיך לעבען דער פּראַכטפולער אָזערע „די לאַגון אָוו נעישאַנס", פון וועלכער עס שלאָגען פילע פאָנטאַנען. איהר זעט פאַר זיך איינע פון די שענסטע בילדער וואָס אייער פאַנטאַזיע קען פאַר אייך אויסמאָלען. די בילד איז נאָך פּרעכטיגער ביי נאַכט ווען די פאָנטאַנען ווערען באַלויכטען פון קאָלירטע עלעקטרישע לאָמפּען. די גאַנצע געגענט אַרום ווערט באַגאָסען מיט פּרעכטיגע ליכט שטראַלען וואָס שפּיגלען זיך אָפּ פון די פאָנטאַנען.

איהר קוקט זיך אַרום. פאַראויס איז דער ריזיגער אָפענער פּלאַץ, וועלכער איז באַוואוסט אַלס „די קאָורט אָוו פּיעס". דער פּלאַץ פון פרידען. פּונקט אַנטקעגען, אין סאַמע פּראָנט, איז די פּראַכטפולע געביידע פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. רעכטס איז די אימ־פּאָזאַנטסטע און שענסטע געביידע אויף דער „וואָירלד'ס פעיר", דאָס איז דער רוסישער פּאַוויליאָן. די גע־ביידע האָט אַ הויכען טורעם אויף וועלכען עס שטייט אַן אַרבייטער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, אין אַ פאַרזוך צו דערגרייכען אַ שטערען. דאָס איז דער סימ־באָל פון דער שטרעבונג פון דער נייער רוסלאַנד.

די רוסישע געביידע איז די העכסטע פון אַלע אויסלענדישע פּאַוויליאָנען און מען קען זי זען אין אַלע ווינקלאַך פון דער „וואָירלד'ס פעיר".

צו רעכטס פון דער אַמעריקאַנער געביידע איז דער פּראַכטפולער פּאַוויליאָן פון דער איטאַליענישער רע־גירונג. די גאַנצע געביידע איז איין ריזיגער וואַסער־פאַל. דאַן קומען די פּראַכטפולע פּאַוויליאָנען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. אַרום און אַרום זיינען די פּאַוויליאָנען פון די עטליכע און פופציג אַנדערע מלוכות. אייניגע מלוכות האָבען שוין פאַרלוירען זייער אומאָפּהענ־גיגקייט זינט זייערע פּאַוויליאָנען זיינען אויפגעבויט געוואָרען. טשעכאָסלאָוואַקיע איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון היטלער'ן און אַלבאַניע איז פאַרנומען געוואָרען פון מוסאָליני'ן. זייערע פּאַוויליאָנען שטייען אין טרויער נאָך דער פאַרלוירענער פרייהייט און אומאָבהענגיגקייט פון די צוויי פעלקער.

פאַר אידישע באַזוכער איז ספּעציעל אינטערע־סאַנט צו באַזוכען דעם פּאַלעסטינע פּאַוויליאָן, וואו עס ווערט געשילדערט די אַנטוויקלונג פון ארץ ישראל פאַר די לעצטע פיר צענדליג יאָר, ווי אויך דער דראַ־מאַטישער קאַמף וואָס עס קומט דאָרט איצט פאַר מיט די אַראַבער טעראָריסטען. אין דעם פּאַלעסטינע פּאַ־וויליאָן ווערען געוויזען מוסטערען פון די דאָרטיגע אינדוסטריען און די דערגרייכונגען פון די פאַרשידענע קולטורעלע אינסטיטוציעס.

עס איז מערקווירדיג אינטערעסאַנט צו באַזוכען די דאָזיגע פּאַוויליאָנען פון די פאַרשידענע לענדער. יעדע מלוכה האָט געזוכט אויסצופּייערען זיך פאַר דער וועלט און זי האָט אַראָפּגעבראַכט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע וואָס זי פאַרמאָגט אַלס ביישפּילען פון איהרע אויפטואונגען און דערגרייכונגען. יעדער פּאַ־וויליאָן איז אויסגעשטאַטעט אויף אַן אייגענאַרטיגען אופן וואָס שפּיגעלט אָפּ דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון באַטרעפענדען לאַנד. ווען איהר גייט דורך די פּאַ־וויליאָנען פון די אויסלענדישע מלוכות באַקענט איהר זיך מיט דער נאַטירליכער שיינקייט פון די פאַרשידענע לענדער און מיט דעם לעבען און מנהגים פון כמעט אַלע פעלקער פון דער וועלט.

די אונטערשטע שורה איז אַז די „וואָירלד'ס פעיר" איז די בעסטע „שאָו" וואָס איר קענט זעהען. איהר האָט דאָרט ניט נאָר פיל צו זעהען, נאָר אויך פיל צו לערנען. נאָך דעם ווי איהר באַטראַכט די וויכ־טיגסטע אויסשטעלונגען, פילט איהר אַז איהר האָט זיך באַקענט מיט דער גאַנצער וועלט, און אַז איהר האָט געקראָגען אַ באַגריף וועגען די וויכטיגסטע אויפטו־אונגען פון דעם מענשען — אויפטואונגען וועלכע באַ־איינפלוסען ניט נאָר די וועלט פון היינט, נאָר זיי לייגען אויך דעם פונדאַמענט פאַר דער וועלט פון מאָרגען. איהר גייט אַוועק פון דער „וואָירלד'ס פעיר" מיט דעם געדאַנק אַז מיר האָבען אַ שיינע וועלט, אין וועלכער אַלע מענשען האָבען געקענט לעבען גליקליך אַפילו היינט. אָבער די מענשען אַליין פאַרפּאַסקו־דיען די וועלט און דערפאַר האָבען מיר אַזוי פיל מענשען, וועלכע ליידען הונגער און נויט, כאָטש עס איז פאַראַן מעהר ווי גענוג פאַר אַלעמען צו עסען.

עס ווילט זיך אָבער האָפען אַז דער מענש וועט ענדליך קומען צום שכל און ער וועט אַזוי אָרגאַניזירען זיין לעבען, אַז די וועלט פון מאָרגען וועט ברענגען פרייהייט. פרידען און עקאָנאָמישע זיכערקייט פאַר אַלע מענשען.

דוד מענעס.

בטחון

די ערד האָט שפע אָנגעגרייט.
דער מענש, אינמיטען, הענט צושפּרייט,
שטייט אין ליכט וואָס שיינט אַראָפּ
און פאַלט מיט חסד אויף זיין קאָפּ.

פלוצלים פלאַטערט אויף אַ פאָן.
דער טאָג פאַרגייט אַ נאַכט קומט אָן,
שוואַרץ ווי פעך און גלות לאַנג,
רופט זי וועלט צום אונטערגאַנג.

קאַלטער שמאָל און שאַרפער שווערד
שניידט אַראָפּ דאָס גוטס פון דר'ערד.
און דאַכט זיך אַז דער סוף קומט אָן...

(ניט שרעק זיך, קינד, ס'איז ניט דער סוף.
די נאַכט פאַרגייט, די זון שיינט אויף
און דער מענש, ביים שיין פון ליכט,
געווינט צוריק זיין גלייכגעוויכט.)

אַ טאָג פאַרגייט, אַ טאָג קומט אָן.
שטאַרק און זיכער פלאַטערט פאָן,

און אַלץ וואָס הייליק הפקר ווערט
(אַזוי איז שוין פון גאָט באַשערט...)

און דער מענש הכנעה'דיג,
לאַנגזאַם טרעט דעם וועג צוריק.
בייגט זיין קאָפּ צום בייזען ווינט
און צאָלט מיט בלוט פאַר זיינע זינד.

(ניט שרעק זיך, קינד, די נאַכט פאַרגייט,
אַ נייער טאָג איז צוגעגרייט.
רואיק שלאָף — ס'איז ניט אויף לאַנג,
דאָס איז נאָר אַן איבערגאַנג...)

אַט פלאַטערט אויף אַ נייע פאָן.
זע ווי די מחנות קומען אָן,
נעמען מיט געזאַנג איר אויף
און מאַכען צו דער נאַכט אַ סוף.

אַ טאָג קומט אָן, די נאַכט פאַרגייט,
אַ בלויער הימעל ז'אויסגעשפּרייט,
שפע שטראָמט אַרויס פון דר'ערד
און יעדער קריגט וואָס איהם באַשערט...

די אַנטשטייאונג פון טרייד יוניאָנס און אַרבייטער פּאַרטייען אין אַמעריקע

פון א. יאָזעפסאָן.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע אין די זעכציגער יאָרען פון 19טען יאָרהונדערט

די מאָדערנע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע האָט שוין הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע. נאָך אין יאָר 1850, דאָס הייסט, מיט קנאַפּע ניינציג יאָר צוריק, זיינען שוין געווען אין אַמעריקע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך אָפיציעל ערקלערט אַלס סאָציאַליסטישע, אָבער די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען בלויז אָנגעהויכט מיט סאָציאַליסטישע געדאַנקען און האָבען זיך געשטעלט אַלס ציל צו פּראָפּאַגאַנדירען די סאָציאַליסטישע אידייען און שטיצען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אינ'ם היגען לאַנד. אַ זעלבסטשטענדיגע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל האָבען אַ סאָציאַליסטישע פּראָגראַם און טאַקטיק, האָט זיך ערשט אַנטוויקעלט אין די זעכציגער יאָרען פון 19טען יאָרהונדערט.

אָבער קודם כל דאַרף געזאָגט ווערען, אַז אַ גרויסע ראָלע אין דער פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליזם און אויפבויען אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקע, פון 1850 ביז 1890, האָבען געשפּילט די דייטשע אימיגראַנטען, וואָס זיינען דעמאָלט געקומען אין גרויסע מאַסען קיין אַמעריקע.

כדי צו האָבען אַ שטיקעל באַגריף ווי גרויס עס איז געווען דער דייטשער אימיגראַנטען שטראָם קיין אַמעריקע אין דעם צווייטען העלפט פון 19טען יאָרהונדערט, וועלען מיר דאָ ברענגען אַ ביסעל ציפערען.

פון 1841 ביז 1850 האָבען אימיגרירט קיין אַמעריקע 434,626 דייטשען; פון 1851 ביז 1860 האָבען אימיגרירט קיין אַמעריקע 951,667 דייטשען; פון 1861 ביז 1870 — 787,968 דייטשען; פון 1871 ביז 1880 זיינען געקומען אין אַמעריקע 718,182 דייטשען; פון 1881 ביז 1890 זיינען געקומען קיין אַמעריקע 1,452,970 דייטשען; פון 1891 ביז 1900 זיינען געקומען 505,152 דייטשען. אין אַנדערע ווערטער, אין לויף פון 60 יאָר זיינען געקומען צו די אַמעריקאַנער ברעגען נאָענט פון פינף מיליאָן דייטשען.

נאָך דער רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד אין 1848, האָבען אַ סך רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטען פון דייטשלאַנד געמוזט אַנטלויפען קיין אַמעריקע, וואו זיי האָבען געקראָגען שוץ און פרייהייט. צווישען די דעמאָלדיגע דייטשע פליכטלינגע זיינען געווען אַ היפּשע צאָל סאָציאַליסטישע שרייבער, רעדנער און פּראָפּאַגאַנדיסטען, וואָס האָבען נישט אויפגעהערט צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם סאָציאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע.

צווישען די וויכטיגע דייטשע סאָציאַליסטישע פירער, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע אין אָנהויב פון די פופציגער יאָרען פון 19טען יאָרהונדערט, זיינען געווען: ווילהעלם וויטלינג, פ. א. זאָרגע, דזשאָזעף ווידמייער, דר. עדמונד איגנאַץ קאָך, זיגפריד מייער און אַנדערע.

ווילהעלם וויטלינג איז געווען אַ מערקווירדיגע פּערזענליכקייט. וויטלינג איז געבוירען געוואָרען אין 1808 אין מאַגדענבורג, דייטשלאַנד. ער איז געוואָרען אַ שניידער. אָבער ער האָט אין די יונגע יאָרען גערייזט אין פראַנקרייך, שווייצאַריע און ענגלאַנד. אין לאָנדאָן האָט ער אָרגאַניזירט אַן אַרבעטער בילדונגס־פאַראיין. אין 1838 האָט וויטלינג אָנגעשריבען אַ בוך, וואָס האָט געהייסען „די וועלט ווי אַזוי זי איז און ווי אַזוי זי דאַרף זיין". דער בוך האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם און איז איבערגעזעצט געוואָרען אין פילע שפּראַכען. די רעגירונגען פון פראַנקרייך און שווייצאַריע האָבען וויטלינג'ן אַרעסטירט פאַר פּראָפּאַגאַנדירען דעם סאָציאַליזם. ווען ער איז נאָך אַ לענגערע צייט זיצען אין די טורמעס באַפרייט געוואָרען איז ער אָפּגעפאָרען אין בעלגיע, וואו ער איז אַריינגעטראָטען אין דעם דייטשען אַרבעטער פאַראיין אין ברוסעל, וועלכער האָט געהאַט אַלס פירער דעם יונגען קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. ער איז שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרען מיט די דעמאָלדיגע נאָך יונגע סאָציאַליסטישע פירער. אין 1846 איז ער געקומען אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע, וואו ער איז איינגעלאַדען געוואָרען פון אַ גרופּע דייטשע „פרייע ערדניקעס", ער זאָל ווערען דער רעדאַקטאָר פון זייער אָרגאַן „פאָלקס טריבון", אָבער ווען עס איז אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד אין 1848 איז ער צוריקגעפאָרען קיין דייטשלאַנד און זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רעוואָלוציע. די דייטשע רעגירונג האָט אים אַרעסטירט און נאָך אַ יאָר צייט זיצען אין טורמע האָט אים די דייטשע רעגירונג באַפרייט מיט'ן תנאי, אַז ער זאָל אָפּפאָרען קיין אַמעריקע. ער האָט אַזוי געטאָן, און ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין 1849 האָט ער דאָ גלייך געגרינדעט אַן אַרבעטער פאַראיין, וואָס ער האָט אָנגערופען אַרבעטער בונד מיט אַ צענטראַלען אָפיס אין ביקמאַן סטריט. וויטלינג האָט אויך אין יענעם יאָר געגרינדעט אַ צייטונג מיט'ן נאָמען „די רעפּובליק דער אַרבעטער". מיט אים צוזאַמען האָט געאַרבעט דר. עדמונד איגנאַץ קאָך, אַ מענש וואָס איז אויך געווען אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אייראָפּע.

אַ צווייטער סאָציאַליסטישער פליכטלינג איז געווען דזשאָזעף ווידמייער. ער איז געקומען קיין ניו יאָרק אין 1851 און האָט גלייך אַרויסגעגעבען אַ מאָנאַטליכען זשורנאַל „די רעוואָלוציאָן".

אָבער דער וויכטיגסטער פירער פון דער דעמאָלדיגער דייטשער סאָציאַליסטישע גרופּע איז געווען פ. א. זאָרגע.

זאָרגע ווערט פאַררעכענט אַלס דער פאָטער פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם אין אַמעריקע.

זאָרגע איז געבוירען געוואָרען אין זאַקסען און גענומען אַן אַנטייל אין דער רעוואָלוציע פון באַדען אין 1849, וואו ער איז שפּעטער אַנטלאָפען אַלס פליכטלינג קיין שווייצאַריע. אין 1851 איז ער געקומען קיין לאָנדאָן און אין דעם זעלביגען יאָר האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע. ער האָט זיך דערנערט אַלס אַ מוזיקלערער. ער האָט זיך באַטייליגט אין דעם קאָנגרעס פון דעם ערשטען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין האַג אין יאָר 1872. ער האָט זיך פערזענליך באַפריינדעט מיט מאַרקס און ענגעלס, און זאָרגע איז דערוויילט געוואָרען אַלס פאָרטרעטער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אין אַמעריקע. אַ פּאָזיציע, וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטען ביז זיין טויט אין 1896. ער האָט געשריבען זייער פיל סאָציאַליסטישע אַרטיקלען און איז געווען אַ לענגערע צייט אַ מיטאַרבעטער פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליסטישען זשורנאַל „נייע צייט".

דער ערשטער גרויסער אַרבעטער פאַראיין אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך ערקלערט סאָציאַליסטיש, איז געווען דער דייטשער גימנאַסטיק פאַראיין (טורנפאַראיין). דעם 5טען אָקטאָבער 1850 האָבען די טורן־פאַראיינען אָפּגעהאַלטען אַ קאָנווענשאָן אין פילאַדעלפיע. אויף דער קאָנווענשאָן זיינען געווען פאָרטרעטער פון ניו יאָרק, באָסטאָן, באַלטימאָר, פילאַדעלפיע און אַנדערע שטעט. אויף דער דאָזיגער קאָנווענשאָן איז באַשלאָסען געוואָרען צו בייטען דעם נאָמען פאַראייניגטע טורנפאַראיינען פון נאָרד־אַמעריקע אויף דעם נאָמען „סאָציאַליסטישע טורנבונד". די פּרינציפּען־דערקלערונג וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אויף דער דאָזיגער קאָנווענשאָן האָט געלויטעט, אַז דער סאָציאַליסטישער טורנבונד וועט שטיצען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און וועט אַרבעטען פאַרן סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליסטישער טורנפאַראיין האָט געהאַט זיבעצען לאָקאַלען, און איניגע לאָקאַלען האָבען פאַרמאָגט נאָענט צו דריי הונדערט מיטגלידער. דער סאָציאַליסטישער טורנפאַראיין האָט אַרויסגעגעבען אַ צייטונג, וואָס האָט געהייסען „טורנצייטונג".

אין דער צייט פון בירגערקריג (1861—1865) האָבען די מיטגלידער פון סאָציאַליסטישען טורנבונד אַרויסגעוויזען אויסערגעוויינליכע העלדישקייט און האָבען געהאַט עטליכע גענעראַלען אין לינקאָלנ'ס אַרמיי, ווי די גענעראַלען: פראַנץ, סיגעל און אַנדערע.

אין 1853 האָט דזשאָזעף ווידמייער אָרגאַניזירט דעם אַמעריקאַנישען אַרבעטער פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל אויפצובויען אַ זעלבסטשטענדיגע אַרבעטער־פּאַרטיי און העלפען די יוניאָנס אין זייערע קאַמפּען. ווידמייער האָט אָרגאַניזירט דייטשע ברענטשעס פון דעם אַמעריקאַנישען אַרבעטער־בונד אין ניו דזשוירזי, אָהייאָ און פּענסילווייניע. אַן ענגלישער לאָקאַל פון דעם אַמעריקאַנישען אַרבעטער בונד איז געגרינדעט געוואָרען אין וואַשינגטאָן. ווידמייער האָט אויך אין 1853 אַרויסגעגעבען אַ צייטונג אונטער'ן נאָמען „די רעפאָרם".

אין אָקטאָבער 1857 האָבען אַ גרופּע מאַרקסיסטען אין ניו יאָרק מיט זאָרגע אין דער שפּיץ אָרגאַניזירט אַ קאָמוניסטישען קלוב. דער קאָמוניסטישער קלוב איז געשטאַנען אין שטענדיגער פאַרבינדונג מיט די סאָציאַליסטישע פירער פון אייראָפּע און אין 1867 איז דער קאָמוניסטישער קלוב געוואָרען די סעקציע פון דעם ערשטען אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט זיך גערופען „אינטערנעשאָנאַל וואָירקינגמענס אַסאָסיאיישאָן"— אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד.

אָבער אין 1861 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער בירגערקריג אין די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע, און סיי די יוניאָנס, סיי די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס זיינען זיך צופאַלען און כמעט ווי אָפּגעווישט געוואָרען פון דער אַמעריקאַנער ערד.

אַ נייער פּעריאָד האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דער היגער סאָציאַליסטישער באַוועגונג נאָך דעם בירגערקריג פון 1865. אין לאָנדאָן איז אין 1864 געגרינדעט געוואָרען דער ערשטער אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל, וואו מאַרקס און ענגעלס זיינען געווען די פירער. און אין 1863 האָט דער באַרימטער סאָציאַליסטישער רעדנער און שרייבער פערדינאַנד לאַסאַל אַנטוויקעלט אַ ריזיגע אַגיטאַציע, אַז דער אַרבעטער קלאַס זאָל זיך אָפּגעבען מער מיט אַרבעטער־פּאָליטיק און זען אַריינצוקריגען די רעגירונגס־מאַכט אין זיינע הענט. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס האָבען געגעבען אַ שטאַרקען שטויס די היגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

די וויכטיגע דייטשע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע פון דעם ערשטען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל איז געווען די אַלגעמיינע אַרבעטער יוניאָן, אָדער ווי זי האָט זיך גערופען: דזשענעראַל וואָירקינגמענס יוניאָן, וועלכע איז געווען די סעקציע איינס פון דעם ערשטען אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל.

דערביי איז כאַראַקטעריסטיש צו דערמאָנען, אַז די קאָנסטיטוציע פון דער דזשענעראַל וואָירקינגמענס יוניאָן דערקלערט:

„אויב אין אייראָפּע קען זיך דער אַרבעטער קלאַס נישט באַפרייען סיידען דורך אַ רעוואָלוציע, איז אָבער אין אַמעריקע וואו עס הערשט די אַלגעמיינע וואַל־רעכט, איז מעגליך, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל, דורך אויפקלערונג, אַראָפּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון קאַפּיטאַליזם". (זע: פּראָפ. קאָמאָנס, היסטאָרי אָוו לייבאָר אין די יונייטעד סטייטס, באַנד 2, זייט 208).

אין 1868 האָט די דזשענעראַל וואָירקינגמענס יוניאָן און דער קאָמוניסטען קלוב פון ניו יאָרק געגרינדעט די סאָציאַל פּאַרטיי מיט זאָרגע אַלס פּרעזידענט. די סאָציאַל פּאַרטיי איז נישט געווען קיין שטרענגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. נאָר גיכער קען מען באַצייכענען זי אַלס אַ לייבאָר פּאַרטיי, ווייל אין איר פּראָגראַם האָט די סאָציאַל פּאַרטיי געפאָדערט אַ ריי סאָציאַלע רעפאָרמען פאַר די אַרבעטער, ווי אַ פּראָגרעסיווען אינקאָםטעקס, אַן אַכט שעה'דיגען אַרבעטס־טאָג, די באַנקען זאָלען נישט טאָרען אַרויסגעבען קיין אייגענע געלדער א. ד. ג.

דער עקזעקוטיוו קאָונסיל פון דער סאָציאַל פּאַרטיי האָט זיך געשטעלט אַלס זיין אויפגאַבע צו אָרגאַניזירען טרייד יוניאָנס און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס.

די נאַציאָנאַלע אַרבעטער יוניאָן האָט אויף איר קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין 1869 אין פילאַדעלפיע, באַשלאָסען צו שיקען אַ דעלעגאַט צו דער קאָנווענשאָן פון דעם ערשטען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין באַזעל, שווייצאַריע. אַלס דעלעגאַט צו דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל איז אויסגעקליבען געוואָרען דער באַקאַנטער אַרבעטער־פירער קאַמעראָן.

אָבער אין 1869 האָט זיך אין שיקאַגאָ אָרגאַניזירט אַ דייטשע אַרבעטער אַסאָסיאיישאָן, וואָס איז געווען אונטער'ן איינפלוס פון די אָנהענגער פון לאַסאַל, און האָבען אָנגעהויבען אַרויסגעבען אַן אַרבעטער צייטונג אונטער'ן נאָמען „דער דייטשער אַרבעטער" מיט קאַרל קלינגע אַלס רעדאַקטאָר. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע האָט אַנטוויקעלט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די אַרבעטער דאַרפען זיך פאַרנעמען מער מיט פּאָליטיק ווי מיט עקאָנאָמישע פראַגען און יוניאָנס. אין 1874 האָט זיך אין אילינאָי סטייט געגרינדעט אַ לייבאָר פּאַרטיי, וועלכע איז געשטאַנען אינגאַנצען אונטער דער פירערשאַפט פון

די לאַסאַליאַנער. אין חודש מאַי פון 1874 איז אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט געוואָרן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי פון נאָרט אַמעריקע, וועלכע איז אויך געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון די לאַסאַליאַנער.

די פּרינציפּען דערקלערונג פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעטער פּאַרטיי פון נאָרט אַמעריקע האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

1) די אָפּשאַפונג פון די איצטיגע אומגערעכטע פּאָליטישע און סאָציאַלע איינריכטונגען.

2) אָפּשאַפען די פּריווילעגיעס פון קלאַסען און קלאַסען־הערשאַפט.

3) דאָס אויפשטעלען פון קאָאָפּעראַטיווען אויפ'ן פּלאַץ פון לוין־סיסטעם, כדי יעדער אַרבייטער זאָל באַקומען די פולע ווערט פון זיין אַרבעט.

4) זען צו קריגען די פּאָליטישע מאַכט, כדי צו לעזען די אַרבעטער פּראָבלעמען.

5) אַ פאַראייניגטער קאַמף, אַ פאַראייניגטע אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבעטער קלאַס.

6) געבען שטיצע די אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס שטרעבען צו די זעלביגע צילען.

אין 1871 איז אין פּאַריז געגרינדעט געוואָרן די קאָמונע. ווען די פּאַריזער קאָמונע איז דורכגעפאַלען זיינען אַ סך פּליכטלינגע רעוואָלוציאָנערען געקומען קיין אַמעריקע און האָבען אַ סך מיטגעהאָלפען די היגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

אין 1872 האָט דער קאָנגרעס פון דעם ערשטען סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרן אין האַג, באַשלאָסען צו טראַנספּערירען קיין ניו יאָרק דעם גענעראַל קאָונסיל פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, און דער סאָציאַליסטישער פּידער זאָרגע איז ערווילט געוואָרן אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

אין 1872 איז אין ניו יאָרק פאָרגעקומען אַ ריזיגע דעמאָנסטראַציע פאַר אַן אַכט שעה'דיגען אַרבעטס־טאָג, וואו עס האָבען זיך באַטייליגט העכער פון צוואַנציג טויזענט מענשען. די ניו יאָרקער סעקציעס פון דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל האָבען זיך שטאַרק אָנגעזען אין דער דעמאָנסטראַציע מיט זייערע אייגענע פענער.

אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע איז געווען צוברעקעלט. עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישען די אָנהענגער פון לאַסאַלן און די אָנהע'נגער פון מאַרקס'ן. עס האָבען עקזיסטירט פיר באַזונדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך גערופען: די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי, די ליבאָר פּאַרטיי פון אילינאָיז, די פּאָליטישע אַרבעטער יוניאָן פון סינסינעטי, און די נאָרט אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

די באַזונדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען געזען, אַז מיט זייער צושפּאַלטענקייט קען קיין איין סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע נישט האָבען קיין ווירקונג ניט אין די יוניאָנס און ניט אויפ'ן פּאָליטישען לעבען פון לאַנד, האָבען די באַזונדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו זייערע מיטגלידער, אַז מען זאָל זיך פאַראייניגען.

אין 1877 איז פאָרגעקומען אַ קאָנווענשאָן אין נואַרק פון אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. די דעלעגאַטען פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען פאָרטראַטען 72 סאָציאַליסטישע סעקציעס, וואָס האָבען פאַרמאָגט העכער פון זיבען טויזענט מיטגלידער. די קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען צו רופען די נייע פּאַרטיי די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי.

די פּרינציפּען דערקלערונג פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי האָט געזאָגט:

„די אינדוסטריעלע באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער קלאַס מוז דערגרייכט ווערען פון דעם אַרבעטער קלאַס אַליין און נישט פאַרבינדען זיך מיט די קאָנווענשאָן האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם מיט קיין אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען".

באַלדיגע פאָדערונגען פאַר דעם אַרבעטער קלאַס.

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי איז געגאַנגען באַרג אַרויף און האָט צוגעקראָגען אין אַ קורצער צייט אַ סך מיטגלידער. אין מאַרטש פון 1877 האָט דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, פיליפּ וואַן פּעטען, באַריכטעט, אַז די פּאַרטיי האָט אַכצען ענגליש־ריידענדיגע סעקציעס, פינף און דרייסיג דייטש ריידענדיגע סעקציעס, פינף סקאַנדינאַווישע, זעקס באָהעמישע און צוויי פראַנצויזישע. די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי האָט געהאַט אָרגאַניזאַציעס אין 44 שטעט און אין ניינצען שטאַטען.

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי האָט אין די יאָרען פון 1878—1879 אַנטוויקעלט און געפירט אַ ברייטע סאָציאַליסטישע וואַל־אַקמפּאַניע. און אין 1878 איז אין שיקאַגאָ ערווילט געוואָרן איין סאָציאַליסטישער אַלדערמאַן, דריי סטייט רעפּרעזענטאַטיווס און איין סטייט סענאַטאָר. אין דעם זעלביגען יאָר זיינען ערווילט געוואָרן דריי סאָציאַליסטישע אַסעמבלימען און צוויי אַלדערמען אין סענט לואיס און פיר אַלדערמען זיינען ערווילט געוואָרן אין מעדיסאָן, וויסקאָנסין.

אין 1879 האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי ערווילט דריי אַלדערמען אין ווינדי סיטי.

אין 1882 איז ווידער פאָרגעקומען אַן אויפרודערונג אין די סאָציאַליסטישע רייען. אין דעם זעלביגען יאָר איז געקומען קיין אַמעריקע דער באַקאַנטער אַנאַרכיסטישער פירער יאָהאַן מאָסט. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ צייטונג „די פרייהייט", וואו ער האָט אַנטוויקעלט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע, אַז די אַרבעטער זאָלען זיך אָפּגעבען מיט „פּראָפּאַגאַנדע דער טאַט" און בלויז מיט טרייד יוניאָן אַרבעט. אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָבען זיך געגרינדעט צוויי פראַקציעס. איין פראַקציע, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון די לאַסאַליאַנער, האָבען געפאָדערט, אַז די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי זאָל זיך אָפּגעבען בלויז מיט פּאָליטיק און נישט שיינקען קיין גרויס אויפמערקזאַמקייט די טרייד יוניאָן באַוועגונג; די אַנדערע פראַקציע, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון יאָהאַן מאָסט, האָט געפאָדערט אַז די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי זאָל בלויז זיך אָפּגעבען מיט דער טרייד יוניאָן אַרבעט. דער סוף איז געווען, אַז אין 1883 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, אָבער די דאָזיגע שפּאַלטונג האָט גראָד נישט אָנגעטאָן קיין שאָדען דער פּאַרטיי, נאָר פאַרקערט, די פּאַרטיי איז גראָד נאָך דער שפּאַלטונג געוואַקסען. אַזוי האָט דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי באַריכטעט, אַז אין 1883, ווען עס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי, האָט די פּאַרטיי געהאַט 38 סעקציעס. אין 1885 האָט די פּאַרטיי שוין געהאַט 58 סעקציעס; אין 1886 — 72 סעקציעס.

אין 1885 האָט די סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי אַרויסגעגעבען אַ וואָכענבלאַט „דער סאָציאַליסט", דער „טאָגעבלאַט", די טעגליכע „ניו יאָרקער פאָלקס־צייטונג" און די „וואָיס אָוו לייבאָר".

די נאָכפאָלגערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי איבער'ן לאַנד, אין יענע יאָרען, ווערט געשאַצט אין אַ האַלבען מיליאָן.

ברוך מילער

אַ לעבען צאַפּעלט זיך...

(דערציילונג)

ערשט ניט לאַנג צוריק איז מאַרטאַ געזעסען ביי איר מאַשין מיט אַ פריילאַך האַרץ. געזען פאַר זיך דאָס אָנקומען פון שיינע טעג אין איר לעבען, אַזעלכע וואָס זי האָט נאָך ביז איצט ניט געהאַט. די וועלט האָט איר אָנגעהויבען זייער געפעלן ווערען: וואָס איז דער וואונדער? זי, מאַרטאַ, אַ פּשוטע אַרבייטער מיידעל, האָט נושא חן געווען ביי אַ מאָלער אין די אויגען און ער האָט זיך מיט איר פאַרבונדען אויף אייביג...

אמת, פון דער פּראַקטישער זייט, גייט נאָך ניט אַלץ גלאַטיג מיט אים. קיין סטודיאַ האָט ער נאָך ניט קיין אייגענע. בעלנים אויף זיינע בילדער זיינען נאָך אויך נישטאַ. אָבער דאָס אַלץ אַרט איר ניט. זי גלויבט אַלץ וואָס איר אַנזשעלאַ זאָגט איר, אַז ס'וועט ניט נעמען לאַנג און מען וועט זיך פון אים דערוויסען. דאַן וועט זי דאַרפען זיין מיט אים אין זיין סטודיאַ. איר גיין אַרבייטען וועט זיין נוצלאָז, ווייל די צוגעגרייטע בילדער זיינע זיינען אַ פאַרמעגען...

האָט טאַקע מאַרטאַ'ן ניט אָנגעהויבען צו אַרען וואָס עטליכע טעג נאָך דער חתונה האָט זי שוין באַדאַרפט צוריק קומען אין שאָפּ אַריין אַרבייטען. זי האָט נאָך געאַרבייט מיט מער חשק ווי פריער. קיינער האָט איר ניט געקענט אָריבעריאָגען. די מאַשין איז ביי איר געוואָרן עפּעס ווי אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט. זי רוישט ניט מער, נאָר זי זינגט. די אַרבייטער האָבען ביי איר אָנגעהויבען אויסזען חנ'עוודיגער. ניט מער די, מיט וועמען זי האָט צוזאַמען געאַרבייט פאַר די לעצטע זעקס יאָר, נאָר אַלע איינס און איינס אַזעלכע וואוילע מענשען געוואָרן...

דערפאַר האָט זי יעדען אינדערפרי ניט פאַרפעלט כמעט אַלעמען פון שאָפּ צו באַגריסען. טאַקע ביי די נעמען אָנגערופען. יעדען אַ באַזונדערן גוט־מאָרגען אויסגעזונגען. זיך אַפילו נאָכגעפרעגט וואָס דער און דער מאַכט. און אַז עמיצער האָט זיך פאַרקרימט, עפּעס ניט געפילט גוט, האָט זי אַ גלעט געטאָן די פּלייצעס און, ווי אַ מומחה, געגעבען גוטע האָפנונגען. דערנאָך זיך מיט גרויסען פאַרנעם אָוועקגעזעצט אַרבייטען.

אָט אַזוי איז מאַרטאַ טאָג איין, טאָג אויס, געזעסען ביי דער מאַשין געשטעפּט זיידענע קליידער און בעת מעשה געוועבט אירע זוניגע מאָרגענס. אָט זיינען פאַר אירע אויגען צייטונגען אויסגעשפּריט פול מיט לויב־געזאַנגען פאַר אַנזשעלאָ'ס בילדער. אירע אויגען ווערען צוויי מאָל אַזוי גרויס. זי שמייכעלט צופרידען: ס'איז איר כבוד פונקט ווי זיינער זי! האָט דאָך אים אַזוי פיל אַרויסגעהאָלפען! יאָ, ער אָנערקענט דאָס! ער רעכענט זיך אַפילו מיט איר מיינונג, ווייל ער ווייסט אַז קליינערהייט האָט זי אויך געהאַט אַ שטאַרקען פאַרלאַנג צו מאָלען. געקראָגען קאָמפּלימענטען פון אירע לערער פאַר אירע דאַמאָלסדיגע אַרבייטען: וואָס איז זי שולדיג אַז שלעכטע צייטען זיינען געקומען און זי האָט אַלץ געמוזט אויפגעבען? אָפטמאָל דוכט זיך איר, אַז זי דריקט אויס דורך אַנזשעלאָ'ס הענט איר פאַרלאַנג צו מאָלען... דורכאויס צופרידען מיט דעם איז זי ניט. זי וואָלט גיכער וועלען מאָלען מיט אירע אייגענע הענט. אַנזשעלאָ, ווייזט אויס, פאַרשטייט דאָס, ווייל ער האָט איר שוין געזאָגט אַ פּאָר מאָל אַז דאָס רעדעל וועט זיך אַ דריי טאָן, וועט ער צעבלאָזען אין איר די פונקען פון איר איינגעשלאָפענעם טאַלאַנט. אָפטמאָל שפּאַסט ער אַפילו, אַז זי וועט נאָך אפשר ווערען זיינע אַ קאָנקורענטקע. זי האָט אַ פּיינעם חוש צו קאָמבינירען פאַרבען.

אַז זי־דערמאָנט זיך אָן די דאָזיגע ווערטער, כאַפּט זי אים פּלוצים אַרום קושען:

— אַנזשעלאַ, ביסט אַ גוטער!

די אָוונטען זיינען פאַר דעם פּאָר פאָלק געווען אַזעלכע קורצע: דאַכט זיך ערשט פון שאַפּ געקומען און ס'איז שוין האַלבע נאַכט! — האָט זיך אָפּט מאַרטאַ באַקלאָגט. אַנזשעלאָ האָט כמעט אַלעמאָל, ווי אַ באַריכט אָפּגעגעבען, וועמען ער האָט אַלץ דורכ'ן טאָג געזען, און וואָס מבינים זאָגען וועגען זיינע בילדער. אַז איין קונסט־מבין האָט אים שוין באַצייטענס צוגעגליכען צו דעם באַרימטען מאָלער ראַפאַעל...

מאַרטאַ האָט זייער ליב געהאַט צו הערען זיינע פילאָזאָפישע רייד וועגען דער צוקונפט. ער האָט געזאָגט אַזוי: אַז איבער זאַכען וועלכע דאַרפען ערשט קומען איז דאַ מער וואָס צו ריידען ווי וועגען פאַרווירקלאַכטע... זיי זיינען אינטערעסאַנטער, ווייל מיר זעען זיי פון אַ דיסטאַנס...

צומאָרגענס, אַז זי איז אין שאָפּ געקומען, האָט זיך איר נאָר געוואָלט אַז עמיצער זאָל זיך נאָכפרעגען וועגען איר גוט לעבען. ניט איינמאָל האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט גוטמוטיגע שטראָף־רייד צו די אַנדערע מיידלאַך:

— קינדער, וואָס וואַרט איר? —שוין אין איין אָטעם דערציילט ווי געטריי אַנזשעלאָ איז צו איר, אַז ווען זי קומט אַהיים, איז דער צימער אויפגעראַמט. אַפילו אַ מאָלצייט אָנגעגרייט. זיין קאָכען איז זייער געשמאַק! זיי וואָלטען געמעגט אַמאָל קומען פאַרזוכען.

די מיידלאַך פלעגען זיך מיט איר שפּאַסען: שוין עטלאַכע חדשים נאָך דער חתונה און זי איז נאָך אַלץ פאַרליבט! און מאַרטאַ האָט געלאַכט הויך אויפ'ן קול.

* * *

מיט אַמאָל האָט מאַרטאַ אָנגעהויבען אַריינצוקומען שפּעט אין שאָפּ. אויסגעזען בלייך אַרום די ווינקלען פון די אויגען געל. און אַז דער פאָרמאַן האָט זיך געבייזערט אויף איר, האָט זי געשוויגען. מיט אומעטיגע טריט געלאָזט זיך גיין צו איר מאַשין. זיך אַרונטערגע־

לאָזט ווי אַ שווערער קלומעק, אַז דאָס בענקעל אונטער איר האָט אַזש אַ סקריפּע געטאָן. און מיט אירע שפּיץ פינגער האָט זי זיך קוים, קוים צוגערירט צו די צעשניטע-נע טיילען סחורות, ווי זיי וואָלטען געווען אומריין. אַוועק-געשטעלט איר פוס אויפ'ן טרעטער דייער לייכט, מיט אַ מין מורא אין האַרצען. אויסגעזען ווי איינע וואָס לערנט זיך ערשט שטעפּען. באַלד איז זי איינגאַנצען פאַרשוואונ-דען אין „דרעסינג רום". אָט אַזוי עטלאַכע מאָל איבער'ן טאָג...

און אַז מאַרטאַ איז נאָר פון איר מאַשין אַוועק, האָ-בען זיך די אָפּערייטאָרס אָנגעהויבען פריי דורכשמועסען:

— אַ מבין ווי זי זעט אויס!

— וואָס, אַ שטייגער, האָט דער כוראַזשניק געהאַט צו איר?

— גאָרניט, איר ווייסט ניט וואָס ס'קומט נאָך אַ חתונה?

— אַ נאָמען נאָכ'ן פאָרמאַן!

— ש-ש-ש! אָט קומט זי צוריק!

ליל איר שכנה, האָט אָנגעהויבען פאָרשען געוואָלט אַז מאַרטאַ זאָל איר דערציילען וועגען איר צערודערטקייט. זי האָט זיך ניט געוואָלט משער זיין... מאַרטאַ האָט זיך גלייך פאַררויטעלט געשוויגען אַ ווײַלע און דערנאָך מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

— געדענקסט, ליל, ווי דיר האָט זיך געוואָלט מיר איבעריאָגען? נו, איצט איז דיין צייט!

אין רעסטאָראַן האָט ליל פלוצים דערזען ווי מאַרטאַ כאַפּט זיך בלויז צו אַזעלכע מאָדנע רייצענדע מאכלים, נאָר ניט ווי איר טבע איז געווען. געצויגען אין זיך די שאַרפסטע ריחות מיט אַזאַ לײַדענשאַפט, ווי זי וואָלט זיך גאָר ניט געקענט אָנזעטיגען מיט זיי. אירע נאָזלעכער האָבען פּשוט ניט גערוט. און אַז דאָס עסען איז שוין לעבען איר אויפ'ן טיש געווען, האָט זי בלויז פאַרזוכט פון דאָ און דאָרט, און גלייך פאַרדרייט מיט דער נאָז. שוין מער אויף קיין זאַך ניט געקענט קוקען. גע'חוזק'ט פון זיך אַליין:

— דושי, בין איך געוואָרען אַ נאַשערין!...

ליל האָט איר אָנגעהויבען באַדויערען וואָס זי דאַרף נאָך אַלץ קומען אין שאָפּ אַריין אַרבייטען. זי ווייסט פון דערפאַרונג אַז אין אַזעלכע טעג איז אַפילו הויז-אַרבייט צו שווער. מען דאַרף האָבען אַ סך רו, זיין אויף דער פרישער לופט, צוגרייטען זיך פאַר שווערע טעג וועלכע דאַרפען ערשט קומען... זי האָט אָבער באַשלאָסען ביי זיך וואָס ווייניגער צו ריידען וועגען דעם מיט מאַרטאַ'ן. זי וויל איר ניט אָנשרעקען. דאָס וועט בלויז איר לאַגע פאַרערגערען. חוץ דעם, האָט זי געזען אַז מאַרטאַ האָט זיך אַלץ געשעמט מיט איר צושטאַנד... געבראַכט זיך אַ כאַלאַט אַזאַ צו פאַרדעקען איר פיגור, און טוט אים קיינ-מאָל ניט אויס! איר האָט זיך געהאַלטען אין איין אויס-דוכטען, אַז אַלעמענס בליקען טאַנצען אַרום אויף איר טאַליע... ליל האָט ביי זיך געטראַכט: זאָל מאַרטאַ דענקען אַז ס'איז נאָך אַלץ אַ סוד פאַר'ן שאָפּ!

שפּעטער צו האָט מאַרטאַ אָנגעהויבען ריידען אַביס-סעל פרייער וועגען זיך. גערעדט צו איר שכנה ליל ווי צו אירער אַן עלטערער שוועסטער. אַלץ איז געווען אין אַ יאוש'דיגען טאָן: צו וואָס האָט זיך איר דאָס גע-לוינט! צי האָט זי געהאַט אַ רעכט צו דעם?... זי האָט דאָך בלויז אַ פּנים פון חוזק ביי אַלעמען אין די אויגען... דערציילט, אַז אָנומעלטען האָט זי געלייענט אַ בוך וועגען אַ רייכער פרוי אין אירע אומשטענדען, ווי די שטוב מענשען זיינען פאַר איר געשטאַנען ווי פאַר אַן עלטסטען בעת זי איז דורכגעגאַנגען. אירער אַ באַפעל האָט געמוזט צו דער מינוט אויסגעפאָלגט ווערען. די מוטער האָט גע-זאָגט: אַז די טאָכטער אירע רעדט אין נאָמען פון אַ נייעם דור... מאַרטאַ האָט דערביי שווער אָפּגעזיפצט: וועט עמיצער אַזוי זאָגען וועגען איר?...

ליל איז שטאַרק פאַרקלעמט געוואָרען פון אַזעלכע רייד. זי האָט פאַר אַ ווײַלע געשוויגען. דערנאָך האָט זי זי דעקלאַמירט: עס וועט קומען אַ צייט ווען אונזער דור וועט אויך זיין אָנגעלייגט...

אָט אַזוי זיינען זיך טעג און וואָכען געגאַנגען. מאַר-טאַ איז אין די העכערע חדשים אַריין. אפשר איינגאַנצען דעם חשבון פאַרלאָרען...

און צייטענווייז, ווען זי האָט אירע אָרעמס אויסגע-שטרעקט, לאַנגע נאָטען געשטעפּט. האָט זי צום ערשטען מאָל דערפילט אַ באַוועגיש אונטער איר ברוסט. אַ גע-מיש פון פרייד און שרעק האָט איר דאָן אַרומגענומען. זי האָט אַ שטילען ביטער געטאָן. מורא געהאַט ווייטער צו שטעפּען. אַפילו מורא געהאַט אויפצוהויבען זיך פון בינקעל... געזעסען פאַר אַ ווײַלע אָן אומבאַוועגלעכע, מיט ניט באַשטימטע אחריות אויף זיך.

אַ צווייטען מאָל ווען דאָס האָט פּאַסירט, האָט שוין מאַרטאַ געשמייכעלט צו זיך אַליין, גלייך געוואָרען לעב-האַפטיג. די מאָטע אויגען צעצונדען, די באַקען צע-פלאַמט, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַ ערשטען מאַנסבילשען קוש געקראָגען. איר האָט זיך געדוכט, אַז ווען דער גע-רויש פון די מאַשינען זאָל אָפּגעשטעלט ווערען, וואָלט זי געהערט דאָס פּיעסטשען זיך פון דעם באַהאַלטענעם נפש'ל. עס שטרעקט אודאי אַ הענטעל צו איר... געפילט ווי אָט וועט זיך איר פרייד אַרויסרייסען פאַר אַלעמען. אין אירע אויערען האָט זיך באַצייטענס געזונגען אַ וויג-ליד...

אין יענע נעכט האָט זי וועגען דעם נפש'ל גע-חלומ'ט: ס'איז אַ אינגעלע! אַנזשעלאָ האָט געטראָפען! מיט איר גאַנצען כח דאָס געטוליעט צו זיך. געקוקט אים אין די אויגעלאך: איינגאַנצען ווי דער פּאָטער! געקיצעלט דאָס מיט אַ פינגער אין בייכעל. דאָס פּיצעל האָט געלאַכט און זי מיט דעם צוזאַמען. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט זי מיט צושראָקענע אויגען דאָס נפש'על אַרומגעזוכט. דערנאָך געבליבען זיצען אויפ'ן בעט אַ באַטריבטע, אַ טרויעריגע.

פלוצים האָבען זיך מאָדנע טעג אָנגערוקט. מאַרטאַ'ן האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז דאָס ביינקעל, אויף וועלכען זי איז ביז אַהער געזעסען, איז מיט אַמאָל קלענער גע-וואָרען... זי האָט אַלעמען אין שאָפּ פיינט באַקומען. אַפילו איר בעסטע שכנה ליל, וועלכע האָט איר אַלעמאָל גע-טרייסט אַז אַנדערע צייטען וועלען קומען. זי האָט פאַר-לאָרען דאָס געדולד אויך צו איר. אַפילו ניט געהערט מער וואָס ליל האָט צו איר גערעדט. אירע נערוועך זיי-נען ביי איר געוואָרען אַזוי שאַרף אָנגעצויגען, ווי סטרו-נעס אויף אַ פידעל. אָט, אָט וועלען זיי פּלאַצען! דער גערויש פון די מאַשינען האָט אויף אירע אָדערן געטאַנצט. די געלעכטערס פון די מענשען אַרום — געגרילצט אין אירע אויערען. און די רייד זייערע — עפּעס אָן אַ סדר, ווי אַלע וואָלטען איר אויף צו להכעיס מיט די צונגען געקלאַפּט... בעת דער צושניידער-קעגנאיבער האָט פאָר-זיכטיג געפירט זיין מאַשין איבער די סחורות אויף דעם לאַנגען טיש, האָט מאַרטאַ שטאַרק געפינטעלט מיט די אויגען. געצוקט מיט די אַקסלען. געהאַט דאָס געפיל ווי אַ צאָל זקנים וואָלטען זיך צעקרעכצט.

אפשר טויזענט מאָל איבער'ן טאָג האָבען איר מחשבות געשראָקען אַז זי וועט דאָס אַלץ ניט אַריבער-לעבען. זי וועט שטאַרבען. דאָס קינד אויך! אַנזשעלאָ וועט בלייבען איינער אַליין... נאָך אַזעלכע מחשבות איז זי ווידער געלאָפען אין „דרעסינג רום" זיך אויסוויינען אין דער שטיל. דאָרטען האָט זי זיך אַליין אָנגעהויבען מוסר'ן: פאַרוואָס רעכענט זי אַזוי אויס איר מאַן? זאָל מען פון דער דירה אַרויסשטעלען! זאָל ער הונגערן! זי קען זיך שוין באַגיין אָן עסען... זי וויל בלויז אַ שטיל אָרט. ניט מער!

באַלד האָט זי ווידער געקראָגען רחמנות אויף איר אַנזשעלאָ'ן: „ער לויפט דאָך יעדען טאָג אַרום זוכען פרנסה! ער איז דאָך אַזאַ גוטער! איר איז דאָך שוין אַלצאיינס"...

אין אָוונט האָט זי פונדעסטוועגען אויסגעלאָזט איר גאַנצען צאָרן צו אים: וואָס האָט ער זיך אַזוי אויסגע-פּוצט? וואָס פאַר אַ יום-טוב איז דאָס אויף אים? און אַז אַנזשעלאָ האָט זי געוואָלט באַרואיגען, דערציילט איר מיט גרויס באַגייסטערונג אַז ער מאָלט שוין באַצייטענס אַ בילד פון דעם נייעם נפש, ער איז זיכער אַז ס'וועט זיין אַ אינגעל! מיט איר אַנבליק! — האָט זי זיך פּשוט פאַרשטעלט די אויערן און געטופּעט מיט די פיס. זאָל ער גלייך אויפהערן צו פּלאַפּלען! גלייך די מינוט! זי האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין בעט אריין מיט די קליידער אויף זיך און שטילערהייט צעקלאָגט זיך: קיינער וויל איר ניט באַרעכענען! אַפילו איר אייגענער מאַן אויך ניט...

* * *

ליל איז איינמאָל, אין מיטען העלען טאָג, מיט מאַר-טאַ'ן צו אַ דאָקטאָר אַוועק. מאַרטאַ האָט שוין לענגער אין שאָפּ ניט געקענט פאַרבלייבען. יענעם פרימאָרגען האָט זי עטלאַכע מאָל ביים מאַשין מיט'ן קאָפּ פאַרוואָר-פען, ווי ער וואָלט געווען מיט בליי אָנגעפילט. די גאַנצע אַרבייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַלע אַרבייטער האָבען זי אַרומגערינגעלט. יעדער פון די האָט זיין חלק רחמנות ביי-געשטייערט. און ווען מאַרטאַ איז שוין צוריק אויף אירע פיס געשטאַנען, האָט איר נאָך אַלץ געשווינדעלט פאַר די אויגען. די מענשען, ווי שיכורים געהוידעט זיך צו-זאַמען מיט די מאַשינען זייערע. אָט אָט פאַלען זיי אַנידער. דעם זשום, טיף אין די אויערען, ווי אַ צאָל בינען וואָלטען דאָרטען אַרומגעפלויגען.

דער דאָקטאָר האָט לאַנג געהאַלטען איינגעגראָבען זיין טרובקע אויף מאַרטאַ'ס הוילען לייב. געקנייטשט מיט'ן שטערן און געגעבען איר שטראָף-רייד: זי מוז זיך אום-באַדינגט אָפּהיטען... אומבאַדינגט!

ליל האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מאַרטאַ האָט גלייכגילטיג געשמייכעלט...

עטליכע מינוטען מיט פּרעזידענט דוד דובינסקי

פון דזשאָו סניידער, באַלטימאָר

דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט געווען פון דער נאַטור גע-בענשט צו קענען אויסדריקען אין שריפט מיינע געפילען און איינדרוקען וואָס האָבען אויף מיר געמאַכט די געציילטע מינוטען וואָס זיינען מיר באַוויליגט געוואָרען צו ריידען מיט אונזער פּרעזידענט, דייוויד דובינסקי. דעם איינדרוק וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט אַלס מענש פון אויסערגעוויינליכען גוטען זכרון וועגען „אָלדטיימערס", וועגען זאַכען און פּאַסירונ-גען, וועגען שטעדט און שטעטלאַך וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאַנעל יוניאָן.

דער באַלטימאָרער דזשאָינט באָאָרד מיט די 9 לאָקאַ-לען פון דער אינטערנעשאַנעל, זיינען אַ טייל פון די אי-בער אַ פערטעל מיליאָן אַרבייטער וועמען פּרעזידענט דובינסקי פאַרטרעט; געוויס קומען צום פּרעזידענט פאַר-שידענע דעלעגאַציעס און ספּעציעלע פאַרטרעטער פון אַלע טיילען פון אַמעריקע און קאַנאַדע. ווען איך האָב דערהערט פון מיסס העסקעל, פּרעזידענט דובינסקי'ס סעקרעטערין, רופענדיג מיין נאָמען אַלס „נעקסט", האָט מיך פּרעזידענט דובינסקי ביים טיר באַגעגענט מיט אַ גאַסטפריינדליכען „שלום עליכם". אין אונזער געשפּרעך בין איך געווען ערשטוינט צו הערען ווי אַ פירער פון אַזאַ ריזיגער אר-בייטער אַרמיי רעדט מיט אַלע דעטאַלען און פּינקטליכע איינצעלהייטען וואָס עס האָט פּאַסירט אין באַלטימאָרער יוניאָן פאַר די לעצטע צענדליגער יאָרען, וועגען די שאָפּען שאָפּ פּעסטונגען, סטרייקס און נידערלאַגעס און ענדליכען זיג. פּרעזידענט דובינסקי האָט אויסגערעכענט (פּונקט ווי ער זאָל האָבען געלעזען פון אַ צעטעל) די פאַרשידענע אינטערנעשאַנעל אָרגאַניזיערס, וועלכע זיינען פון צייט צו צייט געווען געשיקט אין באַלטימאָר, ווי אויך די אי-בערגעבענע „אָלדטיימערס" אין באַלטימאָר לאָקאַל 4, וועלכע האָבען אימערצו געגאַרט, געהאָפט און געהאָלפען צו מאַכען באַלטימאָר דאָס וואָס עס איז איצט — אַ הונ-דערט פּראָצענט יוניאָן סענטער אין דעם קלאָוקמאַכער מאַרקעט.

כאַראַקטעריסטיש איז פּרעזידענט דובינסקי'ס וואַ-רימע אינספּיראַציע ווען ער רעדט וועגען זאַכען און פּאַ-סירונגען פון יענע צייטען, — וואָס מיר רופען עס — „ווען די פּיאָנערען האָבען געבויט אונזער גרויסע אינ-טערנעשאַנעל יוניאָן".

איך האָב אויך געהאַט די ערע צו ווערען איינגעלאַדען פון דעם ניי-ערוויילטען מענעדזשער פון לאָקאַל 17, ברו-דער בענדזשאַמין קאַפּלאַן, בייצווואוינען די אינסטאַלישאַן. דאָרט האָט אויף מיר געמאַכט פּרעזידענט דובינסקי דעם איינדרוק פון אַ לערער, וועלכער רעדט צו די שילער ווע-גען די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון אַריטמעטיק. יעדער זאַץ און יעדער וואָרט האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין מוח און נשמה.

און נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגען דער אינסטאַלישאַן פון לאָקאַל 117. דאָ, אין באַלטימאָר, ווערען מיר, די אי-דישע אַרבייטער, איצט „בטל בששים", דאָס הייסט, מיר ווערען פאַרגויאישט. אונזערע מיטינגען ווערען געפירט אין ענגליש. ביי דער אינסטאַלישאַן פון לאָקאַל 117, וואו אַלע רעדנער האָבען אין אונזער מאַמע-לשון גערעדט, האָט עס מיר דערמאָנט אונזערע אייגענע לאָקאַל 4 מיטינ-גען אין באַלטימאָר מיט עטליכע יאָר צוריק (ניט היינט געדאַכט), ווייל מיר זיינען געווען בלויז אַ קליינע צאָל אידען אין דער יוניאָן. איצט, מיט דער הילף פון אונ-זער אינטערנעשאַנעל און מיט דעם שטאָלץ וואָס מיר האָבען אַזאַ פעאיגען אַרבייטסזאַמען פּרעזידענט, האָבען מיר אין באַלטימאָר אַ שיינע יוניאָן אונטער דער פאָן פון דער אינט. ל. ג. וו. י.

פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער־לעבען

פון דר. יוסף קיסמאַן.

קאָנגרעס פון יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל האָט צוריקגעוויזען סאָוועטישע יוניאָנס

אין די טעג פון 5טען ביז 8טען יולי איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין ציריך (שווייץ) דער 8טער קאָנגרעס פונ׳ם טרייד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל. אין קאָנגרעס האָבען זיך באַטייליגט 118 דעלעגאַטען פון 21 לענדער. לויט׳ן באַריכט פונ׳ם גענעראַל סעקרעטאַר, נעמט ארום דער יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל אין איצטיגען מאָמענט אַ צאָל אַרבייטער פון ארום 18 מיליאָן אויף גאָר דער וועלט.

דער וויכטיגסטער פונקט אויפ׳ן טאָג־אָרדנונג פונ׳ם קאָנגרעס איז געווען אַ פאָרשלאָג פון דער ענגלישער דעלעגאַציע, צו עפענען אויפ׳ס ניי פאַרהאַנדלונגען מיט די סאָוועטישע יוניאָנס וועגען אַריינטרעטען אין יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל. אויך די נאָרוועגישע דעלעגאַציע האָט אַריינגעטראָגען אַן ענליכען פאָרשלאָג. זי האָט אים אָבער שפּעטער צוריקגעצויגען צו גונסטען דעם ענגלישען פאָרשלאָג. יאָרען־לאַנג זיינען אָנגעפירט געוואָרען פאַרהאַנדלונגען צווישען יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל און די סאָוועטישע יוניאָנס. די באַדינגונגען, וועלכע די סאָוועטישע יוניאָנס האָבען אַרויסגעשטעלט פאַר אַ קאָמיטעט פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל אין נאָוועמבער 1937, זיינען אָפּגעוואָרפען געוואָרען דורכ׳ן ביוראָ פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל. דער עקזעקוטיוו פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז זיך צוזאַמענגעקומען אין מאַי 1938 אין אָסלאָ, איז נאָך ווייטער געגאַנגען: ער האָט זיך נישט באַנוגענט דערמיט פעסטצושטעלען, אַז די באַדינגונגען פון די סאָוועטישע יוניאָנס זיינען נישט אָננעמבאַר, נאָר ער האָט אויך אונטערגעשטראָכען, אַז צוליב „די פאַרהעלטענישען אין ראַטענפאַרבאַנד“ איז דאָס אויפנעמען די סאָוועטישע יוניאָנס אין אינטערנאַציאָנאַל בכלל אַ נישט דערלאָזבאַרע זאַך.

איצט איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער פראַגע. דער צענטראַל־ראַט פון די בריטישע טרייד־יוניאָנס, וועמעס פאָרשטייער עס האָבען געשטימט אין אָסלאָ פאַר איבעררייסען די פאַרהאַנדלונגען, האָבען איצט געפאָדערט אויפ׳ן קאָנגרעס, אַז די סאָוועטישע יוניאָנס זאָלען איינגעלאַדען ווערען אַריינצוטרעטען אין אינטערנאַציאָנאַל „אויפ׳ן יסוד פון זייערע סטאַטוטען און באַשטימונגען“. דער בריטישער פאָרשלאָג, וועלכער איז וואַרעם אונטערגעהאַלטען געוואָרען, אַחוץ פון דער נאָרוועגישער, אויך פון דער פראַנצויזישער און פון דער מעקסיקאַנער דעלעגאַציעס, איז מאָטיווירט געוואָרען דערמיט, אַז די פאַראייניגונג פון אַלע יוניאָנס פון די דעמאָקראַטישע לענדער וואָלט געהאַט אַ גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג אין איצטיגען מאָמענט. די אָנהענגער פון דער פאַראייניגונג האָבען געטענה׳ט, אַז אין דער צייט, ווען ענגלאַנד און פראַנקרייך שטרעבען צו אַ בונד מיט דער ראַטענמאַכט צו באַשיצען דעם פרידען פון דער וועלט געגען די פאַשיסטישער געוואַלט־פּאָליטיקער, טאָר מען נישט לאָזען די סאָוועטישע יוניאָנס מחוץ דעם אינטערנאַציאָנאַל.

די געגנער פון פאַראייניגונג האָבען אַנטגעגענגעשטעלט דעם דאָזיגען פּאָליטישען שטאַנדפּונקט דעם שטרענגען טרייד־יוניאָן שטאַנדפּונקט, אונטערשטרייכענדיג, אַז די סאָוועטישע יוניאָנס זיינען נישט קיין פרייע אָרגאַניזאַציעס, נאָר זיי שטייען אונטער׳ן דירעקטען קאָנטראָל פון דער סאָוועטישער רעגירונג, וועלכע איז אין דער זעלבער צייט דער אַרבייטס־געבער אין רוסלאַנד. דער דעלעגאַט פון בעלגיע האָט ספּעציעל אויך דערמאָנט די שפּאַלטונגס־טעטיגקייט, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרען אַ לאַנגע צייט דורך רוסלאַנד אין דער אייראָפּעאישער אַרבייטער־באַוועגונג. מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען דער פאַראייניגונג דער פאָרטרעטער פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, ראָבערט דזש. וואָט.

צולעצט איז דער בריטישער פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפען געוואָרען מיט 46 שטימען געגען 37. אָנגענומען איז געוואָרען אַ פאָרשלאָג פונ׳ם אַמעריקאַנער דעלעגאַט וואָט, מיט וועלכען עס ווערט באַשטעטיגט דער פריערדיגער באַשלוס פונ׳ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט, אַז די איבערגעריסענע פאַרהאַנדלונגען מיט די סאָוועטישע יוניאָנס זאָלען נישט ווידער אויפגענומען ווערען.

עס זיינען נאָך אָנגענומען געוואָרען אַ ריי אַנדערע רעזאָלוציעס: אַ רעזאָלוציע פאַר׳ן שנעלען אָפּשליסען פון אַן ענגליש־פראַנצויזיש־רוסישען אָפּמאַך צום שוץ פון וועלט־שלום, אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע געגען דער אוממענשליכער פאַרפאָלגונג פון די אידען, אַ פאָדערונג צו פאַרלייכטערען די אימיגראַציע קיין פּאַלעסטינע א. א.

פון „קינסטליך־געשאַפענער פּראָספּעריטי“ צו עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע

מלחמה איז נישט די איינציגע קאַטאַסטראָפע, פון וועלכער עס ווערט באַדראָט אונזער היינטיגע וועלט. די מלחמה־צוגרייטונגען גופא זיינען שוין אַ גרויסע געפאַר, אפילו אָן אַ מלחמה. ווען די פאַשיסטישע מלוכות וואָלטען אין גאַנג געלאָזט די אַלגעמיינע פעלקער־שחיטה, וואָלט די גאַנצע מענשליכע ציוויליזאַציע ממש געשטאַנען פאַר׳ן אונטערגאַנג. ווען עס זאָל זיך אָבער אפילו טרעפען דער נס, אַז עס זאָל איינטרעטען אַן אַלגעמיינע אַנטשפּאַנונג און דער וועלט־שלום זאָל באמת פאַרזיכערט ווערען, דאַן וואָלט דאָס טאַקע נישט געווען קיין . . . אומגליק פאַר דער מענשהייט, אָבער דאַן וואָלטען די קאָלאָסאַלע באַוואָפענונגען געמוזט דערפירען די וועלט צו אַ גרויסען עקאָנאָמישען קראַך.

אָט דער געדאַנק איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען אין אַ באַריכט וועגען דער עקאָנאָמישער סיטואַציע אויף גאָר דער וועלט, וואָס איז פאָרגעלעגט געוואָרען פאַר דעם קאָנגרעס פון טרייד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז אַ העכסט אינטערעסאַנטע אַרבייט, צוזאַמענגעשטעלט, קענטיג, פון גרויסע עקאָנאָמישע עקספּערטען. דער באַריכט ווייזט אויף, אַז די אורזאַכען פונ׳ם קריזיס, וועלכער האָט געבושעוועט איבער דער וועלט אין דער צייט פון 1929 ביז צום יאָר 1932, האָבען נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו ווירקען. די „פּראָספּעריטי“, אַז אַך און ווי, וואָס הערשט איצטער, איז נישט קיין נאַטירליכע ערשיינונג פון עקאָנאָמישען לעבען, נאָר זי נעמט זיך פון אומנאַטירליכע, קינסטליכע מאַניפּולאַציעס פונ׳ם קאַפּיטאַל. ס׳איז אַ „מאַניפּולירטע פּראָספּעריטי“, אָן נאַטירליכען לעבענס־כח. זי שטייט און פאַלט מיט די באַוואָפענונגען. „די לענדער דערנענטערען זיך, — ווערט געזאָגט אין דעם באַריכט, — צו דער אויסערסטער גרעניץ פון זייערע מאַטעריעלע מעגליכקייטען. אין דעם מאָמענט, ווען זיי וועלען אַריבערשפּרייזען די דאָזיגע גרעניץ, וועלען די פינאַנציעל צוזאַמענברעכען און מאַכט־לאָז אַריינפאַלען אין אָפּגרונט פון קריזיס, הונגער און עלענד“.

אַ גרעסערער פּלאַץ ווערט אָפּגעגעבען אין באַריכט דער באַטראַכטונג פון רוזוועלט׳ס ניו־דיעל־פּאָליטיק, וועלכע האָט די אַמעריקאַנער פאָלקס־ווירטשאַפט פאַרהיט פון גרויסע דערשיטערונגען. אויך אין די אייראָפּעאישע לענדער וואַקסט דער איינפלוס פון די רעגירונגען אויפ׳ן ווירטשאַפטליכען לעבען. באַטראַכט מען די איצטיגע סיטואַציע אויף דער גאַנצער וועלט, דאַן מוז מען קומען צום אויספיר, אַז מיר לעבען איצט איבער אַ „קינסטליך געשאַפענע פּראָספּעריטי“. ווי לאַנג זי וועט אָנהאַלטען, קען מען נישט פאָראויסזאָגען. זיכער איז נאָר, אַז דער וועג, אויף וועלכען עס האָט זיך פאַרנומען די וועלט־ווירטשאַפט, פירט צו אַ נייעם שווערען קריזיס.

אַ ברודערליך וואָרט פון ענגלישע אַרבייטער צו דייטשע אַרבייטער

אין אַ מאָמענט פון העכסטער מלחמה־געפאַר האָט די ענגלישע אַרבייטערשאַפט באַשלאָסען זיך צו ווענדען דירעקט צו דער אַרבייטערשאַפט פון דייטשלאַנד, איבער די קעפּ פון די בלוטיגע געוועלטיגער אין דייטשלאַנד און אויך איבער׳ן קאָפּ פון דער אייגענער בריטישער טאָרי־רעגירונג, וועלכע טראָגט נישט ווייניג פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דער איצטיגער לאַגע אין אייראָפּע.

דער בריטישער קאָונסיל אָוו לייבאָר — וועלכער נעמט ארום די טרייד־יוניאָן באַוועגונג און די לייבאָר פּאַרטיי — פרעגט אין זיין מעסעדזש צו די דייטשע אַרבייטער: פאַר וואָס זאָלען מיר זיך אויסשעכטען איינער דעם צווייטען? „אייער רעגירונג, — ווערט ווייטער געזאָגט אין דעם מעסעדזש, — וויל פאַרכאַפּען די וועלט, פאַרשקלאַפען אייראָפּע. טוט אַלץ, וואָס איז אין אייערע כחות, כדי באַצייטענס צו וויסען געבען אייער רעגירונג, אַז איר ווילט פרידען, נישט מלחמה . . .“

אַ ספּעציעלען רוף צו די דייטשע מיינערס האָט אַרויסגעשיקט די בריטישע מיינערס יוניאָן. „יאָרען און יאָרען, — ווערט געזאָגט אין דעם רוף, — שטייען מיר אַקסעל ביי אַקסעל אין קאַמף געגען עקספּלואַטאַציע. אייערע און אונזערע הערשענדיגע קרייזען האָבען געשאַפען אַ סיטואַציע, אַז מלחמה ווערט אַלץ מער אומפאַרמיידליך. דערלאָזט נישט דערצו! בריטישע מיינערס און דייטשע מיינער זיינען ברידער. די איינציקייט טאָר נישט צוריסען ווערען. שטעלט אַרויס אַ ווידערשטאַנד. מיר וועלען אייך העלפען . . .“

די דאָזיגע אויפרופען זיינען געשיקט געוואָרען קיין דייטשלאַנד איבער די כוואַליעס פון ראַדיאָ און זיי ווערען אויך פאַרשפּרייט דורך פלוג־בלעטער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג.

דער זשענעווער אַרבייטס־אַמט אין פאַל פון מלחמה

אין לעצטען נומער פון אונזער צייטונג האָבען מיר דערציילט וועגען דער סעסיע פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטסאַמט אין זשענעווע. ווי די לעזער געדענקען געוויס, זיינען אין די וויכטיגסטע פראַגען — ספּעציעל אין דער פראַגע וועגען דער 40־שעה׳דיגער אַרבייטסוואָך — נישט אָנגענומען געוואָרען קיין באַשלוסען, צוליב דער פּאָליטיש־אומזיכערער און מלחמה־דראָענדיגער סיטואַציע אויף דער וועלט. ווי מיר זעען איצט פון דער אייראָפּעאישער אַרבייטער פּרעסע, האָט דער אַרבייטסאַמט זיך פאַרנומען מיט נאָך איין פראַגע, אַ העכסט כאַראַקטעריסטישע פאַר׳ן איצטיגען מאָמענט אין דער וועלט־פּאָליטיק. די פראַגע איז געווען: וואָס וועט זיין מיט׳ן אַרבייטסאַמט אין פאַל ווען עס זאָל אויסברעכען אַ נייע וועלט־מלחמה? כמעט איינשטימיג איז פון אַלע דעלעגאַטען אַרויסגעזאָגט געוואָרען די מיינונג: דער אַרבייטסאַמט דאַרף בלייבען אויפ׳ן אָרט און ווייטער טאָן זיין אַרבייט.

אויב עס זאָל קומען צו אַ מלחמה, וועלען נישט אַלע מלוכות פון דער וועלט אויף איינמאָל אַריינשפּרינגען אין פייער אַריין, אַ היבש ביסעל מלוכות וועלען נייטראַל בלייבען ביז צולעצט. דעם אַרבייטסאַמט וועט קיין טעטיגקייט נישט פעלען, ווייל די מלחמה־אינדוסטריע וועט זיך זייער שטאַרק פאַנאַנדערבליען אין די נייטראַלע לענדער און די פּראָבלעמען פון אַרבייטסשוץ וועלען נאָך שאַרפער אויפגעשטעלט ווערען ווי ביז אַהער. מען האַלט עס פאַר מעגליך, אַז דער אַרבייטסאַמט זאָל האָבען אַ וועלכען עס איז איינפלוס אויף די מלחמה־פירענדע לענדער. נאָך דער מלחמה אָבער וועט עס האָבען אַ גרויסע באַדייטונג, ווען אין אָפיציעלע אינטערנאַציאָנאַלע אינסטיטוציע וועט האָבען איבערגעלעבט דאָס גרויסע בלוט־פאַרגיסען און זיך תיכף נעמען אָנקניפּען אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען.

די אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען מעגען טאַקע ריכטיג זיין, אָבער די גאַנצע דיסקוסיע ווייזט פאָרט אַרויס די גרעסטע איראָניע פון דער געשיכטע: מלחמה איז דער שענדליכסטער באַנקראָט פון דער פעלקער־ליגע, וואָס איר הויפּט־פונקציע איז דאָך, צו דערהאַלטען דעם שלום אויף דער וועלט. דער אַרבייטסאַמט איז נישט מער ווי אַן אָרגאַן פון דער פעלקער־ליגע, רעדט מען וועגען זיין לעבען און זיין טעטיגקייט, נאָכדעם ווי עס וועט טויט זיין די אינסטיטוציע, פון וועלכער ער ציט זיין לעבענס־כח — די פעלקער־ליגע...

די פראַנצויזישע רעגירונג איז מיט זיך צופרידען, אָבער די פאָלקסווירטשאַפט גייט באַרג־אַראָפּ.

דער פראַנצויזישער פינאַנץ־מיניסטער, פּאָל רעינאָ, האָט זיך באַרימט אין אַ רעדע פאַר אַמעריקאַנער און ענגלישע זשורנאַליסטען, ווי גוט און פיין די רעגירונג האָט אָרגאַניזירט דאָס ווירטשאַפטלאַכע לעבען אין לאַנד און צוגעפּאַסט די פּראָדוקציע צו די באַדערפענישען פון דער מלחמה־אינדוסטריע. דער מלוכה־בודזשעט איז אויסגעגליכען, אין דער רעגירונגס־קאַסע איז איצט פאַראַן מער געלט ווי פריער, דער עקספּאָרט אין אויסלאַנד איז פאַרגרעסערט, די צאָל אַרבייטסלאָזע איז געפאַלען מיט 14 פּראָצענט. אין דער זעלבער צייט, ווען „אָווערטאַים“ אַרבייט איז 10־פאַכיג געהעכערט געוואָרען. אין נאָוועמבער פון לעצטען יאָר האָבען נאָר 3 מיט 3 צענטעל פּראָצענט פון דער אַרבייטערשאַפט געאַרבייט אָווערטאַים, איצט אַרבייטען גאַנצע 33 פּראָצענט אַרבייטער אָווערטאַים.

קומט די אַרבייטספּרעסע און גיט אַ דראַסטישען פּירוש צו דער דאָזיגער באַרימעריי פונעם פינאַנץ־מיניסטער. בשעת די מלחמה־אינדוסטריע ווערט געשטיצט פון דער רעגירונג מיט אַלע כחות און אַרבייט מיט קאָלאָסאַלע געווינסען, שטייען די אַנדערע אינדוסטריען פאַר׳ן קראַך.

די איינציגע „הילף", וואס די רעגירונג האט זיי געגעבען, באשטייט אין דעם, וואס זי האט געלאזט העכערען די פרייזען פון די לעבענסוויכטיגע ארטיקלען. א טובה האט ער דערמיט די דאזיגע אינדוסטריען נישט געטאן. די מארק־פרייזען זיינען איצט טאקע צוויי מאל אזוי הויך ווי אין יאר 1936, אבער — דער עולם קויפט נישט. די סטאטיסטיק פון די קאנסום־קאאפעראטיווען און פון די גרויסע דעפארטמענט־סטארס וויזט, אז דער פארקויף פון די וויכטיגסטע קאנסום־ארטיקלען איז מורא'דיג געפאלען. אנגעהויבען האט זיך די סטאגנאציע אקוראט אין דעם מאמענט, ווען עס זיינען אריינגעטראטען אין קראפט די באוואוסטע ארבייטער־פיינדליכע דעקרעט־געזעצען פון דער רעגירונג דאלאדיע.

די צאל ארבייטסלאזע איז טאקע געפאלען מיט עטליכע טויזענט, דער הער פינאנץ־מיניסטער האט נאר פארגעסען צו דערמאנען, אז צענדליגע טויזענדער ארבייטער זיינען גערופען געווארען צו אויסערארדענטליכען מיליטער־דינסט און אז אויך איצטער, נאך דער דעמאביליזאציע, געפינען זיך ביים מיליטער צום ווייניגסטענס הונדערט טויזענד ארבייטער מער ווי פריער. „לע פעפל", ארגאן פון די פראנצויזישע יוניאנס, זאגט, אז די פראנצויזישע ווירטשאפט טיילט זיך איצט אויף צוויי סעקטארס: א סעקטאר פון דער נאציאנאלער פארטיידיגונג און א סעקטאר פאר די ציווילע באדערפענישען פון דער באפעלקערונג. דער ערשטער ווערט געשטיצט און קאנטראלירט פון דער רעגירונג, דער צווייטער פירט א זעלבסטשטענדיגען לעבען, אויפ'ן „ליבעראליסטישען" שטייגער. דער ערשטער איז ארויס פון קריזיס, אין צווייטען פארשארפט זיך דער קריזיס. זשואו, דער פירער פון די פראנצויזישע יוניאנס, פארענדיגט א באטראכטונג פון דער איצטיגער לאגע מיט די ווערטער: „די פאלקסווירטשאפט ווערט ארומגעכאפט פון א פאראליזע, וועלכע וועט באלד דערגרייכען דאס הארץ.

פראנצויזישע יוניאנס פאר א ליבעראלער אימיגראציע פאליטיק

„פיר הונדערט טויזענט פראנצויזען זיינען ארבייטסלאז, בשעת אנדערהאלבען מיליאן פרעמדע ארבייטען" — דאס איז דער העצערישער קאמף־רוף פון די נאציאנאליסטען מכל המינים אין פראנקרייך געגען די גרויסע אימיגראנטען־מאסען, וואס געפינען זיך איצט דארטען. עס איז דאס אלטע גוט באקאנטע לידעל, וואס ווערט געזונגען נישט בלויז אין פראנקרייך אליין און וואס איז, צום גרויסען באדויערען, נישט פרעמד אפילו אין די קרייזען פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט. א באזונדערע פארביטערונג מוז ארויסרופען די ברוטאלע עמיגראנטען־פיינדשאפט ספעציעל אין אונזערע טעג, ווען מאסנהאפט פאליטישע און „ראסען"־עמיגראנטען פון די פאשיסטישע גהינום־לענדער קלאפען פארצווייפעלט אין די פארהאקטע טויערן פון די ציוויליזירטע מלוכות לענדער.

דעריבער מוז מען עס באגריסען מיט א באזונדערער באפרידיגונג, ווען מען זעט ווי די פראנצויזישע יוניאן־פרעסע נעמט זיך אן מיט הארצליכער ברידערליכער סאלידאריטעט פאר די לעבענס־רעכט און ארבייטס־רעכט פון די אימיגראנטען.

אין פראנקרייך זיינען איצט פאראן בערך דריי מיליאן פרעמדע (ד. ה. 8 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג אין פראנקרייך). נישט אזוי גרינג ווערען די פרעמדע צוגעלאזען צו דער ארבייט. עס ווערען ארויסגעגעבען ספעציעלע, פערזענליכע ארבייטס־ערלויבנישען, און אויב מען כאפט אמאל א פרעמדען ארבייטען אן אן „ארבייטס־קארטע", שיקט מען אים באלד ארויס פון לאנד. פונדעסטוועגען דערגרייכט די צאל פרעמדע ארבייטער אין דער פראנצויזישער פראדוקציע שוין ביי 12 הונדערט טויזענט, הגם נישט אנדערהאלבען מיליאן, ווי עס געוואלדעווען די שאוויניסטען. אין איינצעלנע צווייגען פון דער פראדוקציע איז די צאל פרעמדע ארבייטער אן אויסער־געווינליך הויכע: אין די קוילען־מינעס, למשל, 33 פראצענט, אין די אייזען־מינעס — גאנצע 68 פראצענט.

אין ארגאן פון די יוניאנס „לע פעפל" ווערט ארומגערעדט דאס פראבלעם פון פרעמדער ארבייט אין א סעריע פון זעקס ארטיקלען. דער ארטיקעל־שרייבער — ב. פיערלואי — קומט צום אויספיר, אז די שטארקע באטייליגונג פון פרעמדען אין דער פראנצויזישער פראדוקציע איז אן עקאנאמישער געווינס פאר'ן לאנד, און אז די אימיגראציע איז נוצליך פאר די נאציאנאלע אינטערעסען פון פראנקרייך. וויכטיג איז נאר, אז מען זאל די איינגעוואנדערטע ארבייטער נישט מאטערען ביים ארויסגעבען די ארבייטס־קארטען און אז מען זאל זיי אויף אן אמת פארזיכערען דאס רעכט, זיך צו ארגאניזירען אין די יוניאנס און דאס רעכט צום סטרייקען. ספעציעל פאדערט די דערמאנטע יוניאן צייטונג, אז עס זאל געגעבען ווערען ארבייטס־רעכט צו די פליכטלינגע פון די פאשיסטישע לענדער, ווייל אויב מען האט זיי שוין באוויליגט דאס רעכט אויף „אזיל", ד. ה. דאס רעכט צו לעבען אין פראנקרייך, טאר מען זיי נישט פאר'משפטען צום הונגער־טויט דורך דעם, וואס מען שליסט זיי אויס פון דער ארבייט.

אט דאס זיינען ווערטער פון אינטערנאציאנאלער ארבייטער־סאלידאריטעט.

אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ פון בעקער־ארבייטער

אין מאנאט יוני איז אפגעהאלטען געווארען אין ציריך (שווייץ) אן אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ פון די בעקער־יוניאנס. אין דער קאנפערענץ האבען זיך באטייליגט 28 דעלעגאטען פון 9 אייראפעאישע לענדער און פון איין דרום־אמעריקאנער מלוכה — טשילי.

יעדער ארבייטס־פאך האט זיך זיינע באזונדערע פראבלעמען. דער פראבלעם פון די בעקערס איז: די נאכט־ארבייט. די בעקער ארבייטער קעמפען שוין פיל יארען לאנג פאר דער פאדערונג, אז עס זאל אפגעשאפט ווערען די נאכט־ארבייט אין זייער פאך. די נויטווענדיגקייט פון נאכט־ארבייט נעמט זיך דערפון, וואס די קונים האבען ליב געשמאק־פרישע ברויט אין דערפרי. די ברויט־עססערס האבען גאר נישט אין זינען, אז דאס געזונט פון טויזענטער בעקער־ארבייטער ווערט אונטערגעגראבען דורך דער נאכט־ארבייט.

דער ארבייטסאמט אין גענף האט אין יאר 1926 פארגעלייגט אן אינטערנאציאנאלען אפמאך, מיט וועלכען עס זאל פארבאטען ווערען די נאכט-ארבייט אין די בעקערייען. 11 לענדער האבען זיך באלד אנגעשלאסען דעם דאזיגען אפמאך, שפעטער האבען נאך 18 לענדער אפגעשאפט די נאכט־ארבייט אין די בעקערייען. אויף דער קאנפערענץ איז ארויסגעבראכט געווארען, אז אין איינצעלנע לענדער ווערט דער דאזיגער אפמאך נישט איינגעהאלטען.

עס זיינען אנגענומען געווארען א ריי באשלוסען וועגען ווייטערען קאמף פאר אט דער וויכטיגער סאציאלער פאדערונג.

אין דייטשלאנד וואקסט די אומצופרידענהייט

בשעת היטלער גרייט זיך צו נייע אנפאלען אויף דער פרידליכער וועלט, הונגערן די דייטשע ארבייטער־ און פאלקס־מאסען אין בוכשטעבליכען זין פון ווארט און — נישט תמיד טראגען זיי אריבער שווייגענדיג דעם הונגער און די אוממענשליכע אויסנוצונג פון דער ארבייטסקראפט.

דער פירער פון „דייטשען ארבייטספראנט", דר. לעי, בארימט זיך, אז צוליב דעם נייעם ארבייטס-סיסטעם, וואס איז איינגעפירט געווארען אין די פאבריקען, איז די פראדוקציע געהעכערט געווארען מיט 30 פראצענט. פון אלע זייטען שיטען זיך אבער פראטעסטען געגען דעם דאזיגען „סיסטעם", וואס באשטייט אין בלוטיגער שקלאפען־ארבייט. די פראטעסטען ווערען ארויסגעטראגען נישט בלויז אין די שריפטען פון אונטערערדישע ארגאניזאציעס, עס קומען אויך מאסענהאפט פראטעסט־בריוו צו די רעדאקציעס פון די נאצישע ארבייטער־צייטונגען. טיילווייז ווערען אזעלכע בריוו אפילו געדרוקט, קענטיג אז מען קאן דעם צארן פון די ארבייטער שוין נישט פארשווייגען און מען פרוווט זיי בארואיגען.

ספעציעל וואקסט דער אומרו אין עסטרייך. לעצטענס זיינען פארגעקומען הונגער־דעמאנסטראציעס אין ווין און אין א גאנצער ריי אנדערע שטעט פון עסטרייך. הונדערטער פרויען האבען אויף די מארק געווארפען אויסגעשרייען געגען יקרות פון די לעבענסמיטלען און געגען די נאצישע פירערס, וואס זיינען שולדיג אין דעם הונגער פון די מאסען. אין ווין איז עס געקומען צו געשלעגען צווישען די דעמאנסטרירענדע פרויען און די פארקויפערס מיט דער פאליציי. מען האט אומגעווארפען טישלאך און בודקעס. דער צוזאמענלויף פון אויפגערעגטע און דעמאנסטרירענדיגע פרויען איז געווען אזוי גרויס, אז א גרעסערע פאליציי־אפטיילונג האט געמוזט אפצאמען די ארומיגע גאסען.

אין ווין איז די נאצישע פראפאגאנדע־מאשין אין די פאבריקען מאכטלאז געגענאיבער די געהיימע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס פון די ארבייטער. די נאצישע רעדנער ווערען אויפגענומען פון די ארבייטער קאלט, מען הערט זיי אויס, ווייל אנדערש איז נישט מעגליך, אבער אן חשק און אן אפלאדיסמענטען.

לעצטענס האט זיך געטראפען א כאראקטעריסטישער פאל אין דער פאבריק פון אייזענבאן־לאקאמאטיווען אין ווינער ארבייטערבאצירק פלאריסדארף. ס'איז דארט אויפגעדעקט געווארען אן אקט פון סאבאטאזש. איז געקומען צולויפען פאליציי מיט שטורעם־טרופערס. מען האט די ארבייטער פארזאמעלט און ארומגעריגנגעלט. דערנאך האט דער אנפירער פון דער פאליציי־מאכט געפאדערט, אז דער שולדיגער זאל זיך אליין מעלדען. זיינען ארויסגעטראטען אלע ארבייטער ווי איין מאן און האבען זיך אלע ערקלערט פאר — „שולדיג".

גרויסער וואוקס פון דער קאאפעראטיווער באוועגונג אין שווייצאריע

די ארבייטער קאנסום קאאפעראטיווען פון שווייצאריע האבען איצט אפגעהאלטען א קאנפערענץ. דער באריכט, וועלכען די צענטראלע פארוואלטונג האט פארגעלייגט פאר די דעלעגאטען, וויזט מיט שטאלצע ציפערען די בליענדיגע אנטוויקלונג פון דער באוועגונג.

אין דער קליינער שווייץ זיינען פאראן 540 קאנסום־פאראיינען מיט א מיטגלידערשאפט פון אריבער 420 טויזענד. אין יאר 1938 האבען די קאאפעראטיווען געהאט אן אומזאץ פון 307 מיליאן שווייצארישע פראנקען, זיי האבען אויסגעצאלט זייערע מיטגלידער אפשפארונגען פון אן ערך 20 מיליאן פראנק.

אחוץ די קאנסום־קאאפעראטיווען זיינען נאך פאראן א גרויסע צאל פראדוציר־קאאפעראטיווען, לאנדווירטשאפטליכע קאאפעראטיווען, וואוינונג־גענאסענשאפטען און אנדערע.

אינמיטען א וועלט פון פעלקערהאס, אין א צייט פון מלחמה־געפאר היטען אפ די שווייצארישע ארבייטער זייער פרידליכע, מיפולע קאאפעראטיווע באוועגונג, וואס האט אזא גרויסע עקאנאמישע און קולטורעלע באדייטונג פאר'ן גאנצען ארבייטערקלאס.

אט ווי עס לעבען ארבייטער אין רומעניע

אין ניי־געוויילטען רומענישען פארלאמענט זיינען אריינגעקומען אויך עטליכע פארטרעטער פון ארבייטער־יוניאנס. לעצטענס האט איינער פון די ארבייטער־דעפוטאטען איבערגעגעבען אן אינטערעסאנטע סטאטיסטיק פון די לוין־באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבט איצט די ארבייטערשאפט אין רומעניע. די ציפערען זיינען אבסאלוט זיכערע, ווייל זיי זיינען גענומען פונם אמט פאר ארבייטער־פארזיכערונג, וואו עס זיינען רעגיסטרירט די לוינען פון די ארבייטער.

לויט דער דאזיגער סטאטיסטיק קומט אויס, אז 1 מיליאן מיט 60 טויזענט ארבייטער, אנגעשטעלטע און קליינע באלמעלאכעס, וואס זיינען רעגיסטרירט געווען ביים סוף פונם יאר 1938, האבען זיך געטיילט אויף די פאלגענדע לוין־קאטעגאריעס:

צאל ארבייטער	פארדינסט פאר איין טאג ארבייט
137 טויזענט	— ביז 24 לעי
247 טויזענט	— פון 25 ביז 45 לעי
315 טויזענט	— פון 46 ביז 79 לעי
113 טויזענט	— פון 80 ביז 99 לעי
248 טויזענד	— פון 100 ביז 200 לעי

מיר מוזען זיך אײלען צוצוגעבען, אז דער ווערט פון איין רומענישען לעי אין אמעריקאנער געלד איז, אין בעסטען פאל — איין האלבער סענט. באמת, דאס הארט „שקלאפעריי" איז צו מילד פאר די באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבען די ארבייטער אין רומעניע.

לידער — נחמיה קליין

אין שענקען

אין שענקען שטייען פארלוירענע מענשען
און זוכען טרייסט אין אומריינע גלעזער.
זיי ווייגען זיך אוים אין גראבען געלעכטער
און שלינגען טרערען ביז ס'ווערט זיי „בעסער"...

וואס איז זיי נויט און וואס דער הונגער?
נישטא קיין עסן — מוז מען טרינקען!
איז קאלט דער דרויסען ווי מענשענס הערצער?
דא ווארעמט דער עלענד, די וועלט מעג זינקען!

ניט יעדער...

ניט יעדער, געשניטען מיט'ן שארף פון צארן,
קען נעמען דעם שווערד אין האנט;
ניט יעדער, געברענט אין פלאם פון דארן,
קען לעשען בראנד מיט בראנד.

ניט יעדער קען לויפען אין טומעלדיקער גאס
צעשפרייטען זיין געשריי;
שטיקט ער אין זיך זיין צער און כעס —
טוט אים צען מאל וויי.

אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג

(איבערזיכט)
פון ש. פ.

שוין לאנג ניט געווען אזא שטורעמדיגע צייט אין דער אמעריקאנער ארביי־טער באוועגונג, ווי לעצטער מאנאט. די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער־מאסע איז אויפגעטרייסעלט געווארען ביז אירע טיפסטע טיפענישען. די רוהיגע, פלעגמאטישע ארבייטער, פון די אריסטאקראטישע פאכלייט פון די בילדינג טריידס ביז די איינפאכע, ניט קוואליפיצירטע הארעפאשניקעס, פון די פראפעסיאנאלען ביז די אומגעלערנטע, פון די קאנסערוואטיווסטע יוניאן־פירער פון דער אמעריקען פע־דערייש‌אן אוו לייבאר ביז צו די אולטרא־ראדיקאלען, — אלע זיינען זיי ווי איבערגעאכט פארוואנדלט געווארען אין הייסע קעמפער, גרייט צו פארטיידיגען די אויסגעקעמפטע פאזיציעס פון די בעל מלאכות און זייערע ארבייטס־באדינגונגען, אפילו ווען עס זאל דערצו נויטיג זיין צו סטרייקען געגען דער רעגירונג און געגען די געזעצען וואס די רעגירונג האט אנגענומען.

דער סטרייק פון די „דאבליו פי איי״־ארבייטער געגען דעם נייעם געזעץ

מיר האבען שוין אין אונזער איבערבליק אין לעצ־טען נומער „גערעכטיגקייט״ דערמאנט די ענדערונגען אין דעם געזעץ וועגען די ארבייטס־באדינגונגען און שכירות פון די „דאבליו פי איי״ ארבייטער וואס איז דורכגעגאנגען אין וואשינגטאן. דער סטרייק היינטיגען מאנאט, וואס האט זיך אנגעהויבען פון די בוי־ארבייטער אין ניו יארק און האט זיך פארשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד, איז פאראורזאכט געווארען פון דעם געזעץ און איז געווען גערעכטעט געגען אים. הונדערטער טויזענטער ארבייטער איבער'ן גאנצען לאנד זיינען צוגעשטאנען צום סטרייק און אויסגעדריקט זייער פראטעסט דורך מאסען ארויסטרעטונגען און דעמאנסטראציעס. אין מינעסאטא איז עס געקומען צו א בלוטיגען צוזאמענשטויס צווישען די סטרייקער אויף א נעה־פראיעקט פון דער דאבליו. פי. איי. און דער פאליציי, אין וועלכען צוויי מענשען האבען זייערע לעבענס פארלארען און צענדליגע זיינען פאר־וואונדעט געווארען.

צו פארשטיין די פולע באדייטונג פון דעם קאמף און זיינע מעגליכע קאנזעקווענצען, איז נויטיג צו באַ־טראכטען די ענדערונגען וואס דער נייער געזעץ האט אריינגעבראכט אין די באדינגונגען פון די וואס ווערען באשעפטיגט אויף די דאבליו. פי. עי. פראיעקטען און די אורזאכען און מאטיוון פון די וואס האבען די ענדע־רונגען דורכגעפירט.

דער נייער געזעץ פירט איין דריי וויכטיגע ענדע־רונגען. ערשטענס, ווערט אפגעשאפט דער פונקט וועגען „פריוועילינג ווידזשעס״, וואס די דאבליו. פי. עי. האט געמוזט צאלען די ארבייטער אונטער דעם פריהערדיגען געזעץ. די פריוועילינג ווידזשעס האט אין די מערסטע פאלען געמיינט יוניאן שכירות פער שטונדע. די מאַ־נאטליכע סומע, וואס איז געצאלט געווארען אן ארבייטער איז דורכ'ן געזעץ געווען פעסט באשטימט אויף דעם מינימום וואס איז נויטיג צו דערהאלטען די נשמה אין דעם פלאץ וואו דער ארבייטער געפינט זיך און לויט דעם סטאנדארד פון דעם קלאס ארבייטער צו וועלכען ער געהערט. די סומע האט דעריבער אנגעטראפען פון עטליכע און צוואנציג דאלאר א מאנאט פאר ניט־קוואַ־ליפיצירטע ארבייטער אין די פארם־געגענדען אין דער סאוטה ביז ארום 120 דאלאר א מאנאט פאר געלערנטע ארבייטער אין די גרויסע שטעט אין דער נארד. מער צאלען אן ארבייטער האט מען ניט געטארט. אום אבער ניט ארונטערצודריקען די יוניאן סטאנדארדס, האט מען רעגולירט די צאל שטונדען וואס יעדער פון זיי האט געדארפט ארבייטען פאר די געלט וואס ער האט גע־קראגען, אום דער געהאלט פער שטונדע זאל זיין דער זעלבער ווי דער וואס פריוואטע בעלי־בתים צאלען אן ארבייטער פון דעם פאך. אזוי, צום ביישפיל, האט א פלאמבער אדער אן עלעקטרישען אין ניו יארק גע־דארפט ארבייטען פאר זיינע שכירות בלויז פופציג שטונ־דען א מאנאט, לויט דעם יוניאן סטאנדארד פון אום־געפער צוויי דאלאר א שטונדע. ארבייטער פון אנדערע טריידס האבען געארבייט מער שטונדען פאר די זעלביגע אדער קלענערע געהאלטען, לויט די פרייזען וואס זיי קריגען פער שטונדע אין דער פריוואטער אינדוסטריע.

אין דעם נייעם געזעץ אבער האט מען אריינגעשריבען א פונקט אז יעדער ארבייטער אויף דער „דאבליו. פי. עי.״ אן אונטערשייד ביי וואס פאר א פאך ער ארבייט, מוז ארבייטען ניט ווייניגער ווי 130 שטונדען א מאנאט פאר דעם געהאלט וואס ער קריגט. פאר די קוואליפיצירטע ארבייטער פון די בילדינג טריידס מיינט עס, אז זייער געהאלט פער שטונדע איז געשניטען געווארען צו עט־וואס מער ווי א דריטעל ווייל זיי וועלען מוזען ארביי־טען דריי מאל אזוי פיל שטונדען פאר די זעלבע געלט ווי זיי האבען געקראגען ביז איצט.

נאך ערגער איז די צווייטע ענדערונג, וועלכע שרייבט פאר, אז דער אונטערשייד אין די געלט וואס עס ווערט געגעבען די ארבייטער אין פארשיידענע געגענדען טאר ניט זיין גרעסער ווי דער אונטערשייד אין פרייז פון לע־בענס־מיטלען צווישען די פלעצער וואו זיי וואוינען. דאס מיינט, אז דער אונטערשייד אין געלט וואס עס קריגט, לאמיר זאגען, א ניו יארקער ארבייטער און איי־נער אין דער סאוטה וועט ניט טארען זיין מער ווי אומ־געפער פינף פראצענט, וואס איז דער אונטערשייד אין קאסטען פון פראדוקטען. לויט דעם פונקט, וועט מען מוזען די ארבייטער אין דער סאוטה א ביסעל העכערען די שכירות, אבער די ארבייטער אין די גרויסע שטעט אין דער איסט, וועלכע האבען ביז איצט געקראגען כמעט צוויי מאל אזוי פיל ווי די ארבייטער אין דער סאוטה, וועט מען מוזען באדייטענד שניידען די שכירות.

די דריטע ענדערונג איז געצילט צו פארניכטען די זיכערקייט מיט דער איינקונפט פון די ארבייטער. עס לויטעט, אז יעדער איינער, מיט דער אויסנאם פון מלחמה־וועטעראנען, וואס האט געארבייט פאר דער דאבל־יו. פי. עי. 18 מאנאטען, מוז אפגעזאגט ווערען, גאנץ גלייך צי ער האט פון וואנען צו לעבען אדער ניט. אויב ער האט ניט פון וואס צו לעבען, מוז ער צוריקגיין אויף רעליף, און ערשט אין א מאנאט ארום, אויב די רעליף אדמיניסטראציע הייסט אים גוט, קען ער צוריקקריגען ארבייט ביי דער דאבליו. פי. עי.

די מאטיוון און אורזאכען פון די ענדערונגען

פון די באריכטען איז קלאר, אז פאר ענדערען דעם געזעץ זיינען דאס מאל געווען ניט נאר די רעפובליקא־נער און רעאקציאנערע דעמאקראטען וועלכע האבען די גאנצע צייט געזוכט אפצושאפען אדער וועניגסטענס צו פארקריפלען די רעליף פראגראם פון דער רעגירונג, נאר אויך א באדייטענדע צאל ניו דילערס. דער פאר־שלאג אפצושאפען די פריוועילינג ווידזשעס און צווינ־גען אלע ארבייטער געבען וועניגסטענס 130 שטונדען א מאנאט איז געקומען פון דעם דאבליו. פי. עי. אדמי־ניסטראטאר, קאירנעל האריגנטאן. אין קאנגרעס, וואו דער געזעץ איז דורכגעגאנגען, האבען פאר אים גע־שטימט באלד אזויפיל דעמאקראטען ווי רעפובליקאנער. אפילו פרעזידענט רוזוועלט אליין האט, נאכדעם ווי דער געזעץ איז אנגענומען געווארען, אים אונטערגעשריבען און זיך אויסגעדריקט פאר צייטונגסלייט אויף אן אופן וואס האט אנגעדייטעט אז ער איז איינשטימיג מיט דער ענדערונג.

נישט אלע, וואס האבען געשטיצט דעם ביל, האבען געהאט די זעלביגע מאטיוון דערביי. די רעפובליקא־נער און רעאקציאנערע דעמאקראטען זיינען געגען דעם רעליף־פראגראם, ווייל ערשטענס קאסט עס געלט און ברענגט דעפיציטען וועלכע וועלען מוזען סוף כל סוף געדעקט ווערען פון שטייערן; צווייטענס, ווייל דאס איז א גאנץ מעכטיגע פאליטישע געווער אין די הענט פון דער רוזוועלט־אדמיניסטראציע און מען דארף איר פאר־ניכטען פאר די פרעזידענט וואלען פון 1940; דריטענס, זיינען זיי איבערהויפט געגען יעדע פראגרעסיווע געזעצ־געבונג און אויב זיי קענען עס ניט אין גאנצען פאר־ניכטען זוכען זיי עס אזוי צו פארקריפלען אז עס זאל פארלירען יעדע ווירקזאמקייט. וואס אנבאלאנגט די אזוי גערופענע ניו דילערס, איז ערשטענס ווילען זיי זיך איצט ערב אן עלעקשאן־יאר ניט איינרייסען צופיל מיט די קאנסערוואטיווע עלעמענטען און מיט די געלט־אינטערעסען און זיינען גרייט צו געבען זיי קאנצעסיעס; צווייטענס, באטראכטען זיי נאך אלץ די רעגירונגס־ארבייט פאר די וואס קענען ניט געפינען פלאץ אין דער פריוואַ־טער אינדוסטריע אלס צייטווייליגע זאך, עטוואס ענליך אויף צדקה. און אין צדקה קען דאך ניט זיין קיין רייד פון יוניאן סטאנדארדס. מען דארף די ביסעל געלט אויסציען אז עס זאל דעקען וואס מער מענשען. דער אמת איז דאך, אז ווען דער געזעץ איז אנגענומען גע־ווארען אין 1934 איז דער פונקט וועגען פריוועילינג ווידזשעס דארט ניט געווען. עס איז געווען בלויז נאך שטארקע שתדלנות מצד דער פעדערייש‌אן, וואס דער פונקט איז אין דער לעצטער מינוט אריינגעשטעלט גע־ווארען.

וואס אנבאלאנגט דעם הויפט פארוואלטער פון דער דאבליו. פי. עי., קאירנעל האריגנטאן, קוקט ער אויף זיין אויפגאבע פון דעם שטאנדפונקט פון א געשעפטס־מאן. ער דארף איינפירען אין דער ארבייט וואס מער עפישענסי און עקאנאמיע. פון דעם שטאנדפונקט האט די ניט גלייכע צאל שטונדען וואס די פארשיידענע קלאסען ארבייטער האבען געארבייט אויף דעם זעלביגען דזשאב, פיל געשטערט. עס האט דעזארגאניזירט די ארבייט ווען טיילען פון דעם זעלבען טיעם האבען גע־מוזט יעדעס מאל געביטען ווערען. פון דעם שטאנד־פונקט איז די פארפליכטונג פאר אלע צו ארבייטען די זעלביגע 130 שטונדען א מאנאט, א גוטע זאך.

דער פלאנטער אין דער גאנצער לאגע איז טאקע געשאפען געווארען דורך די צוויי דיאמעטראל אנטקע־גענגעזעצטע שטאנדפונקטען מיט וועלכע די רעגירונגס־באשעפטיגונג פאר די ארבייטסלאזע ווערט באטראכט. יעדער וואס וויל קוקען דעם אמת אין די אויגען מוז אנערקענען, אז די ארבייטסלאזיגקייט איז ניט קיין צייט־ווייליגע דערשיינונג נאר א כראנישע אין דער היינ־טיגער אנטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער עקאנאמיע. אט האט שוין איצט די פראדוקציע באלד צוריק דער־גרייכט די זעלביגע הויך ווי זי איז געווען אין 1929 און דאך איז די צאל ארבייטסלאזע אין לאנד נאך אלץ נאענט פון עלף מיליאן. און די אנטוויקלונג פון נייע ארבייטס־שפארענדע מאשינען און מעטאדען פון פרא־דוקציע האט נאך ווייט ניט אויפגעהערט. פארקערט, איר שוואונג ווערט נאך שנעלער. אונטער די אומ־שטענדען דארף מען ערוואַרטען, אז די צאל ארבייטס־לאזע וועט זייער ווייניג פארקלענערט ווערען אויב זי וועט נאך מער ניט שטייגען. אונטער די אומשטענדען איז פאראן בלויז איין אויסוועג ווי אזוי צו געבען בא־שעפטיגונג צו אלע וואס נויטיגען זיך אין ארבייט און קענען ארבייטען: — דאס איז אויף קהל'שע אונטער־נעמונגען וואס דארפען ניט האבען קיין קויפער, ווי פארקען, וועגען, שולען, עפענטליכע געביידעס און ענליכע ארבייטען פון וועלכע די באפעלקערונג געניסט און די רעגירונג צאלט דערפאר, דורך טעקסעס אויף די רייכע. ווען מען נעמט דעם שטאנדפונקט, איז די רעגירונגס באשעפטיגונג פונקט אזוי ארבייט ווי יעדע אנדער אר־בייט און די וועלכע ווערען באשעפטיגט דערביי זיינען בארעכטיגט צו די זעלביגע סטאנדארדס ווי ארבייטער אין א פריוואטער אונטערנעמונג. דער שטאנדפונקט פון די רעגירונגס־פירער איז אבער אן אנדערער. ווי מיר האבען שוין פריהער באמערקט, קוקען זיי אויף דעם ווי אויף א צייטווייליגע הילפס־אקציע, וועלכע מען דארף באשרענקען צו דער קלענסטער מעגליכקייט און אין גאנצען אפשאפען אזוי שנעל ווי עס איז פאראן א געלע־גענהייט דערצו. איבער דעם טאקע, האבען זיי פאר־נאנדערגעטיילט די קהל'שע ארבייט וואס ווערט אונטער־נומען אין צוויי באזונדערע אגענטורען. זיי האבען די „פאבליק ווארקס אדמיניסטריישאן״ פאר אלגעמיינע קהל'שע ארבעטען, וועלכע ווערען פינאנסירט פון דער רעגירונג און געמאכט פון פריוואטע קאנטראקטארס, און די „ווארק פראדזשעקטס אדמיניסטריישאן״, וועלכע ווערט געמאכט דירעקט פון דער רעגירונג מיט ארבייטס־לאזע אויף רעליף.

דער ערשטער געזעץ פאר דער דאבליו. פי. איי. איז געווען א קאמפראמיס צווישען די צוויי שטאנדפונק־טען. פון איין זייט האט עס באגרענעצט די צאל אנגע־שטעלטע און זייער קוואליפיקאציע צו בוכשטעבליכען נויט און באגרענעצט זייער איינקונפט צו דער מיני־מאלסטער סומע וואס איז נויטיג צו דערהאלטען זיי

ביים לעבן, ווי געוויינליכע צדקה־נעמער. פון דער צווייטער זייט, האָט מען פאַרגעשריבען די פּריוועילינג וויידזשעס ווי פאַר אַרבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט אין זייער פאַך און זיינען דערפאַר באַרעכטיגט אויפצוהאַלטען זייער סטאַנדאַרד. ווי יעדער קאָמפּראָמיס, האָט עס דעריבער ניט געקענט לאַנג אָנהאַלטען, ווייל עס האָט ביידע שטאַנדפּונקטען ניט באַפרידיגט. עס איז געווען ניט קיין שכירות און ניט קיין צדקה. איצט האָט די רעגירונג זיך געשטעלט אין גאַנצען אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון רעליף און אָפּגעשאַפט די פּריוועילינג וויידזשעס. די אַרבייטער וועלכע פילען דעם שאָדען, וואָס דאָס ברענגט זיי ווען מיליאָנען אַרבייטער ווערען געצוואונגען צו אַרבייטען אין זייער טרייד פאַר אַזוינע קלעגליכע שכירות, זיינען אַרויס אין קאַמף געגען דעם.

ווי זאָגט אָבער רוזוועלט? געגען דער רעגירונג קען מען ניט סטרייקען. רוזוועלט מיינט דערמיט צו זאָגען, אַז געגען דער רעגירונג טאָר מען ניט סטרייקען. וועגען דעם, צי מען מעג סטרייקען, קענען זיין מיינונגס־פאַרשידענהייטען. גאַנץ קאָנסערוואַטיווע יוניאָן־פירער ווי מאַרעי, פּרעזידענט פון בילדינג טרייד קאָונסיל אין ניו יאָרק, און די פירער פון די בילדינג טרייד יוניאָנס אין אַנדערע שטעט זיינען אין דעם ניט איינשטימיג מיט'ן פּרעזידענט און זיי גלויבען אַז מען קען און מען מעג סטרייקען געגען דער רעגירונג אויב זי דריקט אַרונטער די סטאַנדאַרדס פון די אַרבייטער. די אַרבייטער גלויבען אויך, אַז מען מעג. אַ סימן — צענדליגע טויזענדער פון זיי סטרייקען טאַקע. איין זאַך מוזען אָבער אַלע צוגעבען, אַז געגען דער רעגירונג קען מען אונטער די אומשטענדען ניט סטרייקען. מען קען ניט, ווייל זי איז צו שטאַרק... דער פאַקט איז טאַקע, אַז דער סטרייק איז שוין פאַקטיש געבראָכען.

וואָס וועט איצטער זיין? וואַרשיינליך וועט מען געפינען עפּעס אַ קאָמפּראָמיס מיט די בילדינג טרייד־יוניאָנס, ווייל פּאָליטיש איז ניט געזונט זיך איינצורייסען מיט די אָרגאַניזירטע אַרבייטער ערב אַן עלעקשאַן. צוליב דעם איבעראַשען די דאַבליו. פּי. עי. אַרבייטער אַלס רעזולטאַט פון אָפּזאָגען די אַלע וואָס האָבען שוין געאַרבייט אַכצען מאָנאַטען, וועט עס אָנקומען גרינגער איינצופירען די לענגערע שטונדען פאַר די זעלביגע שכירות און אַלץ וועט זיך באַרוהיגען. די הויפּט־פראַגע אָבער וועגען די אַרבייטסלאָזע אין לאַנד, וועט דורך דעם ניט געלייזט ווערען און זי וועט ווידער אויפקומען. ווייטערע קאַמפען זיינען אומפאַרמיידליך.

סי. אַי. אָ. אויטאָ יוניאָן סטרייק

די אויטאָמאָביל אַרבייטער יוניאָן פון דער סי. אַי. אָ. האָט אַרויסגערופען אין סטרייק אַלע טול און דאַי אַרבייטער פון דער דזשענעראַל מאָטאָרס קאָרפּאָריישאַן. כאָטש אין סטרייק זיינען בלויז אַרום אַכט טויזענד אַרבייטער, קען עס אָבער מעגליך אָפּשטעלען די גאַנצע אַרבייט אויף די נייע מאָדעלען וועלכע מען דאַרף באַלד אָנהויבען פּראָדוצירען און פּאַראַליזירען אַלע פאַבריקען, ווייל די סטרייקער זיינען די וואָס מאַכען די געצייג און פורעמס פאַר די 1940 קאַרס און אויב די נויטיגע געצייג און דאַיס זיינען ניט פאַרטיג, קען מען ניט אָנהויבען אַרבייטען אויף זייער פּראָדוקציע.

אָפיציעל איז דער סטרייק פאַר בעסערע באַדינגונגען. די יוניאָן פאָדערט אַ העכערונג פון צען פּראָצענט אויף די שכירות; העכערע עקסטראַ געצאָלט פאַר שבת און זונטאָג אָווערטיים; אַ יוניאָן לייבעל אויף אַלע טיילען וואָס ווערען גענוצט אין דער פּראָדוקציע; אַ מינימום געהאַלט פאַר נייע אַרבייטער וואָס ווערען אָנגעשטעלט און באַשטימטע רעגולאַציעס פאַר לערען־איינגלאַך.

עס איז אָבער פאַר קיינעם קיין סוד ניט אַז דאָס איז ניט די ריכטיגע אורזאַך פאַר דעם סכסוך מיט דער קאָמפּאַני און דעם סטרייק. וואָלט זיך עס געהאַנדעלט בלויז אום עקאָנאָמישע פאָדערונגען, וואָלט מען זיך וואַרשיינליך אויסגעגליכען. דאָרט איז אָבער הינטער די פאָדערונגען פאַרוויקעלט דער קאַמף צווישען די צוויי יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. און סי. אַי. אָ. און דער פאַרזוך פון דער פאַרוואַלטונג אויסצונוצען דעם קאַמף ניט צו אָנערקענען קיינע פון די צוויי יוניאָנס.

די סי. אַי. אָ. יוניאָן באַנוצט זיך מיט אַ זייער קלוגער טאַקטיק צו געווינען די אויבערהאַנט אין דעם קאַמף. אַנשטאָט צו פאָדערן אָנערקענונג פון דער קאָמפּאַני אַלס די איינציגע פאַרטרעטערין פון די אַרבייטער, וואָס וואָלט געפירט צו אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג פון די אַרבייטער אין די פאַרשידענע פאַבריקען, עטוואָס מיט וואָס מען קען קיינמאָל ניט זיין צו זיכער מיט'ן אויסגאַנג, פאָדערט די סי. אַי. אָ. בלויז עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען פאַר אירע מיטגלידער, אין וואָס די נעשאַנאַל לייבאָר ריליישאָנס באָארד קען זיך ניט מישען. אָפּשטעלענדיג אָבער די אַרבייט אויף די טולס און דאַיס, איבט די יוניאָן דערמיט אויס אַ שטאַרקען דרוק אויף דער קאָמפּאַניע איר צו אָנערקענען און שאַפט אַזוי אַרום פאַר זיך אַ בעסערע פּאָזיציע פאַר דעם קאַמף מיט דער א. פ. אָוו ל. יוניאָן שפּעטער ווען די פּראָדוקציע אויף די נייע קאַרס וועט זיין אין פולען שוואונג.

דער סטרייק איז דערוויילע אַ זייער שטורעמדיגער. אין פּאָנטיאַק זיינען פאָרגעקומען ערנסטע צוזאַמענשטויסען צווישען דער פּאָליציי און סטרייקער. דער גאָווערנאָר האָט שוין אַהין אַריינגעשיקט מיליץ. ווען די שורות ווערען געשריבען, גייען אָן פאַרהאַנדלונגען צווישען פאַרטרעטער פון דער יוניאָן מיט דער קאָמפּאַני אונטער דער אויפזיכט פון פאַרמיטלער פון דער רעגירונג. ווי עס ווייזט אויס, איז די סטראַטעגיע פון דער יוניאָן אַ געלונגענע. די קאָמפּאַני קען זיך ניט ערלויבען צו לאָזען פאַרציהען דעם סטרייק און וועט וואַרשיינליך מוזען נאָכגעבען.

די מאַרטין פראַקציע ווערט דערוויילע אַלץ מער צושפּליטערט און דעמאָראַליזירט. די א. פ. אָוו ל. האָט זיך געזען געצוואונגען צו באַשטימען אַן אויסערליכע קאָמיטע אַלס „ראַט־געבער" צו מאַרטינען און זיין גענעראַל עקזעקוטיווע. עס איז די איראָניע פון שיקזאַל, וואָס מאַרטינ'ס שטאַרקסטע טענה געגען דער סי. אַי. אָ. איז געווען דאָס וואָס די צענטראַלע קערפּערשאַפט האָט באַשטימט אַן ענליכע קאָמיטע ווען דער קאַמף צווישען מאַרטינען און זיין גענעראַל עקזעקוטיוו איז אָנגעגאַנגען אידער די שפּאַלטונג. מאַרטין האָט דעמאָלט געטענה'ט, אַז די אויטאָנאָמיע פון דער אויטאָמאָביל יוניאָן איז דורך דעם אָוועקגענומען געוואָרען. איצט איז די א. פ. אָוו ל., אַן וועמען זיין גרופּע האָט זיך אָנגעשלאָסען נאָך דער שפּאַלטונג, געצוואונגען געווען צו טאָן דאָס זעלבע.

ווי ווייט מאַרטין איז ניט בכח אויפצוהאַלטען זיינע אייגענע אָנהענגער, האָט מען דעם מאָנאַט געזען דערפון וואָס די דאַבליו. פּי. עי. אָפּטיילונג פון דער אויטאָמאָביל־יוניאָן וואָס ער אַליין האָט געטשאַרטערט, איז אַרויסגעטראָטען געגען אים. אין אַ סטייטמענט פון די פירער פון דער גרופּע, וויליאַם ב. טעילאָר, נאַציאָנאַלער טשערמאַן, און פּאָול סילווער, נאַציאָנאַלער אָרגאַנייזער פון דער גרופּע, האָבען אַרויסגעגעבען אַ רוף צו די מיטגלידער זיך אָפּצורייסען פון דער א. פ. אָוו ל. און צוריקגיין צו דער סי. אַי. אָ. אין דעם אויפרוף האָבען זיי באַשולדיגט מאַרטינען, אַז ער האָט ניט אין זינען די אינטערעסען פון די אַרבייטער און אַז ער חבר'ט זיך מיט דזשעראַלד ק. סמיט, יוהי לאָנג'ס אַ לייטענאַנט וועלכער זוכט צו שאַפען פאַשיסטישע יוניאָנס.

דער אַרויסטריט פון די אָנהענגער זיינע געגען מאַרטינען, איז זיכער ניט אין גאַנצען אויס אידעאַליסטישע און פּרינציפּיעלע מאָטיווען, ווי זיי גיבען אָן. הינטער דעם איז דאָ יוניאָן־פּאָליטיק. מאַרטין האָט געוואָלט אָוועקנעמען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פון דער גרופּע און אָנשליסען אירע אָפּטיילונגען אָן די רעגולערע לאָקאַלס אין יעדער שטאָדט. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז דאָס אָפּרייסען זיך פון דער גרופּע פון מאַרטינ'ס יוניאָן אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר איר און באַווייזט, אַז מאַרטין קען ניט האַלטען אַרום זיך זיינע נאָענטסטע אונטערשטיצער.

בלוטיגער יוריסדיקציע־קאַמף צווישען צוויי לאָקאַלס פון דער זעלביגער אינטערנעשאַנאַל יוניאָן

אַ יוריסדיקציע שטרייט צווישען צוויי לאָקאַלס פון דער האָד קעריערס און קאָמאָן לעיבאָרערס אינטערנעשאַנאַל יוניאָן האָט דעם מאָנאַט געבראַכט צו אַ בלוטיגען סטרייק אין וועלכען אַ צאָל מענשען זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען און אַ צאָל אַנדערע אַרעסטירט. נאָך אַ קאַמף פון קאַרגע צוויי וואָכען איז דער סכסוך איבערגעגעבען געוואָרען צו אַרביטריישאָן און דער סטרייק איז צוריקגערופען געוואָרען.

דער סכסוך איז אַנטשטאַנען צווישען לאָקאַל 147, די טונעל גרעבער פון ניו יאָרק, און לאָקאַל 60 פון דער זעלביגער אינטערנעשאַנאַל אין וועסטשעסטער קאָונטי, וועגען דעם וועמעס מיטגלידער עס דאַרפען אָנגעשטעלט ווערען אויפ'ן וואַסער־טונעל וואָס עס ווערט איצט געגראָבען צו ברענגען וואַסער פון דעלעווער ריווער פאַר'ן ניו יאָרקער געבוריך. דער קאָנטראַקטאָר, וואָס האָט אונטערנומען די אַרבייט, האָט אָנגעשטעלט מיטגלידער פון לאָקאַל 60, און לאָקאַל 147 האָט ערקלערט אַ סטרייק. גלייכצייטיג האָט דער לאָקאַל שוין אויך אַרונטערגענומען די אַרבייטער וואָס גראָבען דעם מיד־טאַון טונעל אין ניו יאָרק פאַר דעם זעלביגען קאָנטראַקטאָר.

די הויפּט טענה פון די סטרייקער איז געווען, אַז לאָקאַל 60 קאָנקורירט מיט זיי דערפאַר וואָס זייער וויידזש סקייל איז מיט צוואַנציג סענט אַ שטונדע וועניגער ווי דער פון זייער לאָקאַל. לאָקאַל 147 האָט אָוועקגעשטעלט פּיקעטס אַרום די עפענונגען צום טונעל און די מיטגלידער פון צווייטען לאָקאַל האָבען זיך פּרובירט דורכצוברעכען דורך דער פּיקעט־ליין. אין אַ געשלעג, וואָס האָט אויסגעבראָכען צווישען די צוויי צדדים, זיינען 9 אַרבייטער פאַרוואונדעט געוואָרען, דריי פון זיי ערנסט. אַ צאָל פּיקעטס זיינען אַרעסטירט געוואָרען. לאָקאַל 60 האָט זיך געווענדט אין געריכט נאָך אַן אינדזשאַנקשאָן געגען צווייטען לאָקאַל. ערשט נאָך אַ פאַרציע מוסר פון דזשאַדזש פּעטערסאָן האָבען ביידע צדדים צוגעשטימט צו אַרביטריישאָן און דער סטרייק איז צוריקגערופען געוואָרען.

קוילען גרעבער סטרייק אין הארלאַן געוואונען

די יונייטעד מיין וואָירקערס יוניאָן האָט דעם מאָנאַט איינגענומען די פאַרביסענסטע אַנטי־יוניאָן פעסטונג אין אַמעריקע. די אַסאָסיאיישאָן פון מיין אייגענטימער אין האַרלאַן קאָונטי, קענטאַקי, איז געצוואונגען געוואָרען אונטערצושרייבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן.

האַרלאַן איז באַוואוסט אין דער געשיכטע פון דער מיינערס יוניאָן, אַלס „די בלוטיגע האַרלאַן". זי האָט דעם נאָמען כשר פאַרדינט. די באָסעס דאָרט האָבען יאָרען־לאַנג אָנגעהאַלטען אַ בלוטיגען טעראָר געגען די אַרבייטער. צענדליגע מיינער זיינען דאָרט ערמאָרדעט געוואָרען פון די שעריפס, סאָלדאַטען און קאָמפּאַני־גענגסטערס. די מעשים תעתועים פון די קוילען־באַראָנען אין יענעם ווינקעל זיינען געווען אַזוי הימעל־שרייענד, אַז די פעדעראַלע רעגירונג איז געצוואונגען געווען זיך אַריינצומישען און פאַרפירען אַ פּראָצעס געגען די קאָמפּאַניס און זייערע געדונגענע אַגענטען אין דער קאָונטי־רעגירונג און אויסער איר. דער פּראָצעס האָט זיך געענדיגט מיט אַ דיסאַגרימענט פון דער דזשורי און דער טרייעל דאַרף אין גיכען ווידער פאָרקומען.

ווען די אייגענטימער אין די אַפּאַלאַטשיען פעלדער האָבען אונטערגעשריבען דעם נייעם אַגרימענט מיט דער מיינערס יוניאָן, האָבען די באָסעס פון האַרלאַן, וועלכע זיינען אָנגעשלאָסען אָן דער אַסאָסיאיישאָן, איר פאַרלאָזען און זיך אַנטזאָגט אונטערצושרייבען דעם אַגרימענט. די יוניאָן האָט ערקלערט אַ סטרייק, און די באָסעס האָבען זיך גענומען צו זייער אַלטער מעטאָדע פון טעראָר און מערדערייען. דער גאָווערנאָר פון קענטאַקי, טשענדלער, וועלכער האָט אַ האַרץ אויף דער מיינערס יוניאָן ווייל זי האָט אים דורכגעוואָרפען אין זיין פאַרזוך צו ווערען יונייטעד סטייטס סענאַטאָר אין די לעצטע וואַלען, האָט געטאָן וואָס ער האָט געקענט צו ברעכען דעם סטרייק און העלפען די באָסעס. ער האָט אַריינגעשיקט מיליץ אין געגענד און פּראָוואָצירט די מיינערס, אַזוי אַז עטליכע מענשען זיינען דאָרט ערמאָרדעט געוואָרען און אַ צאָל פאַרוואונדעט. דאָס האָט אים אויך געגעבען די געלעגענהייט צו אַרעסטירען הונדערטער מיינערס פאַר דעם טויט פון זייערע ברידער, וועמען די סאָלדאַטען און גענגסטערס האָבען ערמאָרדעט.

ווי האָט אָבער לואיס געזאָגט: „מיט באַיאָנעטען קען מען קיין קוילען ניט גראָבען". טראָץ די מערדערייען זיינען די באָסעס געצוואונגען געוואָרען אונטערצושרייבען אַן אַגרימענט מיט דער פאַרהאַסטער יוניאָן. זיי האָבען אָנערקענט די יונייטעד מיין וואָירקערס יוניאָן אַלס די איינציגע פאַרטרעטערין פון אַלע זייערע אַרבייטער, האָבען נאָכגעגעבען די וויידזש סקיילס און אַנדערע באַדינגונגען, ווי אַלע אַנדערע באָסעס. נאָר אום צו ראַטעווען זייער כבוד, עס זאָל ניט הייסען אַז זיי האָבען אַלץ געמוזט נאָכגעבען, איז די יוניאָן איינגעגאַנגען אַז די פונקטען וועגען קלאָוזד שאָפּ זאָלען אויסגעלאָזען ווערען. דערפאַר אָבער האָט די יוניאָן געקראָגען דאָס רעכט צו סטרייקען אין פאַל פון פאַרזוכען פון די בעלי בתים צו ברעכען די יוניאָן. וואָס עס וועט איצט ווערען פון די טרייעלס און אינדייטמענטס, איז נאָך ניט באַשטימט.

וויכטיגע אָרגאַניזאַציאָנס פּלענער פון פאַרשידענע יוניאָנס

דער שטילשטאַנד אין די יוניאָנס, וואָס איז געקומען מיט דער נייער דעפּרעסיע דורך 1938, שיינט צו זיין ענדליך פאַראיבער. די יוניאָנס זיינען דורכגעגאַ־

גען דעם שטורם אומבאשעדיגט און נעמען זיך איצט, ווען די צייט איז א ביסעל גינסטיגער, צו נייע אנשטרענגונגען צו ארגאניזירען די ניט־ארגאניזירטע אויף א גרויסען מאסשטאב.

די סי. אי. א. ארגאניזאציאנס־קאמיטע פאר דער פלייש אינדוסטריע האט זיך גענומען צו צווינגען די גרויסע מיעט פעקינג פירמעס אנערקענען די יוניאן און אונטערשרייבען א נאציאנאלען אגרימענט. דער קאמפיין איז געריכטעט געגען די אזוי גערופענע „ביג פאור", די פיר גרעסטע קאמפאניס אין דער אינדוסטריע — די ארמאור, ווילסאן, סוויפט און קאדהעי. דעם אנהויב האט מען געמאכט מיט דער ארמאור קאמפאני. אן אפשטימונג האט געגעבען דער יוניאן די פולמאכט צו רופען א סטרייק אין 17 פון די 29 פעקינג־הייזער פון דער קאמפאני איבער'ן גאנצען לאנד.

אונטערהאנדלונגען מיט דער ארמאור קאמפאני האבען זיך אנגעפאנגען. די יוניאן־פירער זוכען אויסצוגיבען א דרוק אויף דער רעגירונג צו העלפען זיי געווינען אנערקענונג אן א סטרייק.

ביי א קאנווענשאן פון דער ריטייל קלוירקס אינטערנעשאנאל, וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין קליוולאנד, איז באשלאסען געווארען אנצוהויבען א קאמפיין צו ארגאניזירען די אומגעפער זיבען מיליאן אנגעשטעלטע אין סטארס אין די פאראייניגטע שטאטען. די יוניאן וועלכע איז געווען פאקטיש האלב טויט, וועלכע האט פאר א משך פון פופצען יאר אפילו קיין קאנווענשאן ניט געהאט, איז, שיינט עס, צוריקגעקומען צום לעבען. ביי דער קאנווענשאן איז די קאנסטיטוציע פון דער אינטערנעשאנאל רעווידירט געווארען. זי האט באשטימט אן ארגאניזאציאנס־פאנד פון 200,000 דאלאר. לאמיר האפען, אז זיי וועלען זיך באמת נעמען צו דער ארבייט.

אין ניו יארק האט זיך דערווייל די יוניאן גענומען ארגאניזירען די דעפארטמענט סטאר אנגעשטעלטע. אויף דער איניציאטיווע פון דער פעדעריישאן איז דא ארגאניזירט געווארען אן אינדוסטריעלער קאונסיל פון אלע יוניאנס פון דער א. פ. אוו ל. וועלכע האבען יוריסדיקציע אויף די פארשיידענע מינים אנגעשטעלטע אין די דעפארטמענט סטארס, ווי סעילסלייט, עלעוויטאר אפערייטארס, טראקלייט, ווערהויז לייטע, מעינטענענס מען און ענליכע. אין ברוקלין ארבייט שוין אן ענליכער קאונסיל פון פריהער און א דאנק זיין ארבייט איז זיי געלונגען צו קריגען אגרימענטס מיט דער לודוויג בארמאן סטאר און די פרעדעריק לאעסער קא. דער קאונסיל אין ניו יארק וועט שטיין אונטער דער אויפזיכט פון דזשיימס דזש. באמבריק, פרעזידענט פון לאקאל 32־בי פון די בילדינג סירוויס אנגעשטעלטע.

דעם מאנאט איז דא אין ניו יארק אויך רעארגאניזירט געווארען די דזשאינט באארד פון יוניאנס פון האטעל און רעסטאראנט ארבייטער. אן דער דזשאינט באארד זיינען אנגעשלאסען דרייצען פאך יוניאנס, ווי באר־טענדערס, וועיטערס, קוכערס, אנגעשטעלטע אין האטעלען און ענליכע. יעדע יוניאן האלט אן איר אויטאנאמיע, אבער ביים פארהאנדלען מיט בעלי־בתים, שליסען אגרימענטס און פארוואלטען אלע אינדוסטריעלע אנגעלעגענהייטען וועלען זיי זיך פירען ווי איין אינדוסטריעלע יוניאן. די פירער פון דער דזשאינט באארד האפען צו ארגאניזירען די אומגעפער 200,000 ארבייטער פון די פאכען וואס ווערען באשעפטיגט אין ניו יארק.

כאראקטעריסטיש איז, וואס אין די ביידע פאלען, סיי ביי די סטאר־קלוירקס און סיי ביי די האטעל און רעסטאראנט אנגעשטעלטע, האבען די פעדעריישאן יוניאנס אנגענומען די אינדוסטריעלע פארמע פון ארגאניזאציע. אנדערע זיינען חושד, אז דאס איז דערפאר וואס אין די ביידע אינדוסטריען וועלען זיי דארפען פירען א קאמף מיט די סי. אי. א. יוניאנס, וועלכע אפערירען אין די געביטען. די געפאר איז בלויז, אז דער קאמף צווישען די צוויי גרופען זאל פארשלינגען זייער גאנצע ענערגיע און גארניט איבערלאזען פאר'ן קאמף געגען די ארבייטסגעבער, ווי דאס האט שוין פילע מאל געטראפען.

סטרייקס און סעטעלמענטס דעם מאנאט

צווישען די וויכטיגערע סטרייקס דעם מאנאט, אויסער די וואס מיר האבען שוין אויסגערעכענט אויבען, זיינען: דער סטרייק פון די קענערי ארבייטער אין אלאסקא. אלע סעמאן־קענינג פלענטס זיינען געשלאסען געווארען דורך א גענעראל סטרייק, וואס איז גערופען געווארען פון דער סי. אי. א., וועלכע פאדערט א קלאוזד יוניאן־שאפ און אנשטעלען ארבייטער דורך דער יוניאן.

די וועבער, טוויסטער און לום פיקסערס אין דער טשעני בראדערס סאמעט פאבריק אין הארטפארד, קאנעטיקוט, זיינען ארונטער אין סטרייק צוליב דעם וואס די קאמפאני האט פרובירט פארגרעסערען די צאל וועבשטולען וואס יעדער וועבער דארף אפערירען. ביז איצט האט א וועבער אויף סאמעט געארבייט אויף דריי וועב־שטולען. איצט פאדערט די קאמפאני, אז זיי זאלען ארבייטען אויף פיר וועב־שטולען יעדער. ווי עס ווייזט אויס, איז עס א פארמעסט אין כחות צווישען די בעלי בתים און דער יוניאן. אויב עס זאל דער פירמע געלינגען, וועלען די אנדערע פירמעס אויך פאדערען דאס זעלבע און עס קען קומען צו אן אלגעמיינעם סטרייק אין דער סאמעט אינדוסטריע.

די טראנספארט ארבייטער יוניאן פון דער סי. אי. א. האט דעם מאנאט באנייט די אגרימענטס מיט די צוויי טראנספארט קאמפאניס אין ניו יארק, וועלכע אפערירען די סאבוויס, עלעווייטעדס און סטריט קארס, די אי. אר. טי. און די בי. עם. טי. די פארהאנדלונגען האבען זיך געצויגען זינט דעם 1טען אפריל, ווען די אלטע אגרימענטס זיינען אויסגעגאנגען. עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז די ארבייטער זאלען ארונטער אין סטרייק. ענדליך אבער האט מען זיך אויסגעגליכען און עס איז אונטערגעשריבען געווארען אן אגרימענט פאר צוויי יאר.

די ארבייטער האבען געקראגען מאנכע העכערונגען אויף די שכירות, קלאוזד יוניאן שאפ, געצאלט פאר קראנקהייט, און געוויסע ימים טובים. וואס די ארבייטער האבען געוואונען דעם קלאוזד שאפ, וועט צווינגען דער שטאט־רעגירונג, אין פאל זי נעמט איבער די סאבוועיס אידער דער אגרימענט גייט אויס, צו געפינען א וועג ווי אזוי אויסצומיידען דעם ניי־אנגענומענעם געזעץ וואס פאדערט סיוויל סירוויס עקזאמענס פאר סאבוויי־אנגעשטעלטע.

די דזשאינט באארד פון דער אמאלגאמייטעד אין ניו יארק האט דעם מאנאט באנייט דעם אגרימענט מיט דער אסאסיאיישאן פון בעלי בתים אין מענער־קליידער טרייד. דער אגרימענט איז פאקטיש דער זעלבער אין אלע פונקטען ווי דער אלטער אגרימענט, וואס איז אויסגעגאנגען דעם 30טען יוני.

די אינטערנעשאנאל מאשיניסטס יוניאן האט דורך די לעצטע צוויי מאנאטען אונטערגעשריבען 218 קאנטראקטען מיט בעלי בתים און אסאסיאיישאנס איבער'ן לאנד. די מערסטע זיינען געווען באנייאונגען פון אויסגעגאנגענע אגרימענטס. א טייל אבער זיינען געווען נייע אגרימענטס מיט ניט־יוניאן פירמעס. ווי די יוניאן ערקלערט, האט זי אין אלע אגרימענטס געקראגען פארבעסערונגען פאר די ארבייטער. אין פילע פאלען, קירצערע שטונדען, העכערע שכירות און וואקיישאן מיט געצאלט.

די בילדינג סירוויס אנגעשטעלטע האבען דעם מאנאט דורך אן אנטשיידונג פון ארביטרייטאר געקראגען באדייטענדע העכערונגען אויף די שכירות און אנדערע פארבעסערונגען. די פראגען זיינען איבערגעגעבען געווארען צו ארביטריישאן נאכ'ן סטרייק, וואס די יוניאן האט גערופען אין אפריל. לויט דער אנטשיידונג, קריגען די ארבייטער, וואס האבען געארבייט פאר'ן מינימום, א העכערונג פון פיר דאלאר א וואך יעדער. די ארבייטס־צייט ווערט געשניטען מיט איין שטונדע אויפ'ן וואך גלייך און נאך א שטונדע מיט אכצען מאנאטען שפעטער. דער אגרימענט איז פאר דריי יאר.

יוניאן־פירער פארשפרעכען צו העלפען דעם דעבארא סאנאטאריום צו פארענדיגען דעם דריטען פלאר

אויף דער איינלאדונג פון ג. מינץ, פארטרעטער פון דעם דעבארא סאניטאריום אין ניו יארק, האבען א גרופע יוניאן־פירער באזוכט דעם סאנאטאריום אין בראון מילס, ניו דזשוירזי, און פארשפראכען צו טאן אלץ וואס זיי קענען צו שאפען די נויטיגע געלט אויף פארענדיגען און אויסשטאטען נאך א פלאר אין דער נייער געביידע, צו מאכען דארט פלאץ פאר די פרויען פאציענטען וואס האלטען זיך נאך אויף אין די אלטע קאטעדזשעס.

אין דער גרופע יוניאן פירער, וואס האבען באזוכט דעם סאנאטאריום, זיינען געווען די פאלגענדע: טשארלס זימערמאן, מענעדזשער פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22, און טשערמאן פון דער לעיבאר קאמיטע פון סאנאטאריום; פיליפ קאפ, סעקרעטער־טרעזשורער פון דעם דרעס דזשאינט באארד; ג. מ. מיקאף, סעקרעטער פון לאקאל 22; סאמועל שאר, מענעדזשער פון לינדזשערי לאקאל 62; מייק קופערמאן, פרעזידענט פון קלאוק פרעסערס לאקאל 35; ה. גארדאן, טשערמאן פון דער סקירט מאכער יוניאן לאקאל 23; פ. גאווילאנא, בעאמטער פון איטאליענישען דרעסמאכער לאקאל 89, מיט א קאמיטע; י. הערשקאוויץ, פון דער אמאלגאמייטעד קלאדינג װארקערס יוניאן און ה. ראזענבלאט פון דער מילינערי ארבייטער יוניאן.

די גרופע איז אויפגענומען געווארען פון דעם פארוואלטער פון סאנאטאריום, ס. בעלאק, און דעם הויפט דאקטאר פון סאנאטאריום, דר. בעראנבלאט. די באזוכער זיינען דורכגעגאנגען די אלטע און נייע געביידעס, זיך צוגעקוקט צו די איינריכטונגען, זיך געטראפען און גערעדט מיט די פאציענטען, און האבען זיך באקענט מיט דער גרויסער און וויכטיגער ארבייט וואס די אינסטיטוציע טוט פאר די ארבייטער־קרבנות פון דער פראלעטארישער קראנקהייט — קאנסאמשאן.

דער איינדרוק אויף די מענשען פון דער גרופע איז געווען אומגעהויער. דער קאנטראסט צווישען דער באקוועמליכקייט, שיינקייט און סאניטארישקייט פון דער נייער פינף־שטאקיגער געביידע און די אלטע, הילצערנע קאטעדזשעס, האט שארף אונטערשטראכען פון איין זייט, דעם גרויסען פארשריט וואס די אינסטיטוציע האט געמאכט פאר די לעצטע פאר יאר, און פון דער צווייטער זייט, ווי פיל מער עס האט געקענט דערגרייכט ווערען ווען די פארוואלטונג זאל האבען די נויטיגע געלט־מיטלען אויף פארענדיגען און אויסשטאטען די איבעריגע דריי פלארס פון דער נייער געביידע.

פארלויפיג זיינען בלויז די ערשטע צוויי פלארס פון דער נייער געביידע פארענדיגט און ווערען באנוצט. אחוץ דער קיך, דיינינג רום, אפיס און די מעדיצינישע אפטיילונג, זיינען דארט דא ארום דרייסיג בעטען פאר די פאציענטען, וועלכע זיינען אלע פארנומען פון דער מענער אפטיילונג. די פרויען פאציענטען געפינען זיך נאך אין א הילצערנער געביידע, וואו טראץ אלע באמיאונגען פון דער פארוואלטונג צו מאכען די פאציענטען אזוי באקוועם ווי מעגליך, איז אבער דער פלאץ באיין אופן ניט צוגעפאסט פאר אזא אונטערנעמונג. ספעציעל איז פארדראסיג ווען מען זעט די אויבערשטע דריי עטאזש פון דער פרעכטיגער נייער געביידע, וועלכע האט געקענט ארייננעמען אלע פאציענטען וואס זיינען אין סאנאטאריום און אויך די וואס זיינען אויף דער ווארט־ליסטע, ווייל עס איז פאר זיי קיין פלאץ ניטא, פוסטעווען איבער דעם וואס עס פעלט די עטלאכע טויזענט דאלער זיי צו פארענדיגען און אויסשטאטען.

די פאציענטען, וועלכע זיינען כמעט אלע ארבייטער, מערסטענס פון די נאדעל טריידס, קענען זיך ניט אפלויבען פון דער גוטער באהאנדלונג און זארגפעלטיגער אויפפאסונג וואס זיי קריגען אין דעם דעבארא סאנאטאריום. פילע פון זיי האבען באטאנט די וויכטיגקייט פון דעם וואס דער סאנאטאריום געפינט זיך אזוי נאענט פון ניו יארק און די אנדערע שטעט פון וואנען זיי קומען און זייערע נאענטע און פריינד קענען זיי אפט באזוכען. עס איז געווען רירענד צו זען די פרייד פון די פאציענטען מיטגלידער פון לאקאל 22, ווען זייער מענעדזשער ,ברודער זימערמאן האט זיי באזוכט און איבערגעגעבען מאנכע קליינע מתנות. א נייע נשמה האט עס אין זיי ארייגעזעצט.

ביים לאנטשען, וואס די פארוואלטונג פון סאנאטאריום האט געגעבען פאר די געסט פון די יוניאנס, זיינען קיין איבעריגע רעדעס ניט געווען. מ. בעלאק, דער פארוואלטער, האט אין עטליכע ווערטער אנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט צו שאפען געלט אויף פארענדיגען ווייניגסטענס דעם דריטען פלאר פון דער געביידע. וויס־פרעזידענט טשארלס זימערמאן האט, אין נאמען פון די יוניאנס, פארשפראכען, אז זיי וועלען זיכער טאן אלץ וואס מעגליך צו שאפען די נויטיגע סומע און די אנדערע אנוועזענדע יוניאן־פירער האבען צוגעשטימט דערצו. עס איז פארשטאנען געווארען, אז די אלע און פארטרעטער פון אנדערע יוניאנס וועלען זיך אין גיכען צוזאמענקומען אין ניו יארק און זען וואס יעדער פון זיי קענען טאן פאר דעם צוועק.

וואָס עס הערט זיך אין דער אינטערנעשאָנאַל

דער אָרגאַניזאַציאָנס לעבען אין אונזער אינטערנעשאָנאַל דורך דעם פאַרגאַנגענעם מאָנאַט איז געווען נאָרמאַל. עס זיינען ניט פאָרגעקומען קיין אויסערגעוויינליכע פאַסירונגען, מיר האָבען ניט געהאַט קיין באַזונדערס ערנסטע צוזאַמענשטויסען מיט בעלי בתים, קיין סענזאַציאָנעלע סטרייקס וואָס זאָלען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר גרויסע קעפּ אין די צייטונגען. דאָס איז אָבער ניט אַ שטילקייט פון גאָר ניט טאָן, נאָר פאַרקערט, אַ רוהיגע, זאַכליכע, טאָג־טעגליכע אַרבייט פון אַ גוט איינגעאָרדענטער אָרגאַניזאַציע וואָס גייט מיט געמאָסטענע טריט פאָראויס. שטענדיג זיכער מיט איר מאַכט און באַוואוסטזיין גייט זי רואיג צו איר ציל. אָפּמאַכען מיט בעלי בתים ווערען באַנייט מיט פאַרבעסערונגען; דאָ און דאָרטען — אַ סטרייק געגען אַ פאַרביסענעם אַרבייטס־געבער וועלכער זוכט זיך ארויסצודרייען פון זיינע פאַרפליכטונגען; וואו ניט וואו אַ נייער שאָפּ, וואָס האָט זיך געעפענט אָדער אַ פאַרבליבענער שאָפּ אויסער דער יוניאָן־קאָנטראָל ווערט אָרגאַניזירט; אינדוסטריעלע פּראָבלעמען, וואָס קומען כסדר אויף אין אַזאַ זיך בייטענדיגער אינדוסטריע ווי עס איז די פרויען־קליידער אינדוסטריע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגען וואָס וואַקסען ארויס פון אַזוינע ענדערונגען ווערען אויפגענומען און מיטלען ווערען אָנגעווענדט זיי צו לייזען.

אין דער קלאָוק דזשאָינט באָארד אין ניו יאָרק

דער סעזאָן אין קלאָוק טרייד האָט זיך שוין דעם מאָנאַט אָנגעהויבען, כאָטש עס איז נאָך נאַטירליך ניט ביזי אין אַלע שעפּער. לויט אַלע סמנים, ערוואַרטעט מען דעם פאַל סעזאָן מער אַרבייט ווי עס איז געווען לעצטעס יאָר. די האָפנונגען זיינען געבויט, ערשטענס, אויף די צייכענס פון אַן אַלגעמיינער פאַרבעסערונג אין אינדוסטריעלען לעבען פון לאַנד. די באַריכטען פון די סטאַטיסטישע ביוראָס ווייזען, אַז דער ריטעיל פאַרקויף אין די סטאָרס איז געשטיגען דאָס יאָר מיט איבער פינף פּראָצענט אין פאַרגלייך מיט דעם זעלבען מאָנאַט לעצטעס יאָר: פּראָדוקציע פון שטאָל, אויטאָמאָבילס, בוי־קאָנטראַקטען זיינען שטאַרק געשטיגען. דאָס זיינען אַלץ סמנים פון אַ פאַרבעסערונג אין די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין לאַנד און במילא וועט, האָפט מען, אויך די פרויען־קליידער אינדוסטריע קריגען איר חלק אין דער אַלגעמיינער פאַרבעסערונג.

די טרייד צייטונגען ווייזען אויך אָן, אַז די צאָל ביירס וואָס זיינען געקומען אין ניו יאָרק און האָבען בייגעוואוינט די מאָדע אויסשטעלונגען זיינען דאָס יאָר געווען גרעסער און זיי זיינען פאַרבליבען לענגער אין שטאָט. דאָס ווערט אויסגעטייטשט אַלס סמן אַז עס וועלען איינקומען מער באַשטעלונגען. אָט די ערוואַרטונגען ווערען אויך באַשטעטיגט פון דעם טרוקינג קאָנטראָל דעפּאַרטמענט וואָס שטייט אונטער דער פאַרוואַלטונג פון ברודער סאל מעץ, מענעדזשער פון לאָקאַל 102. דער באַריכט לויטעט, אַז די צאָל געשניטענע קאָוטס און יאָרדס וואָרע וואָס ווערט טעגליך געשיקט פון די דזשאָבערס און מאַנופעקטשורערס צו די קאָנטראַקטאָרס דורך די לעצטע עטליכע וואָכען, איז דאָס יאָר גרעסער ווי עס איז געווען לעצטעס יאָר אין דער זעלבער צייט און עס האַלט נאָך אין איין שטייגען.

זיינען די סמנים גוטע. אָבער ניט אַלע מאָל אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבען די סמנים זיך באַשטעטיגט ביים שלוס פון סעזאָן. לאָמיר האָפען, אַז דאָס מאָל וועלען די קלאָוקמאַכער ניט ענטוישט ווערען.

יוניאָן פאַרבאָט אַרבייטען אויף ניט־געסעטעלטע סטיילס

אָבער צי אַ גוטער סעזאָן, אָדער ניט אַזאַ גוטער, דאָס וויכטיגסטע וואָס די קלאָוקמאַכער דאַרפען אויפּאַסען איז צו זען, אַז פאַר דער אַרבייט וואָס די מאַכען זאָלען זיי קריגען די יוניאָן־פּרייזען. אין אַ גוטען סעזאָן, ווען עס איז דאָ גענוג אַרבייט, איז עס אוודאי וויכטיג אַז די פּרייזען פאַר דער אַרבייט זאָלען זיין גוטע אום אויך די קלאָוקמאַכער זאָלען געניסען פון דעם בעסערען סעזאָן. אויב דער סעזאָן ווידער איז ניט אַזוי גוט און עס איז פאַראַן ווייניג וואָכען אַרבייט, ווי דאָס האָט לײדער פּאַסירט שוין צו־אָפט אין די לעצטע יאָרען, דאַרף דער קלאָוקמאַכער זיכער זען אַז ער זאָל קריגען אַ פּרייז וואָס זאָל אים כאָטש פיל ווייניג פאַרגיטיגען פאַר די קורצע סעזאָנען און לאַנגע סלעקס.

דערפאַר טאַקע האָט די קלאָוק דזשאָינט באָארד באַשלאָסען ניט צו ערלויבען די בעלי מלאכות אַרבייטען אויף די פאַל אַרבייט ביז פּרייזען וועלען געסעטעלט ווערען. ווי עס ווערט באַריכטעט, קומט אין מאַנכע שעפּער ארויס צוליב דעם געוויסע שוועריגקייטען. ספּעציעל איז עס דער פאַל ביי די ביליגע ליינס און איבערהויפּט אין די סעקשאָן־שעפּער, וואו מען האָט ביז איצט געאַרבייט פון וואָך און וואו לויט דעם באַשלוס פון דער דזשאָינט באָארד זיי דאַרפען איצט אַרבייטען אויף שטיק־אַרבעט. די קלאָוקמאַכער אין די שעפּער דאַרפען אָבער באַגרייפען, אַז עס איז געזינטער צו פאַרלירען אַ וואָך אַרבייט אין אָנהויב סעזאָן אום צו פאַרזיכערען זיך מיט געהעריגע פאַרדינסטען דורכ'ן סעזאָן, אידער ארייננאַפּען די עטליכע טעג אַרבייט און נאָכדעם דאַרפען אַרבייטען האַלב אומזיסט.

יוניאָן נעמט זיך צו מענער־קליידער שעפּער וואָס נייהען קלאָוקס

די קלאָוק דזשאָינט באָארד האָט זיך אויך גענומען צו די מענער קליידער פירמעס וואָס נייהען די מעניש־סטאַיל קלאָוקס אונטער פיל נידעריגערע סטאַנדאַרדס ווי די וואָס די קלאָוקמאַכער האָבען אונטער זייער אַגרימענט. מיטוואָך, דעם 19טען יולי, האָט די יוניאָן ערקלערט אַ סטרייק געגען דער פירמע „וויליאם י. נייטהען" — אַ פירמע, וועלכע האָט אַן אַגרימענט מיט דער אַמאַלגאַמייטעד, אָבער ווי די פירער פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד גיבען איבער, האָט די פירמע פאַר די לעצטע צוויי יאָר ניט געמאַכט קיין מענער־קליידער נאָר אויסשליסליך מעניש סטאַיל פרויען סוטס. די פירמע פּראָדוצירט ארום 300,000 סוטס אַ יאָר און האָט שוין לעצטענס זיך אַפילו ארייננגעקליבען אין צענטער פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע, אין 519 אַכטע עוועניו.

די פירערשאַפט פון דער קלאָוק דזשאָינט באָארד האָט וועגען דעם סטרייק ארויסגעגעבען די פאָלגענדע ערקלערונג:

„לעצטען מאָנטאַג האָט דער קלאָוק דזשאָינט באָארד מודיע געווען דער אַמאַלגאַמייטעד דזשאָינט באָארד וועגען דעם באַשלוס „צו סטרייקען געגען דער דאָזיגער פירמע, און האָט, אין דער זעלבער צייט, פאַרלאַנגט פון דער אַמאַלגאַמייטעד דזשאָינט באָארד צו אינסטרואירען די קאַטערס פון וויליאם י. נייטהען ניט צו גיין צו דער אַרבייט ביז אַ סעטעלמענט צווישען דער פירמע און די קלאָוק דזשאָינט באָארד וועט דערגרייכט ווערען. מיר האָבען געלאָזט וויסען דער אַמאַלגאַמייטעד דזשאָינט באָארד, אַז מר. נייטהען האָט ערקלערט אַז ער וועט נאָכקומען אונזערע באַדינגונגען בלויז דאַן ווען ער וועט אַזוי אינסטרואירט ווערען פון די פאַרטרעטער פון דער אַמאַלגאַמייטעד.

„די פאַרשטייער פון די אַמאַלגאַמייטעד האָבען לעצטענס פאַרעפענטליכט אַן ערקלערונג אין דער פּרעס, אַז עס איז זייער וואונש אָנצוהאַלטען פריינדליכע באַציאונגען מיט אַלע זייערע שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס אין די נאַדעל־טריידס. אויך מיר ווילען אָנהאַלטען די פריינדליכסטע באַציאונגען מיט דער אַמאַלגאַמייטעד, און מיר ערוואַרטען איר קאָאָפּעראַציע אין דעם דאָזיגען סטרייק.

„מיר האָבען אויפגעשטעלט פּיקעטס ארום דער פירמע'ס פּלאַץ אין 519—8טע עוועניו, ווי אויך ביי דער פירמע'ס קאָנטראַקטאָרס וועלכע פּראָדוצירען די „מעניש" סוטס און די סקירטס. אַזוי ווי די קלאָוק דזשאָינט באָארד האָט די יוריסדיקציע איבער דער לאַין אַרבייט איז פאַרשטענדליך אַז קיין סעטעלמענט וועט ניט געמאַכט ווערען מיט מר. נייטהען סיידען אַלע אירע שעפּער וועלען קומען אונטער דער יוריסדיקציע פון אונזער דזשאָינט באָארד און נאָכקומען די העכערע באַדינגונגען וואָס הערשען אין דער קלאָוק אינדוסטריע. די פירמע וועט זיך דאַרפען אָנשליסען ענטוועדער אָן דעם אינדאַסטריעל קאָונסיל (די אַסאָסיאיישאָן פון די קלאָוק מאַנופעקטשורערס) אָדער אָן דער קלאָוק דזשאָבערס אַסאָסיאיישאַן. אַזוי וועלען אויך אירע קאָנטראַקטאָרס זיך מוזען אָנשליסען אָן דער אַמעריקען אַסאָסיאיישאָן (די אַסאָסיאיישאָן פון די קלאָוק קאָנטראַקטאָרס), דאָס איז דער ערשטער קאָנקרעטער שריט מצד אונזער דזשאָינט באָארד, זייט די גענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינטערנעשאָנאַל האָט אָנגענומען דעם באַשלוס ביי איר צוזאַמענפאָר אין אַטלאַנטיק סיטי, אין שייכות מיט דער ארייננדרינגונג פון די אַמאַלגאַמייטעד שעפּער אין אונזער טרייד, אום צו באַשיצען אונזערע עטאַבלירטע שטונדען און שכירות, ווי אויך אַלע אַנדערע באַדינגונגען וואָס הערשען אין אונזערע שעפּער.

„הגם אונזער יוניאָן וויל אויפהאַלטען פריידליכע באַציהונגען מיט דער אַמאַלגאַמייטעד, פילט זי אָבער אַז איר ערשטע פליכט איז צו באַשיצען די באַדינגונגען וועלכע זי האָט אויסגעקעמפט פאַר אירע מעמבערס דורך די פילע יאָרען פון אויסדויערענדע קאַמפען.

„די נייגונג פון די פרעמדע קוואַלען צו פאַרשלינגען אונזער פּראָדוקציע דורך. אַ פּאַליסי פון אויסקאָנקורירען אונזערע מעמבערס, שטעלט פאַר מיט זיך וואָס אַמאָל מער אַ גרעסערע געפאַר צו דער סטאַביליזאַציע פון אונזער טרייד און אונזערע ערוואָרבענע שכירות. עס איז שוין די העכסטע צייט זיי צו לאָזען וויסען אַז זיי זיינען אונז ניט ווילקאָמען, און אַז די פּראָדוקציע פון קלאָוקס באַלאַנגט צו די אַרבייטער און מאַנופעקטשורערס וועלכע האָבען פאַרבראַכט אַלע זייערע יאָרען אין דער קלאָוק־אינדוסטריע. אויך איז עס די העכסטע צייט צו זאָגען צו די וואָס זוכען שנעל רייך צו ווערען אויף דעם חשבון פון אונזערע אַרבייטער אַז פאַר זיי איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין אונזער אינדוסטריע".

נאָך אַ סטרייק פון עטליכע טעג האָט די פירמע געסעטעלט מיט דער קלאָוק דזשאָינט באָארד, נאָכגעבענדיג די יוניאָן פאָדערונגען.

נייע אַדמיניסטראַציע פון קלאָוק אָפּערייטאָרס לאָקאַל אינסטאַלירט

די נייע אַדמיניסטראַציע פון דעם קלאָוק אָפּערייטאָרס לאָקאַל 117 איז אינסטאַלירט געוואָרען ביי אַן אויסערגעוויינליך גוט באַזוכטען מיטינג פון די מיטגלידער אין מאַנהעטען סענטער.

איבער דריי טויזענד מיטגלידער פון לאָקאַל האָבען אָנגעפילט דעם זאַל. אויף דער בינע זיינען געווען אַ גרויסע צאָל פאַרטרעטער פון אַנדערע לאָקאַלס. די בינע איז געווען איינגאַנצען פאַרשטעלט מיט בלומען־בוקעטען און וואַזאַנעס, צוגעשיקט פון אַרבייטער פון די שעפּער און פון שוועסטער־אָרגאַניזאַציעס.

פּרעזידענט דובינסקי האָט אינסטאַלירט די נייע אַדמיניסטראַציע. רעדענדיג וועגען דעם קאַמפּיין וואָס איז אָנגעפירט געוואָרען אין צייט פון די וואַלען און די פּראָגראַמען וואָס זיינען דערביי ארויסגעשטעלט געוואָרען, האָט ער באַרירט אַ רייע וויכטיגע אינדוסטריעלע פראַגען און פּראָבלעמען פון דער אינדוסטריע. מיט פאַקטען און ציפערען האָט פּרעזידענט דובינסקי אָנגעוויזען אויף וויכטיגע ענדערונגען אין דער קלאָוק־אינדוסטריע און די פּראָבלעמען און שוועריגקייטען וואָס זיי ברענגען מיט זיך פאַר די אַרבייטער און דער יוניאָן. די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען, איז געווען אַ וויכטיגע לעקציע איבער עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַרבונדען מיט'ן קלאָוק־טרייד. די געלעגענהייט איז אָבער געווען נישט איבעריג צוגעפאַסט פאַר אַזאַ ערנסטער דיסקוסיע פון אַזוינע לעבענס־וויכטיגע פּראָבלעמען. די פאַרזאַמלונג איז גערופען געוואָרען באַלד נאָך דער אַרבייט. דער טאָג איז געווען אַן אויסערגעוויינליך היסער. דער זאַל איז געווען געפּאַקט און עס האָט דעריבער געפעלט די געמיטליכקייט וואָס עס פאָדערט זיך פאַר אַזאַ ערנסטען ענין. פּרעזידענט דובינסקי האָט פאַרשפּראָכען ביי אַ צווייטער געלעגענהייט ארומצורעדען דעם ענין ברייטער און גרינדליכער.

אַחוץ פּרעזידענט דובינסקי האָבען דעם מיטינג אַד־

רעסירט — וויס־פּרעזידענט לואידזשי אַנטאָניני; יוסף ברעסלאַו אין נאָמען פון ניו יאָרקער קלאָוק דזשאָינט באָארד; לואיס ליווי, פריערדיגער מענעדזשער פון לאָקאַל 117; ראובן צוקערמאַן, געוועזענער טשערמאַן פון לאָקאַל, און ה. בלאַק, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון די ארויסגייענדע ביזנעס־אַגענטען.

די לעצטע רעדע האָט געהאַלטען דער ניי־ערוויילטער מענעדזשער פון לאָקאַל, בענדזשאַמין קאַפּלאַן. ער איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס בייפאַל פון די מיטגלידער און ער האָט גערעדט וועגען דער אַרבייט און די אויפגאַבען וואָס די נייע אַדמיניסטראַציע האָט פאַר זיך. ער האָט באַדאַנקט די מיטגלידער פאַר דעם צוטרויען וואָס זיי האָבען אים ארויסגעוויזען און די פּאַרטרעטער פון די אַנדערע לאָקאַלס, דזשאָינט באָארדס און די אַרבייטער פון די שעפּער וועלכע האָבען צוגעשיקט בלומען און באַגריסונגס טעלעגראַמען. קאַפּלאַן האָט פאַרזיכערט, אַז די נייע אַדמיניסטראַציע וועט פירען דעם לאָקאַל אין אַ גייסט פון פריינדשאַפט און האָט אַפּעלירט פאַר ברידערליכען צוזאַמענאַרבייטען און קאָאָפּעראַציע פון אַלע מיטגלידער פאַר'ן געמיינשאַפטליכען וואוילזיין.

אין דער דרעס דזשאָינט באָארד

אין דרעס טרייד הויבט זיך אָן דער פאַל סעזאָן שפּעטער ווי ביי קלאָוקס. דער פאַרגאַנגענער מאָנאַט איז דעריבער געווען זייער וועניג אַרבייט אין טרייד און דעריבער איז אויך אין דער יוניאָן געווען פאַרהעלטניסמעסיג שטיל. אין דער בעסערער ליין איז שוין פאַראַן אַ ביסעל אַרבייט. אין די ביליגע ליינס וועט זיך דער סעזאָן ערשט אָנפאַנגען אין אויגוסט. מיט דער אויסנאַמע נאַטירליך פון איניגע שעפּער.

צו מאַכען זיך אַ באַגריף פון דער גרויס און פאַרנעם פון דרעס טרייד און די אַרבייט וואָס די יוניאָן האָט אַפילו בלויז אויף סעטלען פרייזען, איז אינטערעסאַנט די ציפערען וואָס זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען דעם מאָנאַט וועגען דער צאָל סטיילס און אויף וועלכע פרייזען זיי זיינען געסעטעלט געוואָרען דורך דעם פרילינג סעזאָן. לויט די ציפערען, האָט די יוניאָן געסעטעלט 86,177 סטיילס אין 7,788 באַזונדערע סעטעלמענטס. פון דער צאָל זיינען אומגעפער איין־פערטעל געסעטעלט געוואָרען אין די העדקוואָדערס און דריי־פערטעל זיינען געסעטעלט געוואָרען אין די אָפיסעס פון די דזשאָבערס און מאַנופעקטשורערס. מער ווי צוויי־דריטעל פון די געסעטעלטע סטיילס זיינען געווען מיט די מאַנופעקטשורערס און דזשאָבערס וואָס מאַכען די גוטע און מיטעלע ליין אַרבייט און בלויז איין דריטעל אין דער ביליגער ליין.

די אַרבייט, ענערגיע, צייט און האַרץ־עסעניש וואָס עס פאָדערט זיך פון די יוניאָן אַדזשאַסטערס און פרייז קאָמיטעס צו סעטלען פרייזען אויף אַזאַ ריזיגער צאָל סטיילס, יעדע פון וועלכע מוז באַזונדער באַטראַכט ווערען, אויסגערעכענט און אָפּגעשאַצט ווערען, און דאַן זיך איינסדינגען און אויסגלייכען זיך מיט'ן בעל הבית איבערן פרייז, איז פאַר איינעם, וואָס האָט עס אַליין ניט פּראָבירט, זיך שווער פאַרצושטעלען.

7000 דרעסמאַכער עקזאַמענירט מיט עקס־רעי מאַשין אין דזשאָינט באָארד קליניק

ארום 7,000 דרעסמאַכער, מיטגלידער פון די לאָקאַלס וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אָן דער דרעס דזשאָינט באָארד, זיינען שוין עקזאַמענירט געוואָרען אין דעם עקס־רעי קליניק וואָס דער וו. פּ. א. העלטה פּראָדזשעקט האָט איינגעאָרדענט אין די העדקוואָדערס פון דזשאָינט באָארד. עקס־רעי בילדער פון די מיטגלידער ווערען גענומען אין גאַנצען פריי.

ווי מיר האָבען שוין באַריכטעט אין פריערדיגען נומער „גערעכטיגקייט", איז דער קליניק איינגעאָרדענט געוואָרען פון דער וו. פּ. א. מיט דער הילף פון דעם ניו יאָרק סיטי העלטה דעפּאַרטמענט אויף דעם פאַרלאַנג פון דער דרעס דזשאָינט באָארד, וועלכע האָט געזוכט צו באַנוצען זיך מיט דער מעגליכקייט וואָס דאָס וועט איר געבען אין קאַמף געגען דער פּראָלעטאַרישער קראַנקהייט, טובערקולאָזיס. אין איר אַפּיל צו די מיטגלידער זיך צו באַנוצען מיט דער געלעגענהייט און זיך לאָזען עקזאַמענירען, האָט די דרעס דזשאָינט באָארד אָנגעוויזען, אַז אַט די אונטערזוכונגען וועלען מעגליך מאַכען אויסצוגעפינען די קראַנקהייט אין איהרע גאָר ערשטע סטאַדיעס און ראַטעווען די מענשען אידער די קראַנקהייט ווערט ערנסט. טשאַרלס זימערמאַן, מענעדזשער פון לאָקאַל 22, וועלכער האָט פאַרהאַנדעלט מיט דער וו. פּ. א. און דעם העלטה דעפּאַרטמענט פאַר דער דזשאָינט באָארד, האָט ערקלערט ביי דער ערעפענונג פון קליניק, אַז דאָס איז די גרעסטע אונטערנעמונג צו פאַרהיטען דאָס געזונט פון די מיטגלידער וואָס איז ווען געשאַפען געוואָרען.

עס ווערט ערוואַרטעט אין דער דזשאָינט באָארד, אַז מיט דעם אָנפאַנג פון סעזאָן, ווען די אַרבייטער וועלען ווידער זיין אין די שעפּער, וועלען נאָך טויזענטער מיטגלידער זיך באַנוצען מיט דער געלעגענהייט צו לאָזען זיך עקזאַמענירען און פאַרהיטען זייער אייגענעם געזונד און דעם געזונד פון זייערע נאָענטע און קאָלעגען־אַרבייטער אין די שעפּער. די אונטערזוכונגען קאָסטען די מיטגלידער אַבסאָלוט גאָר ניט און נעמען בלויז עטליכע מינוטען. אַרבייטער פון שעפּער ווערען אויפגעפאָדערט צו אַראַנזשירען און קומען אין קליניק גרופּען־ווייז.

דרעס דזשאָינט באָארד מאָנט איין $8,750 בעק־פּעי פון 3 דזשאָבערס

לויט אַ באַריכט פון אַסיסטענט דזשענ. מענעדזשער פון דרעס דזשאָינט באָארד, ה. מאָסקאָוויץ, צו דער באָארד אָוו דירעקטאָרס, האָט די יוניאָן איצט איינגעמאָנט אַכט טויזענט זיבען הונדערט און פופציג דאָלער פון דריי דרעס דזשאָבערס אַלס בעק־פּעי פאַר די אַרבייטער וואָס האָבען געמאַכט זייער אַרבייט. די דריי דזשאָבערס זיינען „די נעשאַנעל", וועלכע האָט באַצאָלט 2,750 דאָלער אין בעק־פּעי, „פיינבערג און ווייזען" און די „פאַמעטע", וועלכע האָבען באַצאָלט צו דריי טויזענט דאָלער יעדער.

די געלט איז אויפגעמאָנט געוואָרען פון די דרעס דזשאָבערס דערפאַר וואָס זיי האָבען געלאָזט מאַכען העכערע פרייז דרעסעס, אָנגעבענדיג אַז דאָס זיינען דרעסעס פון אַ ביליגערער ליין. לויט דעם אַגרימענט, וואָס די יוניאָן האָט מיט דער אַסאָסיאיישאַן, ווערען די פרייזען פאַר אַרבייט באַשטימט לויט דער פרייז־ליין פון די דרעסעס. די געלט וואָס די יוניאָן האָט אויפגעמאָנט, איז דער אונטערשייד אין די אַרבייטס־פרייזען פון דעם וואָס זיי האָבען געצאָלט און וואָס זיי האָבען געדאַרפט צאָלען פאַר דער ליין אַרבייט.

אינדזשאַנקשאַן פאַרבאָט אַ טראַק באָס צו פירען אַרבייט פאַר סטרייקענדען דזשאָבער

דער אַגרימענט וואָס די אַסאָסיאיישאַנס פון די טראַק אייגענטימער זיינען געצוואונגען געוואָרען אונטערצושרייבען מיט דער דרעס דזשאָינט באָארד מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק, איז דעם מאָנאַט פאַרפעסטיגט געוואָרען דורך אַן אַנטשיידונג פון סטייט סופּרים־קאָורט דורך אַן אינדזשאַנקשאַן וואָס די יוניאָן האָט געקראָגען געגען אַ טראַק אייגענטימער. די יוניאָן איז איצט אַנטשלאָסען אויסצונוצען דעם פּרעצעדענט צו צווינגען די טראַק־באָסעס אָפּהיטען דעם אַגרימענט.

דעם אינדזשאַנקשאַן האָט ארויסגעגעבען דזשאַדזש איירען סטויער געגען דער „טשעמפּיאָן טראַקינג קאָמפּאַני" פון 211 וועסט 36טע סטריט, אַ מיטגליד פון דער גאַרמענט סענטער טראַקינג אַסאָסיאיישאַן, מיט וועלכער די יוניאָן האָט אַן אַגרימענט. דער אינדזשאַנקשאַן פאַרבאָט דעם טראַק באָס צו פירען אַרבייט פאַר דער דרעס דזשאָבינג פירמע „קאַפּלאַן און עלייעס" געגען וועלכען די דרעס דזשאָינט באָארד פירט אַן אַ סטרייק, אָדער צו פאַרלעצען וועלכען עס איז אַנדער פּונקט פון דעם קאָלעקטיווען אַגרימענט מיט דער יוניאָן, ווי ניט אויספאָלגען אַנטשיידונגען פון אימפּאַרשעל טשערמאַן; אָנטזאָגען זיך ווייזען ביכער און רעקאָרדס און ענליכע פאַרלעצונגען פון אַגרימענט.

עמיל שלעזינגער, דער לאַיער פון דער יוניאָן וועלכער האָט פאַרטראָטען דעם דרעס דזשאָינט באָארד אין געריכט, ווייזט אָן, אַז די אַנטשיידונג פון געריכט וועט דינען אַלס וויכטיגער פּרעצעדענט אין ענליכע קייסעס. די טראַק אייגענטימער אַסאָסיאיישאַנס האָבען אַנגעווענדט אַלע זייערע כחות דורכצוּוואַרפען דער יוניאָנס פאַרלאַנג פאַר אַן אינדזשאַנקשאַן אום דערמיט בטול צו מאַכען דעם אַגרימענט. זייער הויפּט טענה איז געווען, אַז דער אַגרימענט איז ניט געזעצליך ווייל עס שטערט דעם האַנדעל דורך ניט ערלויבען די טראַק אייגענטימער פירען אַרבייט פאַר געוויסע בעלי בתים. דער געריכט האָט אָבער אַנטשיידען אַז דער פאַרבאָט אין אַגרימענט צו פירען אַרבייט פאַר אַ פירמע, געגען וועלכער די אַרבייטער סטרייקען, איז געזעצליך און מוז אָפּגעהיט ווערען.

דער קאַמף פון דער יוניאָן געגען די טראַק־אייגענטימער, וואָס האָט געפירט צו דער קלאַגע אין געריכט און צום אינדזשאַנקשאַן, גייט שוין אָן היפּשע עטליכע וואָכען. די דרעס דזשאָינט באָארד פירט אַן אַ סטרייק געגען דעם דזשאָבער קאַפּלאַן און עלייעס זינט לעצטען ווינטער. די פירמע מאַכט איר אַרבייט אין געוויסע ניט־יוניאָן שעפּער אויט־אָוו־טאַון. אין מאַי האָט דער אָרגאַניזאַציאָנס דעפּאַרטמענט פון דער יוניאָן אויסגעפונען, אַז אַ געוויסער טראַק־אייגענטימער, אַ מיטגליד פון דער אַסאָסיאיישאַן, סטראַהלער, פירט די אַרבייט פון דעם סטרייקענדען דזשאָבער צו די קאָנטראַקטאָרס און צוריק. די יוניאָן האָט אים פאַרקלאָגט פאַר'ן אימפּאַרשעל טשערמאַן און ער איז געצוואונגען געוואָרען צו צאָלען דער יוניאָן שאָדען־ערזאַץ און אויפהערען פירען די אַרבייט. די „טשעמפּיאָן טראַקינג קאָמפּאַני" האָט דאַן איבערגענומען די סטרייק־ברעכערישע אַרבייט און האָט געטשאַלענדזשט די יוניאָן צו פּראָבירען איר אָפּשטעלען. אויף לאַיער שלעזינגער'ס ראָט האָט די יוניאָן זיך געווענדט אין געריכט נאָך אַן אינדזשאַנקשאַן. די אַסאָסיאיישאַן האָט געזוכט צו פאַרשלעפּען די קייס אין לאַנגען באַנק, רעכענענדיג צו׳פאַרציען עס ביז דער געריכט וועט זיך שליסען פאַר די זומער־מאָנאַטען. יעדעס מאָל איז דער פאַרהער אָפּגעלעגט געוואָרען ביז דעם 7טען יולי, ווען די קייס איז געבראַכט געוואָרען פאַר ריכטער סטויער וועלכער האָט אויפ'ן פּראָטעסט פון דער יוניאָן אַנטזאָגט זיך ווייטער אָפּצולעגען עס.

אחוץ די טענה אַז דער אַגרימענט איז ניט גילטיג, ווייל עס איז אַ שטער פאַר'ן האַנדעל, האָט דער לאַיער פון דער אַסאָסיאיישאַן אויך געפּרובירט באַווייזען, אַז די פירער פון דער יוניאָן האָבען זיי פאַרשפּראָכען ניט צו באַשטיין אויף דעם פּונקט וואָס פאַרבאָט זיי צו פירען אַרבייט פאַר אַ סטרייקענדער פירמע אין פאַל ווען דאָס וועט אַרויסטרייבען פון ביזנעס דעם טראַק אייגענטימער. און די זיינען באַשטאַנען, אַז די „טשעמפּיאָן" אַרבייט בלויז פאַר דער סטרייקענדער פירמע, און אויב זי וועט געצוואונגען ווערען אויפצוגעבען די פירמע, וועט זי מוזען ארויס פון ביזנעס. אום דאָס צו באַשטעטיגען, האָט די אַסאָסיאיישאַן פאַרגעבראַכט ארום צוואַנציג עדות. פאַר דער יוניאָן זיינען בלויז אויפגעטראָטען אַלס עדות דזשוליוס האָכמאַן, דזשענעראַל מענעדזשער פון דער דרעס דזשאָינט באָארד; פיליפּ קעפּ, סעקרעטער טרעזשורער פון דער דזשאָינט באָארד, און דער הויפּט אַקאַונטענט פון דער יוניאָן, ראָזענבאַום. עס איז זיי לייכט געווען צו באַווייזען די לעכערליכקייט פון דער באַהויפּטונג, אַז די יוניאָן האָט געקענט צושטימען אונטערצושרייבען אַן אַגרימענט אום עס זאָל ניט אָפּגעהיט ווערען. זיי האָבען אויך פאָרגעבראַכט אין געריכט די אַנטשיידונגען פון אימפּאַרשעל טשערמאַן אין דער אינדוסטריע, וועלכער האָט צום ערשטען מאָל געפונען די פירמע שולדיג אין פאַרברעכען געגען אַגרימענט און צום צווייטען מאָל פאַר ניט אויספאָלגען די אַנטשיידונג פון אימפּאַרשעל טשערמאַן. דער געריכט האָט דעריבער באַוויליגט דעם פאַרלאַנג פון דער יוניאָן און ארויסגעגעבען אַ צייט־ווייליגען אינדזשאַנקשאַן געגען דער פירמע.

לאָקאַל 91 גרייט זיך צו גענעראַל סטרייק אין בעטהראָוב טרייד

ווי וויס־פּרעזידענט הערי גרינבערג, מענעדזשער פון דער טשילדרען דרעס און באַטהראָוב אַרבייטער יוניאָן לאָקאַל 91, גיט איבער, גרייט זיך די יוניאָן צו רופען אין גיכען אַ גענעראַל סטרייק אין באַטהראָוב־טרייד אַזוי שנעל ווי עס וועט זיך אָנפאַנגען דער סעזאָן.

די לאַגע אין באַטהראָוב טרייד איז זייער אָן אָנגעצויגענע. דער אַגרימענט אין טרייד גייט אויס סוף יולי. די האַלטונג פון די בעלי בתים שיינט צו זיין אַן איינגעשפּאַרטע. דערצו קומען נאָך פאַרשיידענע קאָמפּליקאַציעס און פאַרזוכען מצד געוויסע עלעמענטען צו שטערען די באַנייאונג פון דעם אַגרימענט. די יוניאָן איז אַנטשלאָסען צו נעמען אַ פעסטע שטעלונג און רופען אַ גענעראַל־סטרייק אין טרייד, אויב עס וועט ניט קומען צו אַ סעטעלמענט.

אַלס פאָרשפּיל צו דעם פאָרשטייענדען קאַמף אין טרייד, האָט די פירמע „וואַן באַאַלען־העילברוך" דעם

מאנאט אויסגעשלאסען אירע 400 ארבייטער און ארויס־
געמופט דעם שאפ אין מעין סטייט. די פירמע האט
א פנים אומיסטען אויסגעקליבען די וואך פון פערטען
יולי צו שליסען איר שאפ אין ניו יארק און ארויסצו־
פירען די מאשינען, רעכענענדיג אז די ארבייטער וועלכע
האבען פון קיין זאך ניט געוואוסט, וועלען זיך אין דער
יום־טוב־וואך ניט אזוי שנעל כאפען וואס די פירמע
האט דא אפגעטאן. די פירמע האט געהאט אן אגרימענט
מיט לאקאל 91 פאר אירע ארבייטער. זי האט נאטירליך
דער יוניאן ניט אנגעזאגט וועגען דעם וואס זי פלאנע־
וועט צו טאן.

די טשילדרען דרעס און באטהראוב ארבייטער יונ־
יאן האט אויף דעם לאקאוט געענטפערט מיט א סטרייק.
פיקעטס זיינען אוועקגעשטעלט געווארען ארום די שאו־
רומס פון דער פירמע אין 1239 בראדוועי. די אמאלגא־
מייטעד קאטערס וואס האבען געארבייט פאר דער פירמע
זיינען אויך צוגעשטאנען צו דער פיקעט ליין.

ווי ברודער גרינבערג גיט איבער, האט די יוניאן
געלאזט וויסען דער פירמע, אז מיט איר אנטלויפען פון
שטאט האט זי געבראכען דעם אגרימענט וואס זי האט
מיט דער יוניאן, וועלכער איז נאך אין קראפט. די אנ־
געלעגענהייט איז איבערגעגעבען געווארען צום לאיער
פון דער אינטערנעשאנאל, עלייעס ליבערמאן, וועלכער
וועט די פירמע פארקלאגען אין געריכט.

אמאלגאמייטעד נעמט אויך א האנט

צו די שוועריגקייטען וואס לאקאל 91 האט מיט די
ארבייטס-געבער אין באטהראוב טרייד קומט נאך צו,
ווייזט אויס, דער פארזוך פון דער שוירטמאכער יוניאן
פון דער אמאלגאמייטעד אריינצוכאפען די יוריסדיקציע
איבער׳ן טרייד נאכדעם ווי לאקאל 91 האט פאר א משך
פון 20 יאר געהאט די יוריסדיקציע און אגרימענט מיט
די בעלי בתים.

מיר גיבען דא איבער א בריף וואס עס האבען
צוגעשיקט א גרופע באטהראוב ארבייטער, מיטגלידער
פון לאקאל 91, וועלכע האבען בייגעוואוינט א מיטינג
וואס איז גערופען געווארען פון דער אמאלגאמייטעד.
זייער באריכט פון דעם מיטינג שילדערט די לאגע און
די אומגערעכטיגקייט פון דער האנדלונג גאנץ קלאר.
דער בריף איז ווי פאלגט:

„מיר, די אונטערגעשריבענע, מיטגלידער פון לאקאל
91 אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן
און ארבייטער אין באטהראוב טרייד, בעטען אייך צו
פארעפענטליכען די פאלגענדע געשיכטע וואס האט פא־
סירט ביי א מיטינג פון באטהראוב ארבייטער וואס איז
גערופען געווארען פון דער אמאלגאמייטעד קלאדינג
ווארקערס יוניאן אין רענד סקול, דעם 18טען יולי.
מיר בעטען אייך עס פארעפענטליכען אום די ארבייטער
אין דער אינדוסטריע און דער אלגעמיינער פובליקום
זאל וויסען וואס עס ווערט געטאן.

ביים מיטינג זיינען אנוועזענד געווען ארום הונ־
דערט און פופציג ארבייטער, פופציג פון וועלכע זיינען
מיטגלידער פון לאקאל 91. דעם רוף פאר׳ן מיטינג
האט ארויסגעגעבען לאקאל 243-בי פון דער אמאלגא־
מייטעד, מיט׳ן צוועק צו באשאפען א נייע און דואל־
יוניאן אין אפאזיציע צו לאקאל 91 פון דער אינטער־
נעשאנאל וועלכע האט פאר פילע יארען די באטהראוב־
ארבייטער אונטער איר יוריסדיקציע.

„דער מיטינג איז געעפענט געווארען מיט אן אל־
געמיינער רעדע פון מר. אלווארא איבער דער נויטיגקייט
פון ארגאניזאציע א. א. וו. נאך אים איז אויפגעטרא־
טען מארעי וויינשטיין, וועלכער האט ערקלערט אז ער איז
אינסטרואירט געווארען פון גענעראל אפיס אויסצודריקען
די איינינקייט פון לאקאל 4 מיט די באטה־ראוב אר־
בייטער.

„דער הויפט רעדנער איז געווען אלעקס קאהען,
מענעדזשער פון דער שוירט מאכער יוניאן פון דער
אמאלגאמייטעד. ער האט געזאגט, אז די אמאלגאמייטעד
האט בדעה צו ארגאניזירען די אינדוסטריע אויף א נא־
ציאנאלען מאסשטאב און האט ערקלערט, אז עס איז צו
באדויערען וואס אלע באטה־ראוב ארבייטער זיינען ניט
אין איין יוניאן, אבער אזוי ווי עס זיינען פאראן אויך
מענערשע באטה־ראובס, פילט די אמאלגאמייטעד, אז זי
מוז פארלאנגען יוריסדיקציע איבער זיי.

„ווען אלעקס קאהען האט געענדיגט רעדען האבען
מיר אים געשטעלט א צאל פראגען פון פלאר, צווישען
וועלכע עס זיינען געווען די פאלגענדע:

„1) אויב די אמאלגאמייטעד האט באמת געדענקט
אז עס קומט איר די יוריסדיקציע איבער די מענערשע
באטה־ראובס, וואו זיינען זיי געווען די לעצטע צוואנציג
יאר, ווען לאקאל 91 האט ארגאניזירט אלע ארבייטער
אין באטה־ראוב שעפער אן אונטערשייד?

„2) ווי קען די אמאלגאמייטעד אפטיילען די אר־
בייטער ביי מענער באטה־ראובס פון די וואס ארבייטען
ביי פרויען באטה־ראובס, ווען יעדער אין דער אינדוס־
טריע ווייס, אז די זעלביגע ארבייטער קומט אויס צו
ארבייטען איין טאג ביי מענער-ראובס, דעם נעקסטען
טאג אויף פרויען־ראובס און אפט אין שעפער וואו ביידע
סארטען באטה־ראובס ווערען געמאכט גלייכצייטיג?

„3) ווי אזוי רעכענט די אמאלגאמייטעד צו פאר־
בעסערען די באדינגונגען פון די ארבייטער? ספעציעל,
ווי אזוי קענען מיר גלויבען דעם פארשפרעכען, אז זי
וועט ארגאניזירען די אוט־אוו־טאון שעפער, ווען פילע
פון אונז ווייסען אז זי האט ניט באוויזען צו לייזען די
אוט־אוו־טאון פראבלעם אין די אינדוסטריען וואס זי
האט אונטער איר קאנטראל?

„4) איז עס נישט אמת, אז דער דזשיארראפוטא
שאפ, וואס איז אריבער אונטער דער יוריסדיקציע פון
דער אמאלגאמייטעד, איז געצוואונגען געווארען אנצו־
נעמען א שניט אין די ארבייטס־פרייזען און האט דערצו
נאך געהאט ווייניגער ארבייט ווי פריער?

„5) ווי אזוי קומט עס וואס לואיס קאטאלאנא,
א באס אין דער אינדוסטריע, האט צוגערעדט זיינע אר־
בייטער ניט צו צאלען דיוס צו לאקאל 91 און עס צאלען
צו דער אמאלגאמייטעד?

„6) אויב די אמאלגאמייטעד איז באמת פאראינ־
טערעסירט אין דעם וואוילזיין פון די ארבייטער, פאר־
וואס האט זי ניט פרובירט באראטען זיך מיט דער עק־
זיסטירענדער יוניאן אין דעם טרייד, מיט לאקאל 91?

„7) ווי אזוי קען די אמאלגאמייטעד באהויפטען,
אז זי זוכט צו פארבעסערען די ארבייטס־באדינגונגען אין
טרייד, ווען זי האט ניט ארויסגעשטעלט קיין אייגענע
פאדערונגען צו די בעלי בתים, נאר פרובירט אנהאלטען
די באדינגונגען וואס לאקאל 91 האט ערווארבען געגען
דעם פארזוך פון די קאנטראקטארס צו שניידען שכירות?

„אלס ענטפער אויף די פראגען, וואס מיר האבען
געשטעלט, האט דער טשערמאן אלווארא ערקלערט, אז
דאס מאל איז דער מיטינג געווען אפען פאר אלע וואס
האבען געוואלט קומען, אבער צום נעקסטען מיטינג וועט
מען „זייטיגע מענשען", וואס האבען געשטעלט די פרא־
גען, מער ניט אריינלאזען.

„אלעקס קאהען האט דאן פארגעשלאגען, אז מען
זאל מארגען רופען א גענעראל סטרייק אין דער אינ־
דוסטריע. מען האט די פראגע גענומען צו אן אפשטי־
מונג. עלף האבען געשטימט פאר א סטרייק; א צאל
האבען פארלאזען דעם האל מיט פארביטערונג איבער
דעם פארס. די מערסטע פון די וואס זיינען פארבלי־
בען האבען געשטימט געגען דעם פארשלאג. דער פאר־
זוך פון די וואס האבען גערופען דעם מיטינג דורכצו־
שטופען דעם פארשלאג דורך נעמען עס נאך אמאל צו אן
אפשטימונג איז ניט געלונגען. אויך דאס מאל האט
בלויז א הייפעל געשטימט פאר א סטרייק.

„אט דאס שטימען ניט־צוטרויען צו דער אמאלגא־
מייטעד איז א ריכטיגע אפשפיגלונג פון די געפילען פון
די ארבייטער אין דער באטה־ראוב אינדוסטריע אין בא־
צוג צו דער האנדלונג פון דער יוניאן.

די קאמיטע פאר די מיטגלידער פון לאקאל 91
וואס זיינען אנוועזענד געווען ביים מיטינג
(אונטערגעשריבען) דזשאהן ביאצא, דזשוליוס
בראונסטיין, לעא וועניג, ס. ד. מאטיא, מ.
סלאטאף, מיליע סיפריאנא, מעי קריסאלי,
סאפיע קאטאפא דזשעני פיאריני, וויוויען קאר־
באני, סעם גארגיעלא, פעדעלע עלענטעריא,
און ראוז קאטאפא".

די עמבראידערי יוניאן לאקאל 66 פארהאנדעלט מיט בעלי בתים וועגען באנייען אגרימענט

די עמבראידערי ארבייטער, פליטערס, טאקערס און
סטיטשערס יוניאן לאקאל 66 פון דער אינטערנעשאנאל,
האט אנגעהויבען פארהאנדלען מיט פארטרעטער פון
בעלי בתים וועגען באנייען דעם אגרימענט אין טרייד,
וועלכער גייט אויס דעם 1טען סעפטעמבער.

ווי זכריה פרידמאן, פרעזידענט און הויפט פאר־
וואלטער פון לאקאל, גיט איבער, פאדערט די יוניאן דריי
וויכטיגע פארבעסערונגען אין דעם נייעם אגרימענט.
ערשטענס — אן אלגעמיינע העכערונג אויף די שכירות
פון אלע ארבייטער; צווייטענס — די אסאסיאיישאן זאל
זיין פאראנטווארטליך פאר די שכירות פון די ארבייטער
וואס ווערען באשעפטיגט אין די שעפער פון אירע מיט־
גלידער; און דריטענס — אז יעדער ארבייטס־געבער
זאל צושטעלען דער יוניאן די וועכענטליכע פעי־ראל
שיעטס וואו עס איז פארשריבען די שכירות וואס יעדער
ארבייטער האט פארדינט די וואך.

די לעצטע צוויי פאדערונגען, ערקלערט פרידמאן,
איז די יוניאן געצוואונגען צו שטעלען צוליב די ספע־
ציעלע באדינגונגען וואס עס הערשען אין דעם עמבראי־
דערי, סטיטשינג און פליטינג טריידס. אין די טריידס
געפינען זיך א סך קליינע אונטערנעמער, וועמעס עק־
זיסטענץ איז ניט זיכער. עס האבען שוין פאסירט פע־
לען, וואו די יוניאן האט געהאט שוועריגקייטען אויפצו־
מאנען די שכירות פון א באס וואס האט באנקראטירט
און עס איז ביי אים ניט געווען וואס צו נעמען. די
יוניאן פאדערט דעריבער, אז די אסאסיאיישאן זאל אין
אזעלכע פאלען זיין פאראנטווארטליך פאר די שכירות
אום די ארבייטער זאלען זיין געזיכערט געגען פארלוסט.

די צווייטע פאדערונג פאר צושטעלען דער יוניאן
די וועכענטליכע פעי־ראל שיעטס, איז הויפטזעכליך צו
פארזיכערען די ארבייטער מיט א רעקארד פון זייערע
פארדינסטען, ווען זיי ווענדען זיך נאך ארבייטסלאזע
אינשורענס בענעפיט. אין די טריידס פאסירט עס אפט,
אז אן ארבייטער איז געצוואונגען צו בייטען שעפער עט־
ליכע מאל דורכ׳ן יאר. אזא ארבייטער ווען ער רע־
דזשיסטרירט זיך קען ער אפט ניט קריגען קיין רע־
קארד פון זיינע פארדינסטען, ווייל מאנכע פירמעס פאר
וועלכע ער האט געארבייט זיינען שוין ארויס פון ביזנעס,
און דער ארבייטער קען דעריבער ניט קריגען דעם
פולען בענעפיט צו וועלכען ער איז בארעכטיגט. ווען
די יוניאן וועט האבען די פעי־ראל שיעטס וועט זי קע־
נען באזארגען די מיטגלידער מיט אזא רעקארד.

אחוץ די אויבען־אויסגערעכענטע דריי פאדערונגען
האט די יוניאן אויך געשטעלט עטליכע מינדערוויכטיגע
פאדערונגען. די ערשטע קאנפערענץ איז געהאלטען גע־
ווארען דינסטאג, דעם 18טען יולי. די יוניאן איז גע־
ווען פארטראטען פון עקזעקוטיוו סעקרעטאר פרעדריק
אמהעי פון דער אינטערנעשאנאל, ז. פרידמאן, מענע־
דזשער פון לאקאל, און א קאמיטע. די פארטרעטער
האבען איבערגעגעבען די פארשטייער פון דער אסאסי־
איישאן די פאדערונגען פון דער יוניאן, וועלכע זיי הא־
בען פארשפראכען צו באטראכטען און געבען אן ענטפער.
די קאנפערענצען וועלען פארגעזעצט ווערען אין דער
נאענטער צוקונפט.

אין דער לינדזשערי ארבייטער יוניאן לאקאל 62

ברודער סעמועל שאר, מענעדזשער פון דער לינזשע־
רי ארבייטער יוניאן לאקאל 62, ווייזט אן אויף צוויי כא־
ראקטעריסטישע ערשיינונגען אין זיין יוניאן, וועלכע ווי־
זען אירע דערגרייכונגען: ערשטענס, דער רעקארד פון
דער קלענסטער צאל דיסטשארדזש קייסעס וואס די יו־
ניאן האט געהאט אין די ערשטע זעקס מאנאטען פון דעם
יאר, וועלכעס באווייזט, אז די בעלי בתים אין דער אינ־
דוסטריע האבען ענדליך שלום געמאכט מיט׳ן געדאנק,
אז דער ארבייטער איז בארעכטיגט צום דזשאב און מען
קען אים ניט ענטזאגען אן א באזונדערס גוטער אורזאכע
וואס די יוניאן זאל אננעמען. לויט דעם באריכט זיינען דורך
די ערשטע זעקס מאנאטען פון דעם יאר אריינגעקומען
אין דער יוניאן בלויז 76 קלאגען פון ארבייטער וואס זיי־
נען אנטזאגט געווארען פון דער ארבייט. די קלאגען זיי־
נען געקומען בלויז געגען 67 פירמעס פון די הונדערטע
וואס זיינען אונטערן קאנטראל פון דעם לאקאל. פון די
76 דיסטשארדזשעס זיינען 74 אדער 97 פראצענט פון
זיי צוריקגעשטעלט געווארען אויף זייערע דזשאבס. בלויז
צוויי ארבייטער האבען פארלארען, אי דאס איז עס געווען
אין איין פאל דערפאר וואס די אנטזאגטע ארבעטערין
האט געווארט א זייער לאנגע צייט ביז זי האט די קלאגע
געבראכט צו דער יוניאן, און די צווייטע איז געווען א
פאל פון א מיטגליד וואס האט זיך ענטזאגט אויסצופירען
אירע פליכטען און איז עטליכע מאל פריער אנטזאגט
געווארען פאר דער זעלבער אורזאך און איז צוריקגענומען
געווארען.

שאר ווייזט אן, אז אין קיין איינציגען פון די אלע
קייסעס איז עס נויטיג געווען צו גיין צום אימפארשעל
טשערמאן. אין יעדען פאל איז די אנטזאגטע ארבעטערין
צוריקגעשטעלט געווארען צו דער ארבייט דורך א פאר־
שטענדיגונג פון דער יוניאן מיט דער אסאסיאיישאן פאר־

ווערער דורך די ביזנעס איידזשענטס אָדער דורך ברודער שאַר אַליין.

די צווייטע ערשיינונג, וואָס ווייזט די דיסציפּלינירט-קייט און צוטרויען פון די מיטגלידער צו דער יוניאָן, איז דער וועלטען גוטער אָפּרוף פון די מיטגלידער אויף דער אויפפאָדערונג פון דער יוניאָן צו לאָזען זיך עקזאַמענירען און נעמען עקס-רעי בילדער אין דעם קליניק פון דער וו. פּ. א. וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרען אין אָפיס פון דער יוניאָן. אין די ערשטע פינף טעג זיינען אַרום 2200 מיט-גלידער עקזאַמענירט געוואָרען. לאָקאַל 62 האָט איינגע-אָרדענט אַ באַשטימטע סיסטעם וואָס די וואָס ווערען אונ-טערזוכט קריגען אַ סערטיפיקאַט אַז זיי האָבען די אונטער-זוכונג דורכגעמאַכט. דער לאָקאַל האָט אָנגעפירט אַן אויפ-קלערונגס-קאַמפּיין צווישען די מיטגלידער וועגען דער וויכטיגקייט פון די אונטערזוכונגען.

סעמיועל שאַר געערט ביי אַ דינער פון גרייטער ניו יאָרק פאַנד

לעצטען מאָנטאָג איז סעמיועל שאַר געערט געוואָרען ביי אַ טעסטימאָניאַל דינער וואָס איז געגעבען געוואָרען לכבוד אים אין האָטעל אַסטאָר, פון דעם „גרעיטער ניו יאָרק פאַנד".

אַרום דריי הונדערט אַרבייטער פירער און מענשען פּראָמינענט אין דער געשעפטס-וועלט האָבען זיך באַטיי-ליגט אין דעם דינער. מערל אַ. גוליק, עקזעקוטיוו וויס-טשערמאַן פון דעם האַי-יאָריגען קאַמפּיין פון פאַנד איז געווען טאָסט מייסטער. ביים רעדנער טיש זיינען, אויסער דעם ערען-גאַסט, ברודער שאַר, און דעם טאָסט מייס-טער, ברודער גוליק, אויך געזעסען וועלפעיר קאָמישאָנער וויליאַם האָדסאָן; טהאָמאַס אַ. לאַמאָנט, פון דער מאָרגאַן פירמע; דזשאָנאַ דזש. גאָלדשטיין, געוועזענער ריכטער פון דזשענעראַל סעשאָנס געריכט; ראַלף ע. סעמיועל, טשערמאַן פון דעם ביזנעס מענס קאָונסיל פון דער פעדע-ראַציע צו שטיצען אידישע צדקה אַנשטאַלטען און טהאָמאַס אי. פּאַרקינגסאָן, טשערמאַן פון קאַמפּיין.

אין זיין רעדע, וועלכע איז געבראָדקעסט געוואָרען אויף דער ראַדיאָ, האָט שאַר אָנגעוויזען, אַז העלפען די נויטליידענדע און קראַנקע דאַרפען אַרבייטער און אַר-בייטסגעבער. שאַר האָט ערקלערט:

„כאָטש עס איז אמת אַז אונזער יוניאָן און אַנדערע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס שטרעבען איינצושטעלען אַזוינע אַרבייטס-באַדינגונגען וואָס זאָלען מאַכען אומנויטיג פאַר אַרבייטער אָנצוקומען צו צדקה; כאָטש מיר האָפען אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען קיין מענש וועט ניט זיין אָנגע-וויזען אויף דער הילף פון וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס, באַגרייפען מיר אָבער אַז הונדערטע טויזענטער איינוווי-נער פון אונזער שטאָט מוזען זיך היינט צו טאָג ווענדען צו געזעלשאַפטליכע וואוילטעטיגע אַנשטאַלטען אין צייט פון נויט. דער מענש וואָס דאַרף אָנקומען אין אַ האָספּיטאַל, די פאַמיליע וואָס ווערט אַרויסגעזעצט פון איר וואוינונג, די טובערקולאָז-קראַנקע קינד, מאַן אָדער פרוי, קענען ניט געהאָלפען ווערען דורך די אידעאַלען וואָס מיר האָבען פאַר דער צוקונפט. זיי מוז מען געבען באַלדיגע הילף".

אין איסטערן אוט אָו טאַון דעפּאַרטמענט

וויס פּרעזידענט הערי וואַגדער, מענעדזשער פון אוט אָו טאַון דעפּאַרטמענט, באַריכטעט:

די מיטגלידער פון איסטערן אוט-אָו-טאַון דעפּאַרט-מענט האָבען זיך אויסערגעוויינליך אויסגעצייכענט מיט זייערע ביישטייערונגען צום נאָן סעקטעריען רעפיודזשי פאַנד. דער איינקונפט פון דעם עקסטרא טאָג אַרבייט, שבת, דעם 17טען יוני, האָט אריינגעבראַכט נאָענט פון עלף טויזענד דאָלאַר פון אונזערע מיטגלידער.

ווען מען נעמט אין אָנבאַטראַכט דעם פלוצלונגען סלעק אין די שעפּער, וואָס האָט געבראַכט דערצו אַז די מערסטע שעפּער אונזערע זיינען יענע וואָך גע-שטאַנען לעדיג, מוז מען אָנערקענען אַז דער גינסטיגער רעזולטאַט איז דערגרייכט געוואָרען בלויז אַ דאַנק די ביישטייערונגען פון אונזערע מיטגלידער און זייער ווילען צו העלפען די אומשולדיגע קרבנות פון פאַשיזם דורך ביישטייערען זייער חלק. די מיטגלידער פון אונ-זער אוט-אָו-טאַון דעפּאַרטמענט פאַרדינען פולע אָנער-קענונג און דאַרפען באַגריסט ווערען פאַר זייער סאָלי-דאַרישער האַלטונג.

מען מעג זאָגען מיט זיכערקייט, אַז ווען אין טרייד וואָלט יענע וואָך געווען ביזי, וואָלט דער ביישטייער פון די אַרבייטער געווען אַ פיל גרעסערער. מיר האָבען אָבער דעם פאַרשפּרעכען פון די מיטגלידער אונזערע וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין אַרבייט יענע וואָך, אַז אַזוי שנעל ווי עס וועט זיין אַרבייט אין זייערע שע-פּער וועלען זיי אויך ביישטייערן זייער חלק. אַ צאָל אַרבייטער האָבען אריינגעשיקט זייער ביישטייערונג די-רעקט אין אָפיס כאָטש זיי האָבען דעם טאָג ניט גע-אַרבייט.

בראָזיער אַרבייטער קריגען זייער וואַקיישאַן

די אַרבייטער פון דער „מעידען פאָרם בראָזיער קאָמ-פּאַני" פון בעיאָן, ניו דזשוירזי, און פון „קער עדעל-מאַן" פון וועסט ניו יאָרק, מיטגלידער פון לאָקאַל 160, האָבען די ערשטע וואָך אין יולי געקראָגען זייער וואַקיי-שאַן מיט געצאָלט.

אין דעם לעצטען אַגרימענט, וואָס די פירמעס האָ-בען אונטערגעשריבען, האָבען די אַרבייטער געוואונען אַ פּונקט, אַז די וואָך פון פערטען יולי זאָלען זיי אַלע קריגען אַ וואָך וואַקיישאַן מיט געצאָלט און די נעקסטע וואָך זאָל זיין דער שאָפּ געשלאָסען כדי די אַרבייטער זאָלען קענען האָבען צוויי פולע וואָכען וואַקיישאַן אַ יאָר, איין וואָך אויפ'ן חשבון פון דער פירמע און אַ צווייטע וואָך אויף זייערע אייגענע הוצאות. אַ גרויסע צאָל פון די אַרבייטער פון די שעפּער פאַרברענגען זייער וואַקיישאַן אין יוניטי הויז.

פּיקניקס און אויספלוגען

די מערסטע פון די לאָקאַלס פון אוט-אָו-טאַון דע-פּאַרטמענט זיינען איצט פאַרנומען מיט זומער-טעטיג-קייטען און פאַרווילונגען, ווי אויספאָרונגען, פּיקניקס און ענליכע אונטערנעמונגען. אַ זעלטען שיינעם אויס-פאָר האָט דעם 8טען יולי געהאַט דער טשילדרען דרעס-מאַכער לאָקאַל 220 פון נואַרק, ניו דזשוירזי. אַרום 300 פרויען-מיטגלידער פון לאָקאַל זיינען אַרויסגעפאָ-רען נאָך בערטראַנד איילענד אין לעיק האָפּאַטקאָנג, וואו זיי האָבען זייער גוט פאַרבראַכט דעם גאַנצען טאָג. אַחוץ די מענעדזשערין פון לאָקאַל, סיידי רייש, ביזנעס איי-דזשענט עריק ראָסס און די אַנדערע באַאַמטע און אַק-טיווע מיטגלידער, זיינען דאָרט אויך געווען וויס-פּרע-זידענט הערי וואַגדער, ברודער האָראָוויץ און באַאַמטע און מיטגלידער פון אַנדערע לאָקאַלס.

גרויסע בעט-ראָוב פירמע סעטעלט נאָך אַ סטרייק

איינע פון די גרעסטע לידיס באַטהראָוב פירמעס, די „ראָיאַל ראָוב אינקאָרפּאָרייטעד" פון פליינפילד, קאָ-נעטיקוט, האָט אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער אינטערנעשאָנאַל און איינגעשטעלט אַ יוניאָן-שאָפּ און יוניאָן באַדינגונגען.

די פירמע, וועלכע האָט איר שאָו-רומס אין 1350 בראָדוויי, ניו יאָרק, איז אַן אַלט-עטאַבלירטע פירמע, וועלכע האָט ביז איצט זיך אָנטזאָגט צו אָנערקענען די יוניאָן אָדער פאַרהאַנדלען מיט איר. דאָרט ווערען באַ-שעפטיגט איבער צוויי הונדערט אַרבייטער. מיט צוויי יאָר צוריק האָט דער איסטערן אוט-אָו-טאַון דעפּאַרט-מענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, אונטער דער פאַרוואַל-טונג פון וויס-פּרעזידענט הערי וואַגדער, זיך גענומען אָרגאַניזירען די אַרבייטער פון דער פירמע. די פירמע האָט אָבער געשטערט יעדען פאַרזוך פון דער יוניאָן צו דערגרייכען אירע אַרבייטער. עס איז צייטענווייז געווען אוממעגליך פאַר די יוניאָן-אָרגאַנייזערס אריינצו-קומען דאָרט אין שטאָט.

טראָץ די אַלע שטערונגען, איז אָבער דער יוניאָן געלונגען צו קריגען דעם צוטרויען פון די אַרבייטער און דעם 5טען יוני זיינען זיי אַרונטער אין סטרייק. מיט אַ וואָך שפּעטער איז דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם סטייט מידיאַטאָר, מר. הימאַן, איינגעשטעלט געוואָרען אַ צייטווייליגע פאַרשטענדניס. די אַרבייטער זיינען צוריקגעשיקט געוואָרען צו דער אַרבייט און די יוניאָן האָט פאַרהאַנדעלט מיט דער פירמע פאַר אַן אַגרימענט. די פירמע האָט אָבער חרטה געהאַט און די יוניאָן האָט שוין געוואָלט באַנייען דעם סטרייק. נאָך לאַנגע קאָנ-פערענצען צווישען וויס-פּרעזידענט וואַגדער מיט די פאַרטרעטער פון דער פירמע, איז אָבער געלונגען צו קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג און די פירמע האָט אונ-טערגעשריבען דעם אַגרימענט.

אונטער דעם נייעם אַגרימענט, האָבען די אַרבייטער געוואונען די 40 שטונדיגע אַרבייטס-וואָך, אַן אַלגעמיינע העכערונג אויף די שכירות אין דריי מאָנאַטען אַרום. עס איז אויך איינגעשטעלט געוואָרען אַ מאַשינערי מיט אַן אימפּאַרשעל טשערמאַן אויסצוגלייכען סכסוכים צווי-שען דער יוניאָן מיט דער פירמע.

אין קאָטען גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט

דער קאָטען גאַרמענט טרייד דעפּאַרטמענט, מעל-דעט וויס-פּרעזידענט עלייאַס רייזבערג, האָט דעם מאָנאַט באַנייט אַ צאָל אַגרימענטס און פירט אַן ענערגישען קאַמפּיין אין פילע שעפּער וואָס זיינען אין איר דיסט-ריקט נאָך ניט אָרגאַניזירט.

דער אַגרימענט, וואָס די יוניאָן האָט באַנייט מיט דער „עליט דרעס" פון פּיטסבורג איז געווען די שווער-סטע שטיקעל אַרבייט וואָס דער דעפּאַרטמענט האָט גע-האַט. די פירמע האָט אָנגעפירט אַ שטאַרקען קאַמף פאַר אַ שניט אין די שכירות און געזוכט צו באַאיינ-פלוסען אירע אַרבייטער דורך פאַרשפּרייטען קלאַנגען, אַז זי גייט פאַרמאַכען דעם שאָפּ אין פּיטסבורג. די פירמע באַשעפטיגט 125 אַרבייטער. די יוניאָן האָט אויף די קלאַנגען געלאָזט וויסען דער פירמע, אַז די יוניאָן פאָדערט אַ העכערונג אויף די שכירות און אַז וואו זי זאָל דעם שאָפּ ניט מופען וועט זי דאָרט טרעפען די יוניאָן גרייט צום קאַמף.

דער אַגרימענט איז אויסגעגאַנגען דעם ערשטען יולי. די יוניאָן האָט באַוויליגט צו פאַרלענגערען עס אויף צוויי וואָכען מיט דער וואַרנונג, אַז אויב די פירמע וועט ביז דאַן ניט סעטלען וועט אַ סטרייק גערופען ווע-רען. דעם 6טען יולי איז וויס-פּרעזידענט רייזבערג געפאָרען נאָך פּיטסבורג און צוזאַמען מיט סערע לים-באַך און אַ קאָמיטע פון די אַרבייטער איז זיי געלונגען צו באַנייען דעם אַגרימענט אויף נאָך אַ יאָר. די פירמע האָט צוריקגעצויגען איר פאָרלאַנג פאַר אַ שניט אין די שכירות און די פאָדערונג פון דער יוניאָן פאַר אַ העכע-רונג איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַרביטריישאַן.

אַנדערע סעטעלמענטס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָ-רען דעם מאָנאַט, זיינען:

דער אַגרימענט מיט „ראַגאָף און סאָנס", אַ נוירס יוניפאָרם שאָפּ אין פּיטסבורג, איז באַנייט געוואָרען מיט באַדייטענדע פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבייטער און קיר-צערע שטונדען; די „סאַוט-סייד דרעס קאָמפּאַני" פון סקרענטאָן, פּענסילווייניאַ, אַ ניט-יוניאָן שאָפּ, האָט דעם 5טען יולי אונטערגעשריבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן נאָך אַ העפטיגען קאַמפּיין. די אַרבייטער האָבען געוואונען די 40 שטונדען-וואָך און אַ מינימום פון 40 סענט אַ שטונדע. די פאַרהאַנדלונגען מיט דער פירמע זיינען געפירט געוואָרען פון דייוויד גינגאָלד, דירעקטאָר פון דעם דעפּאַרטמענט אין פּענסילווייניע; איוו עטקין, דיסטריקט מענעדזשער פון סקרענטאָן, און טערעזאַ אָ'דאָנעל, ביזנעס אַגענט פון לאָקאַל 109, צוזאַמען מיט וויס-פּרעזידענט רייזבערג.

די יוניאָן האָט אויך באַנייט דעם אַגרימענט מיט דער „קליין דרעס קאָמפּאַני", אַ טשילדרען דרעס שאָפּ פון אַליפאַנט, פּענסילווייניע, וועלכע באַשעפטיגט 200 אַרבייטער. די וואָכען-אַרבייטער האָבען געקראָגען אַ העכערונג פון 1 דאָלאַר אַ וואָך. דער מינימום פאַר שטיק-אַרבייטער איז געהעכערט געוואָרען מיט 5 סענט אויפ'ן שטונדע.

שטאָט רעגירונג פון פאָל ריווער אָנגעקלאָגט פאַר שטערען יוניאָן טעטיגקייט

לאָקאַל 178 פון פאָל ריווער, מאַסאַטשוזעטס, האָט אָנגעקלאָגט דעם מעיאָר און די שטאָט-טאַטעס פון פאָל ריווער אין יונייטעד סטייטס דיסטריקט קאָורט פאַר שטערען דער יוניאָן אָנפירען איר אָרגאַניזאַציאָנס-אַר-בייט אין יענער שטאָט. די יוניאָן פאָדערט אַן אינ-דזשאַנקשן געגען מעיאָר אַלעקסאַנדער סי. מאַרעי און די אַנדערע שטאָט-באַאַמטע, וועלכער זאָל זיי פאַרבאָטען צו שטערען די יוניאָן-אָרגאַנייזערס צו פאַרשפּרייטען ליפלעטס, רעדען צו די אַרבייטער פון די פרויען-קליי-דער שעפּער און אָנפירען אַנדערע טעטיגקייטען אַריי-בערצוגעווינען די אַרבייטער צו דער יוניאָן.

ווי עלייאַס רייזבערג, מענעדזשער פון קאָטען גאַר-מענט טרייד דעפּאַרטמענט, אונטער וועמעס קאָנטראָל דער לאָקאַל געפינט זיך, ערקלערט, האָט דער מעיאָר און די באַאַמטע פון פאָל ריווער זיך פאַרקוקט אויף מעיאָר העיג פון דזשוירזי סיטי און פּרובירען אים נאָכ-טאָן. טראָץ דעם וואָס דער סופּרים קאָורט פון די פאַראייניגטע שטאַטען האָט ערקלערט דעם דזשוירזי געזעץ געגען פאַרזאַמלונגען און פאַרשפּרייטען ליפלעטס אַלס ניט-קאָנסטיטוציאָנעל, האָבען די שטאָט-טאַטעס פון פאָל ריווער אַזאַ געזעץ, וואָס פאָדערט אַ פּערמיט פאַר צוטיילען ליפלעטס, און לייסענס פאַר באַנוצען זיך מיט

א סאונד־טראק אין די גאסען. פארשטייט זיך, אז א יוניאן האט גרויסע שוועריגקייטען צו קריגען אזא פערמיט אדער לייסענס. די שטאט־טאטעס האבען ניט קיין איבעריגע ליבע פאר יוניאנס.

אין פאל ריווער געפינט זיך א גרויסע פעקטארי פון קאטען דרעסעס, וועלכע באשעפטיגט ארום 1,700 ארבייטער, די „האר־ליע מאנופעקטשורינג קאמפאני". לאקאל 178 האט זיך גענומען ארגאניזירען די ארבייטער. ווען דער לאקאל האט זיך געווענדעט צום מעיאר נאך א פערמיט צו פארשפרייטען ליפלעטס ארום דער פאבריק, האט דער מעיאר זייער פארלאנג אנטזאגט. די יוניאן האט זיך דאן גענומען באנוצען מיט א סאונד־טראק, אין וועלכען עס איז ארומגעפארען דער ארגאנייזער פון דער יוניאן, פרעד סיעמס, ארום דער פאבריק און דורך דעם „לאוד ספיקער" אויפגעקלערט די ארבייטער איבער די פראפיטען פון דער פירמע און די קלעגליכע שכירות פון די ארבייטער, וועלכע קריגען אפילו ניט דעם געזעצליכען מינימום פון 14 דאלאר א וואך וואס מאסאטשוזעטס סטעיט האט איינגעפירט. די שטאט־טאטעס האבען דאן אנגענומען א געזעץ, אז צו באנוצען זיך מיט א סאונד־טראק דארף מען ארויסנעמען לייסענס. די יוניאן, נאטירליך, קען אזא לייסענס ניט קריגען.

די יוניאן האט זיך דעריבער געווענדעט אין געריכט נאך אן אינדזשאנקשאן.

צווייטע גרעסטע אונטערוועש פירמע אין לאנד שרייבט אונטער אגרימענט מיט אינטערנעשאנעל

דורך א קורצען סטרייק אין איינעם פון אירע שעפער, איז דער אינטערנעשאנעל געלונגען צו צווינגען דער „איסטערן אייל קארפארייששאן", די צווייטע גרעסטע פירמע אין אמעריקע אין אונטערוועש טרייד, אונטערצושרייבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן און איינשטעלען יוניאן באדינגונגען.

ווי עלייעס רייזבערג, מענעדזשער פון קאטאן גארמענט טרייד דעפארטמענט, גיט איבער, באטרייבט די „איסטערן אייל קארפארייששאן" צוואנציג פעקטאריס אין פארשידענע שטעט און סטייטס איבער'ן לאנד. די אלע שעפער אירע זיינען ביז איצט ניט געווען ארגאניזירט, מיט דער אויסנאמע פון איין שאפ אין ניו יארק, וועלכער שטייט אונטער דער קאנטראל פון לאקאל 62 פון דער אינטערנעשאנעל און וואו די פירמע פראדוצירט די גאר גוטע ליין ארבייט. אין אירע אוט־או־טאון שעפער, וואו עס ווערט געמאכט די ביליגערע ליין ארבייט, האט די יוניאן ביז איצט ניט געהאט קיין צוטריט.

דער סטרייק האט אויסגעבראכען אין איר שאפ אין קלינטאן, מאסאטשוזעטס, וואו עס ווערען באשעפטיגט ארום צוויי הונדערט ארבייטער. אין דעם שאפ האט די פירמע לעצטענס איינגעפירט אן „עפישענסי סיסטעם", וועלכע האט ארויסגעזויגט פון די ארבייטער די נשמה און געשניטען זייערע פארדינסטען. אויס פראטעסט האבען די ארבייטער אין דעם שאפ געווארפען די ארבייט. די אינטערנעשאנעל ארגאנייזערס, י. האלפערן און מעק בעין, וועלכע זיינען די לעצטע צייט געשטאנען אין פארבינדונג מיט די ארבייטער, האבען דעם סטאפעדזש פארוואנדעלט אין א סטרייק.

דורך פארבינדונגען וואס סעמיועל שאר, מענעדזשער פון דעם נעגליזשי און לינדזשערי ארבייטער לאקאל 62, האט געהאט מיט דער פירמע דורך איר אגרימענט מיטן לאקאל פאר'ן ניו יארקער שאפ, איז ארגאנזשירט געווארען א קאנפערענץ מיט די בעלי בתים אין שאר'ס אפיס און נאך פארהאנדלונגען וואס האבען זיך געצויגען צוויי טעג, האט די פירמע אונטערגעשריבען אן אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנעל, יוניאניזירענדיג דעם שאפ. דורך דעם אגרימענט האבען די ארבייטער געוואונען די קלאוזד יוניאן שאפ; א העכערונג פון צען פראצענט אויף די שכירות פאר וואך־ארבייטער; א שטודיום זאל געמאכט ווערען וועגען די פארדינסטען פון די שטיק־ארבייטער, מיט'ן צוועק צו העכערען די פרייזען פאר שטיק און אנדערע יוניאן באדינגונגען.

אין די פארהאנדלונגען מיט דער פירמע און סעטלמענט האבען זיך באטייליגט סעמיועל שאר, מענעדזשער פון לאקאל 62, וויס־פרעזידענט עלייעס רייזבערג און א קאמיטע פון די ארבייטער פון שאפ.

אינדאסטריעל קאמישאנער פרידא מילער ווערט ערען־מיטגליד פון לאקאל 142

פרידא ס. מילער, אינדאסטריעל קאמישאנער פון ניו יארק סטייט, איז געווען ערען־גאסט ביי א ספעציעלען לאנטשען וואס דער קינסטליכער בלומען ארבייטער אפטיילונג פון לאקאל 142 האט פאר איר ארANזשירט.

ווי דזשאזעף טואווים, מענעדזשער פון לאקאל האט ערקלערט, איז דער לאנטשען ארANזשירט געווארן ביי דער צווייפאכער געלעגענהייט פון מיס מילערס באשטעטיגונג אלס קאמישאנער דורך דעם סטייט סענאט, און צו פרעזענטירען איר מיט א יוניאן קארד אלס ערען־מיטגליד פון לאקאל.

איבערגעבענדיג דער אינדאסטריעל קאמישאנער א גראווירטע מיטגליד־קארד פון לאקאל, האט מענעדזשער טואווים אויסגעדריקט די צופרידענהייט פון דער יוניאן מיט איר ווידער־באשטימונג צום אמט, טראץ דער געגנערשאפט פון געוויסע באהאלטענע כוחות וועלכע האבען געארבייט געגען איר. ער האט אנגעוויזען אויף מיס מילער'ס שטודיום פון דער לאגע פון די היים־ארבייטער, וועלכעס האט געפירט דערצו אז היים ארבייט איז פאקטיש פארבאטען געווארען אין דער קינסטליכער בלומען אינדוסטריע, און האט געזאגט: די ארבייטער באוועגונג אין אלגעמיין און אונזער יוניאן ספעציעל זיינען גליקליך מיט אייער ווידער־באשטימונג אלס אינדאסטריעל קאמישאנער פון סטייט".

פרעזידענט דובינסקי, וועלכער איז געווען דער נעקסטער רעדנער ביים לאנטשען, האט געזאגט, אז די אינטערנעשאנעל איז גליקליך צו רופען קאמישאנער מילער שוועסטער מילער. ער האט ערקלערט אז די אינטערנעשאנעל ציט פאר מיס מילער אלס קאמישאנער ווי וועלכען עס איז אנדער קאנדידאט פאר דעם אמט.

צווישען די אנוועזענדע ביים לאנטשען זיינען געווען עקזעקוטיוו סעקרעטאר פון דער אינטערנעשאנעל, פרעדריק אמהעי; האננא העסקעל; דזשוליוס האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דער דרעס דזשאינט באארד; דזשאזעף ברעסלאו, טשערמאן פון דער פארוואלטונגס קאמיטע פון דער קלאוק דזשאינט באארד; איזידאר נאגלער, מענעדזשער פון לאקאל 10; לואיס לאנגער, סעקרעטאר פון דער קלאוק דזשאינט באארד; זכריהו פרידמאן, פרעזידענט פון לאקאל 66; פאולין ניומאן פון יוניאן העלטה סענטער; ראוז שניידערמאן, סעקרעטאר פון ניו יארק סטייט לייבאר דעפארטמענט; עלייעס ליבערמאן, לאיער פון דער יוניאן און אנטאני קאלאס, מענעדזשער פון אקסעסארי קאונסיל.

וויניפעג קלאוס אגרימענט באנייט מיט פילע ענדערונגען

נאך פארהאנדלונגען וואס האבען זיך געצויגען עטליכע וואכען, איז דער אגרימענט אין קלאוק טרייד אין וויניפעג, קענעדע, באנייט געווארען. דער נייער אגרימענט איז אונטערגעשריבען געווארען דעם 5טען יולי און איז גוטגעהייסען געווארען פון די ארבייטער נאך א גרינדליכער דיסקוסיע ביי א ספעציעלען מיטינג.

ווי מייער פערלשטיין, פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנעל, וועלכער האט געהאלפען אנפירען די פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים און צושטאנדברייינגען דעם סעטלמענט, שרייבט, אנטהאלט דער אגרימענט פארבעסערונגען ניט בלויז אין די ארבייטס־באדינגונגען, נאר אויך ענדערונגען אין די ארבייטס־מעטאדען. דורך דעם אגרימענט קריגען אלע ארבייטער א העכערונג אויף די שכירות פון איין דאלאר א וואך און געוויסע גרופען ארבייטער קריגען דערצו נאך עקסטרא העכערונגען; עס ווערט איינגעשטעלט פעסטע מינימום סקעילס און געוויסע ענדערונגען אין דער ארבייטס־סיסטעם. די פונקטען ווי פערלשטיין האט זיי צוגעשיקט, זיינען ווי פאלגט:

א העכערונג פון איין דאלאר א וואך ווערט גלייך געגעבען אלע ארבייטער; א געוויסע צאל ארבייטער, וועלכע זאלען מיט זיך פארשטעלען ניט מער ווי א פינף פראצענט ארבייטער אין יעדען שאפ, דארפען קריגען עקסטרא העכערונגען חוץ דעם דאלאר; אין משך פון זעקס מאנאטען צייט דארפען באשטימט ווערען מינימום סקעילס פאר אלע ארבייטער אין טרייד; ווען די מינימום סקעילס וועלען באשטימט ווערען, דארף אויך איינגעשטעלט ווערען א גערעכטער פראדוקציע סטאנדארד פאר די ארבייטער. אויב די צדדים וועלען זיך ניט קענען אייניגען אויף די מינימומס דארף עס איבערגיין צו ארביטריישאן. די סטאנדארדס פאר פראדוקציע דארף באשטימט ווערען דורך א פעהיגע פערזאן אויף וועלכער ביידע צדדים זאלען איינשטימען.

דער אפמאך איז גוטגעהייסען געווארען ביי א מיטינג אין וועלכען עס האבען זיך באטייליגט נאענט פון טויזענד מיטגלידער. כמעט אלע מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען אנוועזענד געווען ביים מיטינג וועלכער האט געדויערט איבער 4 שטונדען. א גרויסע צאל פון זיי האבען זיך באטייליגט אין דער דיסקוסיע און ארום 99 פראצענט האבען געשטימט פאר גוטהייסען דעם אגרימענט.

אין שיקאגא און די מיטעל־וועסט

וויס־פרעזידענט מאריס ביאליס, פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנעל אין שיקאגא און די מיטעל־וועסט, שרייבט אז די קלאוקמאכער אין שיקאגא ארבייטען שוין אויף פאל־ארבייט. אין די גרעסערע שעפער איז דער סעזאן שוין אין פולען שוואונג. אויך אין די קלענערע שעפער הויבט מען שוין אן ארבייטען און מען ערווארט א גוטען סעזאן. אויך אין דער סילק דרעס אינדוסטריע הויבט זיך שוין אן וויזען ארבייט. אין די דרעס־שעפער איז דעם מאנאט איינגעשטעלט געווארען דער נייער סיסטעם פון סעטלען פרייזען אידער מען נעמט די דרעסעס אין דער ארבייט, אנשטאט צו לאזען די ארבייטער פריהער אנהויבען מאכען די סטאילס און נאכדעם סעטלען, ווי עס האט זיך געפירט ביז איצט. פילע פרייז קאמיטעס, וועלכע האבען נאך ניט די ערפארונג, האבען שוועריגקייטען ביים באשטימען דעם פרייז אויף א דרעס, וועלכע זיי האבען נאך ניט געמאכט. די יוניאן האט געווארענט די ארבייטער צו זיין זייער פארזיכטיג אידער זיי שטימען אין אויף א פרייז און אויב די זיינען ניט זיכער, זאלען זיי זיך בעראטען מיט'ן ביזנעס אגענט.

נייע לאקאלס געטשארטערט

צוויי נייע לאקאלס זיינען געטשארטערט געווארען די לעצטע פאר וואכען אין דעם געגענד. אין קראפארדסוויל, אינדיאנא, וואו די „הוירש און סאן" פירמע פון שיקאגא האט געעפענט א שאפ, און צוליב וועלכען די ארבייטער פון דער פירמע אין שיקאגא און לא־פארטע האבען געסטרייקט פינף וואכען, האבען זיך שוין אלע אנגעשלאסען אן דער אינטערנעשאנעל און דעם דרייסיגסטען יוני האבען זיי געקראגען א טשארטער אלס לאקאל 358.

לייבאר באארד פירט דורך אפשטימונג צווישען טויזענט ארבייטער פון „אלפינא גארמענט קא."

נאך א שטארקען ארגאניזאציאנס קאמפיין, וואס די אינטערנעשאנאל האט אנגעפירט צווישען די טויזענט ארבייטער וואס ווערען באשעפטיגט ביי דער „אלפינא גארמענט קא.", פירט דארט איצט דורך די נעשאנאל לייבאר רילייששאנס באארד אן אפשטימונג אויב זיי ווילען זיין פארטראטען דורך דער אינטערנעשאנאל פאר קאלעקטיווע פארהאנדלונגען.

די „אלפינא גארמענט קא." האט פיר פאבריקען אין די שטעט אלפינא, שעבויגען, ראדזשער סיטי און אנאוויי. די מאיאריטעט ארבייטער זיינען מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל. לויט די אלטע רולס פון דער לייבאר באארד האט די אינטערנעשאנאל געזאלט באשטעטיגט ווערען אלס פארטרעטער פון די ארבייטער אויפ'ן גרונד פון די מיטגליד־קארטען פון די ארבייטער אין דער יוניאן. אונטער די נייע רולס וואס די לייבאר באארד האט איינגעפירט דארף דורכגעפירט ווערען אן אפשטימונג.

די אלפינא גארמענט קא. איז איינע פון די גרעסטע קאטען גארמענט פירמעס אין לאנד. דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין האט דארט אנגעפירט גענעראל ארגאנייזער אייב פלאטקין און ארגאנייזער יוסף צוקערמאן.

קאטערס אין בעי־סיטי קריגען בעק־פעי

דעם ערשטען יולי האבען די קאטערס, וועלכע ווערען באשעפטיגט אין די „וואלווערין ניטינג מילס", בעי־סיטי, מישיגען, געקראגען א שיינע מתנה אין דער פארמע פון טשעקס אין דער סומע פון 2100 דאלאר פאר בעק־פעי פון דער פירמע.

ווען די יוניאָן האָט אונטערגעשריבן דעם ערשטען אַגרימענט מיט דער פירמע פאַר־אַ־יאָרען, האָבען די קאַטערס געקראָגען אַ באַלדיגע העכערונג אויף די שכירות, מיט דער פאַרשטענדיגונג אַז וועגען ווייטערע העכערונגען זאָל מען נאָך פאַרהאַנדלען. זעקס מאָנאַטען שפּעטער האָבען די פאַרהאַנדלונגען צוזאַמענגעבראָכען און די פראַגע פון די העכערונגען איז איבערגעגעבען געוואָרען צו אַרביטריישאָן. דער אימפּאַרשעל טשערמאַן האָט ענטשידען, אַז די פירמע דאַרף געבען די קאַטערס נאָך אַ באַדייטענדע העכערונג און צאָלען זיי בעק־פּעי פאַר די זעקס מאָנאַטען. ביים באַנייען דעם אַגרימענט האָט די פירמע שוין צוגעשטימט צו געבען זיי די העכערונג, אָבער זי האָט זיך אַנטזאָגט צו צאָלען די בעק־פּעי. די פראַגע איז ווידער איבערגעגעבען געוואָרען צום אימפּאַרשעל טשערמאַן און ער האָט באַפוילען אַז די פירמע מוז זיי געבען די בעק־פּעי ניט שפּעטער ווי דעם ערשטען יולי. איצט האָבען זיי ענדליך געקראָגען די טשעקס.

אין דער סאַוטה־זועסט

מייער פּערלשטיין, פאָרטרעטער פון דער אינטערנעשאָנעל אין דער סאַוט־וועסט, שרייבט:

עס זיינען אַריבער צוויי יאָר זינט מיר האָבן אונטערגעשריבן די ערשטע אַגרימענטס מיט די בעלי בתים אין דער געגענט. די לעצטע פּאָר מאָנאַטען זיינען מיר פאַרנומען מיט באַנייען די אַגרימענטס. די אַגרימענטס זיינען מיט איינצעלנע בעלי בתים. עס זיינען נישטאָ קיין אַסאָסיאיישאָנס אין סיינט לואיס אָדער קענזעס סיטי.

מיט צוויי יאָר צוריק, ווען מיר האָבען אונטערגעשריבען די ערשטע אַגרימענטס, איז די הויפּט פּראָבלעמע געווען צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער, ווייל זיי זיינען געווען אָפּען שאָפּס. מאַנכע בעלי בתים האָבען אויסגעגעבען פאַרמעגענס ניט צו דערלאָזען זייערע אַרבייטער זיך אָרגאַניזירען. מיט פילע פון זיי האָבען מיר געהאַט שווערע סטרייקס. קאָמפּאַני יוניאָנס, דעטעקטיוו אַגענטורען זיינען געווען די געוויינליכע מיטלען וואָס די בעלי בתים האָבען באַנוצט אין קאַמף געגען דער יוניאָן. עס האָט גענומען עטליכע יאָר ביז מיר האָבען זיך געקענט אויסקוועטשען מיט די בעלי בתים צו פאַרהאַנדלען וועגען אַ קאָלעקטיווען אַגרימענט.

אונטער די אומשטענדען האָט דאַמאָלט קיין רייד ניט געקענט זיין פון העכערע שכירות אָדער אַנדערע פאַרבעסערונגען פאַר די אַרבייטער. די בעלי בתים האָבען געטענה'ט אַז די אַרבייטער זיינען צופרידען מיט די באַדינגונגען — אַ סימן — זיי באַלאַנגען ניט צו דער יוניאָן. מיר האָבען דעריבער אין די ערשטע אַגרימענטס ניט געקראָגען קיין אַלגעמיינע העכערונגען אויף די שכירות, טראָץ דעם וואָס די שכירות פון די אַרבייטער זיינען געווען שרעקליך נידעריג. דורך די ערשטע אַגרימענטס האָבען מיר בלויז איינגעשטעלט שאָפּ קאָמיטעס אויסצודינגען זיך מיט די בעלי בתים פאַר פרייזען אויף שטיק־אַרבייט און אויך קליינע העכערונגען אויף די שכירות פון מאַנכע וואָכען־הענט.

איצט איז די לאַגע אינגאַנצען אַן אַנדערע. אַלע שעפער זיינען איצט קלאָוזד יוניאָן שעפּער. די אַרבייטער האָבען זיך אַנטוויקעלט און ווייסען וואָס אַ יוניאָן איז. אויך די בעלי בתים האָבען זיך צוגעוויינט צום געדאַנק, אַז ווען מען האַנדעלט מיט אַ יוניאָן מוז מען זיך צוגעוואוינען צו פאַרבעסערען ביסלאַכווייז די אַרבייטס־באַדינגונגען. אַט די געענדערטע צושטענדען האָבען זיך געלאָזט מערקען אין די איצטיגע פאַרהאַנדלונגען פאַר באַנייען די אַגרימענטס. דאָס מיינט ניט אַז די בעלי בתים האָבען גערן נאָכגעגעבען אַלץ וואָס די יוניאָן האָט געפאָדערט. מען האָט זיך געמוזט דינגען. צייטענווייז איז אַפילו די לאַגע געוואָרען אַזוי אָנגעצויגען אַז מען האָט געמוזט די פאַרהאַנדלונגען אונטערברעכען פאַר אַ טאָג אָדער צוויי ביז די געמיטער וועלען זיך אָפּקילען. אין אַלגעמיין אָבער זיינען די פאַרהאַנדלונגען אָנגעגאַנגען אין אַ פריינדליכען גייסט פון „נעם און גיב". די קאָמיטעס פון די אַרבייטער וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין די פאַרהאַנדלונגען, האָבען אַרויסגעוויזען פיל טאַקט און געדולד ביז מען האָט זיך ענדליך געאייניגט און ביידע צדדים זיינען געווען צופרידען.

„סעל־מאַר" און „דזשי ענד אַר" העכערען שכירות און גיבען אַנדערע פאַרבעסערונגען

די „סעל־מאַר גארמענט קאָמפּאַני" און די „דזש. ענד אַר גארמענט קאָמפּאַני", צוויי אונטערוועש שעפּער פון סיינט לואיס, האָבען באַנייט זייערע אַגרימענטס פאַר די נעקסטע צוויי יאָר. דער ווידזש סקייל פאַר שטיק אַרבייטער איז געהעכערט געוואָרען פון אַ דורכשניטליכען סקייל פון 32½ סענט אַ שטונדע אויף אַ גאַראַנטירטען מינימום פון 37½ סענט אַ שעה. אַלע פריערדיגע פרייזען אויף שטיק ארבייט אין די סטאַנדאַרד טיילען וועלען געהעכערט ווערען אַז די מיידלאַך זאָלען פאַרדינען ניט ווייניגער פון דעם מינימום. אַלע פרויען וואָכען־אַרבייטער האָבען געקראָגען אַ העכערונג פון איין דאָלאַר אַ וואָך; קאַטערס און ספּרעדערס קריגען אַ העכערונג פון ניט ווייניגער ווי $1.50 אַ וואָך; סעמפּעל מאַכער — אַ מינימום פון 43 סענט אַ שטונדע. די אַרבייטער האָבען אויך געקראָגען אייניגע אַנדערע פאַרבעסערונגען. די אַרבייטער האָבען גוטגעהייסען די אַגרימענטס ביי ספּעציעלע שאָפּ מיטינגען וואָס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, און אויסגעדריקט אַ דאַנק צו די קאָנפערענץ קאָמיטעס.

אַגרימענט באַנייט אין קענזעס סיטי

מיר האָבען באַנייט די אַגרימענטס דעם מאָנאַט מיט „גאַרדאָן בראָדערס מאַנופעקטשורינג קאָ.", איינע פון די גרעסטע קאָטען דרעס פירמעס; מיט צוויי שעפּער, איינער אין קענזעס סיטי און אַ צווייטער אין ריטשמאָנד, מיזורי, וואו עס אַרבייטען איבער 350 בעל מלאָכות, און מיט דער „מיזורי גאַרמענט קאָ.", אַ קאָטען דרעס שאָפּ, וואו עס אַרבייטען 200 אַרבייטער. די פירמעס האָבען פריהער פּראָדוצירט אַ זייער ביליגע ליין קאָטען דרעסעס, אָבער לעצטענס האָבען זיי אָנגעהויבען מאַכען אַ בעסערע ליין און מען האָט געדאַרפט העכערען די שכירות. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען האָבען מיר געקראָגען די פאָלגענדע פאַרבעסערונגען: די שכירות פון קוואַליפיצירטע קאַטערס איז געהעכערט געוואָרען פון אַ דורכשניט פון 30 דאָלאַר אַ וואָך צו אַ מינימום פון 37.50 דאָלאַר אַ וואָך. די קאַטערס קריגען גלייך אַ העכערונג פון $2.50 און ווייטערע העכערונגען אַלע זעקס מאָנאַטען ביז זיי וועלען דערגרייכען די סקעיל. ספּרעדערס קריגען אַ מינימום פון 24 דאָלאַר אַ וואָך מיט אַ באַלדיגער העכערונג פון צוויי דאָלאַר; שטיק אַרבייטער קריגען די פאָלגענדע מינימומס: די וואָס אַרבייטען אויף דרעסעס ביז דרייסיג דאָלאַר אַ טוצען — 33 סענט אַ שטונדע; די וואָס אַרבייטען אויף דרעסעס וואָס פאַרקויפען זיך ביז 45 דאָלאַר אַ טוצען דאַרפען קריגען אַ מינימום פון 37½ סענט אַ שטונדע; אויף דרעסעס וואָס פאַרקויפען זיך פאַר 45 דאָלאַר דאַרף דער מינימום זיין 40 סענט אַ שטונדע; די וואָס אַרבייטען אויף דרעסעס וואָס פאַרקויפען זיך פאַר מער ווי 45 דאָלאַר אַ טוצען דאַרף דער מינימום באַשטימט ווערען פון ביידע צדדים און אויב זיי קענען זיך ניט איינִיגען דאַרף מען עס איבערגעבען צו אַרביטריישאָן. פרויען וואָכען־אַרבייטער קריגען דורך די אַגרימענטס אַ העכערונג פון 1 דאָלאַר אַ וואָך גלייך און ווייטערע העכערונגען יעדע זעקס מאָנאַטען ביז זיי דערגרייכען דעם מינימום סקייל. אין די אַגרימענטס זיינען אויך פאַראַן פאַרשריפטען וועגען סעמפּעל־מייקערס, וועגען זיכערען אַ האַלבען טאָג שכירות אין סלעק־צייט ווען אַן אַרבייטער ווערט גערופען אין שאָפּ אַרבייטען און אַנדערע באַדינגונגען. די אַרבייטער פון די שעפּער ווערען גערופען צו אַ ספּעציעלען מיטינג וועגען דעם אַגרימענט דעם 31טען יולי.

פאַרהאַנדלונגען געהען אויך אָן מיט דער „מאַרלען דרעס" פון קענזעס סיטי, וואו מען אַרבייט סילק דרעסעס. די יוניאָן פאָדערט דאָרט אַ מינימום פון 40 דאָלאַר אַ וואָך פאַר קאַטערס און 67½ סענט אַ שטונדע פאַר אָפּערייטאָרס, מיט געהעריגע העכערונגען פאַר וואָך־אַרבייטער. קאָנפערענצען פאַר באַנייען די אַגרימענטס געהען אויך אָן מיט דער „ר. לאָענבאום מאַנופעקטשורינג קאָ." און מיט דער „סטיקס דריי גודס קאָ." פון סענט לואיס.

העכערונגען אין שכירות אין סאַן אַנטאָניאָ

אין סאַן אַנטאָניאָ, טעקסעס, איז דער יוניאָן געלונגען צו קריגען אינדיווידועלע העכערונגען אויף די שכירות פון פילע אַרבייטער. די קאַטערס פון דער „עסקעי מאַנופעקטשורינג קאָ." האָבען געקראָגען אַ העכערונג פון 5 דאָלאַר אַ וואָך יעדער, וואָס דאָס ברענגט אַרויף די צום ווענִיגסטענס באַצאָלטע צו 25 דאָלאַר אַ וואָך און די בעסטע באַצאָלטע צו דרייסיג דאָלאַר. די יוניאָן האָט אויך געקראָגען אַ העכערונג פון פינף סענט אַ שטונדע פאַר די פּרעסערס.

אַנטי־פּיקעטינג געזעץ אין לאָס אַנדזשעלעס גע'פּסול'ט פון סופּרים קאָורט

אונזער אינטערנעשאָנאַל יוניאָן אין לאָס אַנדזשעלעס האָט געגעבען אַ טויט־קלאַפּ דעם אַרבייטער־פיינדליכען געזעץ וואָס האָט געזוכט אָוועקצונעמען ביי די אַרבייטער דאָס רעכט צו פּיקעטען, דורך אַן ענטשיידונג וואָס זי האָט אַרויסגעקראָגען פון סופּיריאַר קאָורט דעם 18טען יוני.

עס האָט זיך געהאַנדעלט אום דעם טרויעריג־באַרימטען געזעץ פּראָיעקט „פּאָרשלאַג נומער איינס", וואָס איז דורכגעשמוגעלט געוואָרען פון די אַרבייטער שונאים לעצטעס יאָר אין אַ ספּעציעלער אָפּשטימונג וואָס איז דורכגעפירט געוואָרען צוזאַמען מיט דעם מעיאָר. דער ברייטער עולם פון די בירגער האָט זיך גלייך ניט געכאַפּט וואָס פאַר אַ מין רעאַקציאָנערע שטיקעל אַרבייט די יוניאָן־פרעסער פון דער „טיימס" האָבען דורכגעשמוגעלט. דער געזעץ האָט פאַרבאָטען פּיקעטען 1) אַרבייטער וועלכע האָבען ניט געאַרבייט פאַר דער פירמע; 2) אַרבייטער וואָס האָבען געאַרבייט אין פּלאַץ ווייניגער ווי דרייסיג טעג, און 3) פּיקעטען אין אַ סטרייק וואָס איז גערופען געוואָרען אָן אַן אָפּשטימונג פון אַ מאַיאָריטעט פון די אַרבייטער וואָס זיינען באַשעפטיגט ביי דער פירמע געגען וועלכער דער סטרייק ווערט גערופען.

אַן ענליכער געזעץ איז אויך פאָרגעלייגט געוואָרען פאַר די בירגער פון גאַנצען סטייט אין די וואַלען אין נאָוועמבער פון דעם זעלבען יאָר. דעמאָלט אָבער האָבען די בירגער זיך שוין געכאַפּט וואָס מען זוכט דאָ צו טאָן און האָבען דעם פּאָרשלאַג דורכגעוואָרפען. אין דער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס אָבער איז דער געזעץ געבליבען אויף די ביכער.

אונזער אינטערנעשנעל האָט באַשלאָסען, ביי דער ערשטער בעסטער געלעגענהייט אויסצופּרובירען די קאָנסטיטוציאָנאַליטעט פון דעם געזעץ. לעצטען יאַנואַר האָבען אַ צאָל מיידלאַך וואָס האָבען געאַרבייט פאַר דער „דזשיעלאַ מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני", אַ דרעס שאָפּ, געקראָגען ווייניגער באַצאָלט ווי דער מינימום וואָס דער סטייט געזעץ שרייבט פאָר פאַר פרויען אַרבייטער. די יוניאָן האָט אַרויסגערופען די אַרבייטער אין סטרייק און זיי אַרויסגעפירט אויף דער פּיקעט ליין. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט אַ צאָל מיידלאַך און דער ריכטער פון שטאָטישען געריכט האָט זיי געפונען שולדיג אין איבערטרעטען די אַלע אויבען־דערמאָנטע פאַרשריפטען פון דעם געזעץ.

די יוניאָן האָט אַפּעלירט געגען דעם אורטייל אין דער אַפּעליישאָן דיוויזשאָן פון סופּיריאַר קאָורט, וואָס איז דער העכסטער געריכט אין שטאָט, פון וועמען מען קען בלויז אַפּעלירען צום סופּרים קאָורט פון די פאַראייניגטע שטאַטען. די דריי ריכטער פון סופּיריאַר קאָורט האָבען אַרויסגעגעבען די פאָלגענדע איינשטימיגע ענטשיידונג:

„דער צוועק פון דעם געזעץ איז צו פאַרמיידען דאָס שטערען דעם פאַרקער אין די גאַסען, אָנשרעקען מענשען, באַגיין גוואַלדטאַטען און ענליכע אַקטען. מיר קענען ניט איינזען, ווען ס'האַנדעלט זיך אום אַזעלכע זאַכען, וואָס פאַר אַן אונטערשייד עס מאַכט ווער עס פּיקעט און וויפיל אַרבייטער עס באַטייליגען זיך אין סטרייק. מיר האַלטען אַז די שטאָט האָט ניט קיין רעכט צו באַשטימען דאָס רעכט אויף פּיקעטען אויף דעם אופן.

„עס זיינען נישטאָ קיינע פּאַסירונגען צו וועלכע מען זאָל האָבען געצויגען אונזער אויפמערקזאַמקייט און מיר זעען ניט קיין שכל'דיגע אורזאַכע וואָס זאָל צייגען, אַז פּיקעטס אַרום אַ פּלאַץ וואו אַ מינאָריטעט אַרבייטער זיינען אין סטרייק, וועלען גיכער באַגיין גוואַלד־טאַטען, פאַרשטעלען די גאַס, אָנשרעקען מענשען אָדער פאַראורזאַכען אומרוען, ווי פּיקעטס, וואו אַ מאַיאָריטעט אַרבייטער זיינען אין סטרייק.

„מיר קענען אויך ניט איינזען ווי אַזוי די לענג פון דער צייט וואָס דער פּיקעט האָט געאַרבייט פאַר דער פירמע, זאָל באַווירקען די וואַרשיינליכקייט פון זיין אויפפירען זיך אויף אַן אופן וואָס דער געזעץ זוכט צו פאַרמיידען.

„מיר געפינען ניט קיין שכל'דיגען גרונד אָנצונעמען אַז אַ פּיקעט וועלכער האָט ניט געאַרבייט אין דעם שאָפּ וואו מען סטרייקט. איינער וועלכער איז מעגליך אַ פריינד אָדער קרוב פון איינעם פון די אַרבייטער,

א מענש וועלכען מען האט געדונגען פאר דעם צוועק, אדער איינער וואס איז א בעאמטער פון א יוניאן וואס איז פאראינטערעסירט אין דעם סטרייק, וועט זיין מער אקטיוו אדער צודרינגליך אין פיקעטען אדער וועט זיך גיכער פארנעמען מיט שלעכטע מעשים ווי איינער וואס איז אן ארבייטער פון דער פירמע".

איינער פון די דריי ריכטער, דזשאסטיס שאוער, האט, איינשטימענדיג מיט דעם אורטייל פון זיינע קאלעגען, נאך געגאנגען א שריט ווייטער. ער האט ערקלערט:

„דער הויפט צוועק פון א סטרייק איז צו אדווערטייזען א סכסוך צווישען ארבייטער און ארבייטסגעבער און שטערען אט די אויפגאבע וואלט געמיינט שטערען די רעכטען פון פרייע רעדע, פרייע פרעסע און פרייהייט פון פארזאמלונג. עס איז וויכטיג אז מיר זאלען פריי אנערקענען, אז פיקעטען איז א פארמע פון אויסנוצען די פונדאמענטאלע פרייהייטען פון ריידען, שרייבען אדער דרוקען איינעמס מיינונגען, אום ניט צו פארשטיין פאלש די סטאנדארדס מיט וועלכע די געזעצליכקייט פון א געזעץ וואס בארירט אט די פרייהייטען דארף געמאסטען ווערען".

אט די ענטשיידונג פון געריכט איז א פולער זיג פאר דער אינטערנעשאנעל און פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

ערשטער סעטעלמענט אין דער שעניעל אינדוסטריע אין דזשארדזשיא

אונטערשרייבענדיג דעם ערשטען קלאוזד שאפ אגרימענט מיט א וויכטיגער שעניל און קענדלוויק פירמע, האט די אינטערנעשאנעל געמאכט דעם ערשטען שריט איינצושטעלען מענשליכע באדינגונגען אין אן אינדוסטריע וואס איז טרויעריג בארימט פאר אירע הונגער־שכירות, גלות־לאנגע שטונדען, היים ארבייט און קינדער ארבייט.

דעם אגרימענט האט אונטערגעשריבען דזשאהן ס. מארטין, פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנעל אין סאוט־איסטערן געגענד, מיט דער „שענאנדאא ספרעד מאנופעקטשורינג קאמפאני" פון דאלטאן, דזשארדזשיא.

די פירמע, כאטש זי רופט זיך „ספרעד קאמפאני", מאכט זי אבער אממערסטען ניט קיין בעד־ספרעדס, נאר פרויען קליידער פון די סארטען מאטעריאלען, באטה־ראבס, קעיפס און קאוטס, ווי די אלע אנדערע פירמעס פון דער ליין. די אינדוסטריע, וועלכע איז פארהעלטניסמעסיג א נייע, איז שוין גרויס און האלט נאך אין וואקסען. לויט דער רעגירונגס ציפערען, זיינען אין דאלטאן פאראן אזעלכע 64 שעפער וואס באשעפטיגען ארום צען טויזענט ארבייטער. אין א שטח פון 50 מייל ארום דאלטאן, ווערט געשאצט, אז עס זיינען באשעפטיגט אין דער ליין ארום 40,000 ארבייטער. די שעפער, וועלכע האבען אנגעהויבען אין אנפאנג אויסארבייטען בעד־ספרעדס, זיינען שוין איצט מערסטענס אריבער אויף פראדוצירען באטה־ראבס און קאוטס פון די שעניל און קענדילוויק וואריעס. אויף דעם ארבייטען זיי מערסטענס און פילע פון זיי האבען שוין די בעד־ספרעדס אינגאנצען אויפגעגעבען.

די באדינגונגען אין דער אינדוסטריע זיינען די שרעקליכסטע. איבער דעם וואס עס איז ביז איצט אינגאנצען ניט געווען קיין מינימום וואס די בעלי בתים מוזען צאלען פאר דער ארבייט, איז ענטשטאנען א האלזשניידענדע קאנקורענץ צווישען די אונטערנעמער. די קליגערע און היטרוכטיגע ארבייטסגעבער זעען עס שוין איין, און מען מעג ערווארטען אז נאך אנדערע זאלען נאכפאלגען דעם ביישפיל פון דער שענאנדאא און סעטלען מיט דער יוניאן.

דער אגרימענט באשטימט די ארבייטס־שטונדען און שכירות און פירט איין א קלאוזד יוניאן שאפ. די יוניאן פארהאנדעלט איצט מיט נאך דריי פירמעס פון דער ליין פאר אן ענליכען סעטלמענט. מארטין האט אנגעהויבען א קאמף געגען עטלאכע פירמעס פאר איבערטרעטען דעם שטונדען־שכירות געזעץ.

אין דער קלאוקמאכער יוניאן און אין טרייד

פון לואיס ע. לאנגער

סעקרעטאר ניו יארק דזשאינט באארד קלאוק־ מאכער יוניאן

אין לעצטען וואל־קאמפיין פון לאקאל 117 האבען די גרופען, אין זייער קאמפיין ליטעראטור, גערעדט וועגען אלערליי פראבלעמען פון אונזער יוניאן און האבען אויך בארירט די פראגען פון אווערלעפינג און סעקשאן ארבייט. אזוי ווי דער טשאד פון קאמפיין איז שוין פאראיבער, און אלעס איז ווידער נארמאל, וועט ניט שאדען אנצואווייזען ווי נעפעלדיג מען האט רעאגירט אויף די פראגען פון אווערלעפינג און סעקשאן ארבייט.

דער קלאוק טרייד ליידעט פון דער אווערלעפינג מגפה אויף צווייערליי געביטען: עס ווערען געמאכט קלאוקס אין שעפער וואס ווערען קאנטראלירט פון טרייד־לאקאלען פון אונזער אייגענער אינטערנעשאנעל, און אויך אין שעפער פון דער מענס קלאדינג אינדוסטריע.

דעם איבעל פון אווערלעפינג האב איך שוין ניט איין מאל בארירט אין דער „גערעכטיגקייט" און האב אנגעוויזען אויף ווי ווייט דער דאזיגער איבעל מאכט אונזערע מעמבערס ברויטלאז.

וואס אנבעלאנגט דעם אווערלעפינג מצד די לאקאלען פון אונזער אייגענער אינטערנעשאנעל, האט אונזער דזש. באארד פארגעבראכט די פראגע פאר דער לעצטער קאנווענשאן. די קאנווענשאן האט אויסגעהערט אונזערע רעזאלוציעס, אבער זי האט וועגען זיי ניט געהאנדעלט, נאר זי האט זיי איבערגעוויזען צו דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד. די ג. ע. ב. האט ערוויילט א קאמיטע צו מאכען אן אונטערזוכונג אום פעסטצושטעלען אויף ווי ווייט קלאוקס ווערען פראדוצירט אין דרעס שעפער. די קאמיטע האט ניט אונטערזוכט דעם גאנצען דרעס טרייד, נאר בלויז א צאל שעפער, וועלכע אונזער רעקאווערי באארד האט איר געשטעלט. דער אמת איז אז אונזער דזשאינט באארד איז ניט געווען צופרידען מיט די פאקטען וואס די אונטערזוכונג האט ארויסגעבראכט, אבער אפילו אויף דאס ביסעל קלאוקס וואס ווערען פראדוצירט אין די אונטערזוכטע שעפער, ווי די אונטערזוכונג האט באוויזען, האט אונזער דזשאינט באארד פארלאנגט אן ענטפער. זי האט אבער קיין ענטפער ניט געקראגען, ווייל די דרעס מאנופעקטשורערס, וועלכע פראדוצירען אויך קלאוקס, האבען זיך ענטזאגט אפצוזאגען פון דעם פונקט אין זייער אגרימענט וואס גיט זיי א רעכט צו פראדוצירען דעם ארטיקעל.

דאס וואס די מאנופעקטשורערס האבען זיך ענטזאגט צו באזייטיגען דעם אנגעגעבענעם פונקט אין זייער אגרימענט, און לאזען די פראגע אפען, איז פאר דעם די דרעס דזשאינט באארד ניט געווען גרייט צו סטרייקען, ווייל זי האט ניט געוואלט ריזיקירען מיט דער גאנצקייט פון איר ארגאניזאציע.

זאגט ברודער העלער אין „פארווערטס" פון 14טען יוני, אז: „א העפטיגער קאמף געגען דער קללה פון „אווערלעפינג" דארף אנגעפירט ווערען". ער זאגט אבער ניט אין וואס דער קאמף זאל זיך אויסדריקען. וואלט ער געזאגט אז דארט וואו מען מאכט אונזער ארבייט זאל די יוניאן ערקלערען סטרייקס, וואלט איך מיט אים געווען פולשטענדיג איינפארשטאנען. ער זאגט דאס אבער ניט. ער שלאגט פאר א באבסקע רפואה. ער זאגט אז מיר דארפען פארלייגען אונזערע קריוודעס פאר דער עפענטליכער מיינונג. מיט דער פראגע פון אווערלעפינג מצד די לאקאלען פון אונזער אייגענער אינטערנעשאנעל קענען מיר צו דער עפענטליכער מיינונג זיך ניט ווענדען. זי וועט אונז קענען ענטפערען, און מיט רעכט: „וואס קומט איר צו אונז? אייער אייגענע אינטערנעשאנעל דארף די פראגע לייזען, ווייל זי איז מער באהאווענט אין דעם ענין ווי מיר! די עפענטליכע מיינונג קען ניט באשטימען וועלכעס איז א קלאוק גארמענט און וועלכעס איז ניט. פאר איר איז ניט קיין אונטערשיד ווער עס מאכט די קלאוקס, אזוי לאנג ווי זיי ווערען געמאכט פון יוניאן לייט, מעמבערס פון אונזער אינטערנעשאנעל.

וואס איז שייך דער אווערלעפינג מצד דער קלאדינג אינדוסטרי, וועט דארט די עפענטליכע מיינונג ניט העלפען. געגען די דאזיגע אווערלעפערס וועט אונזער יוניאן מוזען אנפירען א קאמף, ווייל אן א קאמף וועלען זיי ניט איבערגעהן אונטער דעם קאנטראל פון אונזער דזשאינט באארד. די פראגע איז נאר: ווען אונזער דזשאינט באארד זאל שוין געלינגען צו ברענגען דעם מעניש סוט אונטער איר קאנטראל, וועלען די קלאוקמאכער אים וועלען מאכען אונטער דער סיסטעם ווי ער ווערט געמאכט איצינד, נעמליך, סעקשאן סיסטעם? אויף דעם האט ברודער העלער ניט רעאגירט. פאר דער צייט וואס אונזער יוניאן ראנגעלט זיך מיט דער פראגע פון דעם ליידיס מעניש סוט, איז איר געלונגען צו קריגען דעם קאנטראל איבער א צאל קלאדינג שעפער, וואו דער סוט ווערט פראדוצירט. וויפיל קלאוקמאכער איז אונזער יוניאן געלונגען אוועקצוזעצען ארבייטען ביי די דאזיגע סוטס? גאנץ ווייניג. די קלאוקמאכער ווילען דעם סוט ניט מאכען, ווייל ער ווערט געמאכט לויט דער סעקשאן סיסטעם. אפצושאפען אין די שעפער די סעקשאן סיסטעם איז אזוי מעגליך, ווי עס איז מעגליך געווען פאר יוניאנס אין אלגעמיין ניט צו דערלאזען די איינפירונג פון מאדערנע מאשינערי אין זייערע טריידס. יוניאנס, האבען אין אינדוסטריס פארבראכט אוצרות מיט געלט ניט צו דערלאזען די איינפירונג פון סעקשאן סיסטעם, אבער עס איז זיי ניט געלונגען.

די פראגע פון סעקשאן ארבייט אין אונזער טרייד האט שטארק אנגעריסען ניט בלויז צווישען אונזערע אייגענע מעמבערס, נאר אויך צווישען זייטיגע מענשען וואס וויסען וועגען אונזערע טרייד־פראבלעמען אזוי פיל ווי איך וויים וועגען אסטראנאמי. וואלטען די זייטיגע מענשען געהאט די מינדעסטע אהנונג וואס עס איז געווארען מיט אונזער ביליגער לאין ארבייט, וואלטען זיי די פראגע ניט באהאנדעלט אזוי אביעקטיוו ווי זיי טוען עס.

דער טאראראם אז די דזשאינט באארד וויל לעגאליזירען סעקשאן ארבייט איז ניט קיין בארעכטיגטער. די ביליגע לאין ארבייט אין אונזער טרייד ווערט שוין געמאכט אין פילע שעפער לויט דער סעקשאן סיסטעם זייט א לענגערע צייט.

די סעקשאן שעפער האבען זיך געיאוועט אין טרייד ניט פון נעכטען אן. די זיינען געשאפען געווארען, און זיך איינגעפונדעוועט נאך אין אנפאנג פון די קריזיס יארען, ווען די יוניאן איז געווען באדייטענד אפגעשוואכט. די יוניאן האט זיי קיינמאל ניט לעגאליזירט, און ניט געגעבען איר הסכמה איינצופירען די סעקשאן סיסטעם. א קראנקהייט קען מען קורירען אין אירע ערשטע „סטיידזשעס", אבער ניט דאן ווען זי האט זיך שוין טיף איינגעפרעסען אין דעם קערפער.

די סעקשאן סיסטעם אויף דער ביליגער ליין איז מער ווי אן איבעל. עס איז א פראבלעם וואס פאדערט זעהר ערנסטע באטראכטונג. די דזשאינט באארד איז קיינמאל ניט געווען פאר סעקשאן ארבייט, וויסענדיג אז דורך אזא סיסטעם ווערט דער מעמבער אן זיין זעלבסטשטענדיגקייט אלס אן ארבייטער, און ווערט אפהענגיג פון א קאמבינירטער מאשינערי אין שאפ. די יוניאן וויים עס בעסער פון אנדערע וועלכע וויסען זעהר ווייניג וועגען אונזער טרייד. די פראגע איז אבער: „וואס בלייבט צו טאן מיט דער ביליגער ליין ארבייט, וועלכע איז די מאסען־פראדוקציע אין אונזער טרייד?" ווי אזוי קענען מיר צוריקקריגען די ארבייט פאר אונזערע מעמבערס אן זיי זאלען איר מאכען?" די לאין איז פאקטיש ארויס פון ניו יארק. זי איז אוועק אין די קאנטריס וואו מאנופעקטשורערס האבען געקראגען דעם מענשען מאטעריאל וועלכער איז ניט געווען איבערקלייבעריש ווי אזוי ער ארבייט און וויפיל ער פארדינט. די מענשען זיינען אריינגעקומען אין טרייד אין דעם פעריאד ווען אלעס איז געווען אפען און פריי, און דער יוניאן אפאראט איז געווען אזוי אפגעשוואכט אז די יוניאן האט אויפגעהערט צו זיין א באדייטענדער פאקטאר אין דעם טרייד.

ווי געזאגט, איז די יוניאן ניט פאראינטערעסירט איינצופירען סעקשאן ארבייט אין טרייד. אבער אזוי לאנג ווי די סעקשאן שעפער זיינען שוין דא אין דעם טרייד, וויל די יוניאן קריגען איבער זיי א פעסטען קאנטראל, אזוי אז די ארבייטער וואס זיינען דארט באשעפטיגט זאלען קענען פארדינען אויף אן אנשטענדיגען לעבען. אום דאס צו דערגרייכען, האט די יוניאן באשלאסען אפצושאפען די וואך־ארבייט סיסטעם אין די דאזיגע שעפער, און אנשטאט דעם איינפירען שטיק־ארבייט. דורך שטיק ארבייט מוזען די פארדינסטען פון די ארבייטער אין די דאזיגע שעפער געהויבען ווערען, און דאס וועט פיליכט האבען די ווירקונג אז די ביליגע לאין ארבייט זאל אנקומען צוריק אין אונזערע שעפער פון וואנען זי איז אין

די לעצטע עטליכע יאר, צוליב דער אומבאגרעניצטער קאנקורענץ, פארשוואונדען געווארען.

* * *

די אינסטאלישאן פון לאקאל 117 איז געווען זעהר א שעהנע און וואלט געווען העכסט פראכטפול ווען ניט די אומטאלעראנץ וואס איניגע מעמבערס האבען ארויסגע־וויזען צו געוויסע רעדנער.

די באציאונג מצד דער הייפעלע מענשען האט גע־מאכט א שלעכטען איינדרוק ניט נאר אויף די געסט, נאר אויך אויף די מעמבערס וואס זיינען געקומען בייוואוינען די איינשווערונג פון זייערע ערוויילטע באאמטע און עק־זעקוטיוו באארד מעמבערס. עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז די ניי־ערוויילטע אדמיניסטראציע איז פאר דער דאזי־גער האנדלונג ניט פאראנטווארטליך. די אדמיניסטראציע האט זיכער געוואלט אז די אינסטאלישאן זאל דורכאויס זיין א שעהנע.

די אינסטאלישאן, אן און פאר זיך, איז געווען א הערליכע. עס זיינען צו דער אינסטאלישאן אנגעקומען א זעהר גרויסע צאל ווארימע באגריסונגען, און דער סטיידזש איז געווען בוכשטעבליך איינגעטונקט אין בלו־מען וואס זיינען צוגעשיקט געווארען פון א ריי ארגאני־זאציעס, א צאל שעפער און פון איינצעלנע מעמבערס. דער ניי־ערוויילטער מענעדזשער, ברודער קאפלאן, האט אין זיין רעדע אפעלירט פאר איניגקייט אין די רייען פון די קלאוק אפערייטארס, און זיין אפיל איז אויפגענומען גע־ווארען מיט גרויס בייפאל. אזוי האבען אויך די מעמבערס אפלאדירט די אנדערע רעדנער פון דעם אווענט.

* * *

די פאליטישע געגנער פון דער ו. פ. א. האבען זיך ענדליך דערשלאגען צו א מיטעל ווי אזוי אים אויסצו־פירען. זיי האבען פארלענגערט די ארבייטס־צייט, און אפגעשאפט די ווידזש סקעילס וואס די „פראדושעקטס" האבען געצאלט צו די מעמבערס פון די פארשידענע יוניאנס.

אויף דעם קלאוק פראדושעקט האבען אונזערע מעמ־בערס געקראגען פון 51 ביז 91 דאלער א מאנאט פאר ארבייטען 63 און 60 שטונדען א מאנאט. אצינד, דורך דעם לעצטען געזעץ פון יוניטעד סטייטס קאנגרעס וועלען זיי דארפען ארבייטען 130 שטונדען א מאנאט פאר די זעלבע שכירות. לויט די שכירות וואס אונזערע מעמבערס וועלען קריגען אונטער דעם דאזיגען באשלוס וועלען די קאטערס ארבייטען פאר 75 סענט א שטונדע, די אפערייטארס פאר 55 סענט און די פינישערס פאר 43 סענט.

די געהעכערטע שטונדען מאכען אונמעגליך פאר אונזערע מעמבערס אנצוהאלטען זיך אן דעם פראדושעקט. ווען זיי האבען געארבייט 60 ביז 63 שטונדען א מאנאט האבען זיי געהאט די מעגליכקייט פון צייט צו צייט צו כאפען א דזשאב אין דער אינדוסטריע. די פאר דאלאר וואס זיי האבען פארדינט אויף די דאזיגע דזשאבס, צוזא־מען מיט זייערע פארדינסטען אויף דעם פראדושעקט, איז אויך ניט געווען גענוג אויפצוהאלטען דעם „וואלף" פון דער טיר, דאך האבען זיי ווי עס איז זיך דורכגעמוטשעט. איצט וועלען זיי מוזען ארבייטען דעם גאנצען חודש פאר א הונגער־לוין, אן דער מעגליכקייט צו קריגען א זייטיג פארדינסטעל. און עס שטעלט זיך די פראגע: „ווי אזוי קען אפילו די קלענסטע פאמיליע דורכקומען און לעבען אויף אזא קליינעם איינקונפט?"

אזוי שנעל ווי דער אנגענומענער באשלוס פון קאנ־גרעס וועגען די געהעכערטע שטונדען, אויף די זעלבע שכירות, איז באקאנט געווארען, האט פרעזידענט דובינסקי זיך גלייך געווענדעט צום ניו יארקער אדמיניסטראטאר קוירנעל סאמערוויל מיט דעם פארלאנג אז ער זאל העכע־רען די שכירות פון אונזערע מעמבערס. קוירנעל סא־מערוועל האט אים געענטפערט אז ער קען דעם באשלוס פון וואשינגטאן ניט ענדערען.

צי די פראטעסטען וועלען מאכען די וואשינגטאנער פאליטישענס צו מאדיפיצירען זייער באשלוס, בלייבט צו זעהן. דעם נייעם דיעל האבען זיי קיינמאל ניט ליב געהאט, און האבען אימער געזוכט א מעגליכקייט ארייצושטעכען אים א מעסער אין רוקען. די ו. פ. א. איז זיי שוין לאנג געשטאנען ווי א ביין אין האלז, און זיי האבען געזוכט פון איר פטור צו ווערען. זעהר זעלטען שרעקען זיך פאלי־טישענס פאר פראטעסטען. זיי וויסען אז דער יאר איז גרויס און ביז די וואלען פארגעסען די בירגער....

ווערענד די ציילען ווערען געשריבען, ארבייט דער קלאוק פראדושעקט אינגאנצען ניט. עס זיינען אפילו דא די נויטיגע וואגעס, אבער די מוזען צוערשט עקזאמענירט ווערען צו האבען זיי ניט קיין דעמעדזשעס. עס וועט וואר־שיינליך ניט לאנג נעמען און דער פראדושעקט וועט ווידער אנפאנגען ארבייטען. ניט אלע 190 ארבייטער וואס זיינען דארט געווען באשעפטיגט וועלען דארט באשעפ־טיגט ווערען אין דער צוקונפט, צוליב דעם וואס, אויב זיי וועלען ארבייטען וועלען זיי אצינד מוזען ארבייטען 130 אנשטאט 60 שטונדען א מאנאט. דעריבער וועט דער פראדושעקט איצט ארבייטען מיט איין שיפט, אנ־שטאט צוויי, ווי בעפאר, און פאר איין שיפט האט דער פראדושעקט ניט קיין פלאץ פאר 190 ארבייטער.

ווי מען גיט מיר איבער וועט מען א צאל מענשען פון קלאוק פראדושעקט טראנספערירען צו אנדערע נא־דעל פראדושעקטס, אבער צו אלע ארויסגעשלאגענע פון קלאוק פראדושעקט וועלען באשעפטיגט ווערען ביי אנ־דערע פראדושעקטס, האט מען מיר קיין פארזיכערונג ניט געגעבען.

אן איבערגעאיילטער באשלוס

פון בענדזשאמין קאפלאן

מענעדזשער פון קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 117

אונזער קלאוקמאכער דזשאינט באארד האט ביי איר זיצונג מיטוואך אווענט, דעם 12טען יולי, באשלאסען, לויט דער רעקאמענדאציע פון דזש. ברעס־לאו, אז אראנסקי, פון פרעסערס לא־קאל 35, זאל פארנעמען דעם דיסט־ריקט מענעדזשער אמט פון דזשאינט באארד דעפארטמענט „דזשאבערס־אמעריקען בי", פון וועלכען איך בין געווען מענעדזשער פאר א סך יארען. נאר איצט איז דער פאסטען לידיג געווארען, ווייל איך בין ערווילט געווארען מענעדזשער פון מיין לאקאל 117. בין איך געווען זיכער, אז מען וועט אונז געבען דאס וואס מיר האבען ביז איצט געהאט, און מיין נאכפאלגער וועט זיין א פארשטייער פון מיין לאקאל, ווייל חוץ אנ־דערע טעמים האבען מיר געוואוסט אז די רעארגאניזיי־שאנס אין דזשאינט באארד (אויב אזוינס וועט זיין נוי־טיג) וועלען פארקומען אין מארטש 1940. מיר האבען פארגעשלאגען א פאסענדען, פעהיגען מענשען, נאר ברו־דער ברעסלאו האט אונז איגנארירט, אדער געוואלט דיק־טירען, און געגען אונזער ווילען און רעכט און געגען דעם כבוד פון אונזער לאקאל, און זיך ניט רעכענענדיג מיט די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער, האט ער דורכגעפירט דעם אויבענדערמאנטען באשלוס.

צו אונזער באדויערען, האבען די פארשטייער פון די אנדערע לאקאלען ביים דזשאינט באארד, מיט דער אויסנאם פון קאטערס לאקאל 10, געשטימט געגען אונ־זער לאקאל.

דאס איז די פאסירונג אן און פאר זיך.

וואס צייגט אונז די פאסירונג?

עס צייגט, אז געוויסע אנפירער פון אונזער דזשאינט באארד זיינען אויסשליסליך פאראינטערעסירט אין זייע־רע לאקאלע אינטערעסען, אפילו אויב עס איז אויפ'ן חשבון פון אנדערע קרעפטס. מען מאנעווירט, דאס דער גאנצער דזשאבינג דעפארטמענט זאל קאנטראלירט ווערען פון פרעסער און פון סעקשאן־סיסטעם אנהענגער. צוליב די און אפשר אויך אנדערע אומקלארע מאטיוון זוכען זיי אריינצוקריגען וואס מער מאכט אין דזשאינט באארד, גלויבענדיג משמעות אין ברוטאלען פרינציפ אז „מאכט איז רעכט", דעריבער שטעלען זיי אוועק פאלי־טישע מאניפולאציעס העכער און וויכטיגער פון קאנ־סטרוקטיווער טרייד יוניאן ארבייט, און עס קימערט זיי ניט וואס די דזשאינט באארד אלס א גאנצע ווערט דורך אזא ארבייט אפגעשוואכט.

עס איז כאראקטעריסטיש איניגע שטריכען ווארום מען האט געשטימט געגען אונזער לאקאל. ברעסלאו איז געגען אונז ווייל זיינע לעצטע פאליטישע קאמבינא־ציעס זיינען אין געגענזאץ צו אונזער באגריף וועגען „פאראייניגטע פראנטען", און ווייל מיר זיינען אבסאלוט געגען סעקשאן־ארבייט און ער איז פאר דעם אז די אפערייטארס זאלען צושטימען און לעגאליזירען דעם סעק־שאן סיסטעם.

מיר וואלטען וועלען אז לאקאל 35 זאל ניט פירען קיין באזונדערע איזאלירטע מלוכה, נאר זיי זאלען אר־בייטען צוזאמען מיט'ן דזשאינט באארד, אויך אויף דעם פרייז סעטעלמענט געביט. ברעסלאו וויל דאס ניט.

אן אנדער לאקאל איז געגען אונז ווייל זיי וויסען דאס מיר באקעמפען און זיינען גרייט צו מאכען שווע־ריגקייטען די סעקשאן שעפער. און איבערהויפט, גלוי־בען זיי, אז מיר סטעלען צו הויכע פרייזען. דעריבער מוז מען מאכען דילס אין די שעפער, און זיי האבען פיינט ווען מען „באדערט" זייערע מענשען מיט אזעלכע „קלייניגקייטען" ווי דילס.

נאך א לאקאל וויל באזייטיגען אונזער איינפלוס אין דזשאינט באארד, ווייל זיי גלויבען דאס אזוי ארום וועלען מיר ניט וואגען צו פירען א קאמף געגען דעם וואס זיי פארכאפען די ארבייט פון אונזערע מיטגלידער.

אבער אום הימעלס ווילען, צוליב וועלכע אינדוס־טריעלע מאטיווען איז סארקין, פון דעם פינישערס לא־קאל 9, ארויסגעטראטען געגען אונז? דאכט זיך, אז אין א סך פרטים קומען זיך צוזאמען די שאפ־אינטערעסען פון די פינישערס מיט די אינטערעסען פון אונזערע אפ־רייטארס. טו וואס פאר א בארעכטיגונג האט סארקין צו שטימען געגען אונז? ניט שוין זשע איז זיין פאזיציע אזוי שוואך אז ער מוז זוכען שטיצע אין נייע פאליטישע קאמבינאציעס?

איך וויל פרעגען עפענטליך, אויב אימיצער איז מיט אונז ברוגז, דארף ער אויסלאזען זיין כעס צום ברויט און פוטער פון אונזערע מיטגלידער? אדרבא, זאל ברו־דער ברעסלאו אדער סארקין אנצייגען וועלכע ס'איז אויפריכטיגע יוניאן און ארגאניזאציאנעלע מאטיווען, וועלכע האבען זיי באוואויגען אוועקצונעמען ביי אונזער לאקאל דאס מענעדזשמענט איבער'ן דעפארטמענט פון אמעריקען „סי"? און אזוי ארום שטעלען אין געפאר די קאנדידאציען פון אונזערע אפערייטארס אין יענע קאנ־טראלירטע שעפער.

מיר האבען אנגעוויזען א סך טעמים פאר וואס אונזער לאקאל איז בארעכטיגט צו פארוואלטען דעם דעפארטמענט. צווישען אנדערעס האבען מיר אנגעוויזען, דאס אין יענע שעפער ארבייטען ארום צוויי טויזענד אפערייטארס אין פארגלייך מיט ארום 500 פרעסערס, 700 פינישערס (לא־קאל 48 אריינגערעכענט), 3 לאקאל 23 מעמבערס און א פאר לאקאל 64 מיטגלידער. קורץ, די אפערייטארס שטעלען צוזאמען א מערהייט איבער אלע קרעפטס צוזא־מענגענומען.

און דאס איז נאך ניט דער הויפט מאטיוו. מיר האבען אנגעוויזען, דאס אין די גרעסטע צאל שעפער ארבייט מען פון שטיק. די דזשאבערס ווינען פון די „סטיילסטעף". זיי ארבייטען אויף אן אומגעהויער גרוי־סער צאל סעמפעלס, און זיי פראדוצירען דאס לויט פאר־שידענע גריידס. דעריבער זיינען די מערסטע קאמ־פליינטס וועגען אומרעגעלמעסיגקייטען אין די גריידס און פרייזען. די קאמפליינטס זיינען פארפלאנטערטע און עס פאדערט זיך ניט נאר טיפער אינטערעס אין שליכטען זיי, נאר, מער פון אלץ, טיפער פאכמאנישער היטען.

מיר האבען אנגעוויזען, אז די באלעבאטים פאר־גלוסט זיך אמאל צו געבען קליינע הנחות צו א מינדער־הייט קרעפט, אויפ'ן חשבון פון דער מערהייט, און עס וועט זיי קיינמאל ניט לוינען צו טאן דאס זעלביגע מיט'ן מערהייט קרעפט. און א דעפארטמענט מענעדזשער קען גאר א סך פארהיטען פון אזעלכע פאסירונגען.

מיר האבען אנגעוויזען, אז דאס איז א באליידיגונג געגען אונזער לאקאל און עס האנדעלט זיך ניט וואס מיר האבען ניט קיין פאסענדען מענשען. פארקערט, מיר האבען פארגעשלאגען זייער א פעהיגען מענשען.

מיר האבען אנגעוויזען, דאס וויסענדיג אז לאקאל 35 ארבייט ניט צוזאמען מיט'ן דזשאינט באארד אויף אלע געביטען, זיינען מיר זיכער אז ברעסלאו וועט פאר־לאנגען פון זיין מענשען 100 פראצענטיגען לאקאלען פאטריאטיזם און ניט דעם וואוילזיין פון דער אלגע־מיינער יוניאן מיטגלידערשאפט. און דאס שטעלט אין געפאר אויך די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער.

צוליב די אלע אנגעגעבענע מאטיווען און נאך אנ־דערע, האבען מיר אנגעוויזען דאס די אינדוסטריעלע און ארגאניזאציאנעלע באדינגונגען פון דעם דעפארט־מענט שטעלט אוועק אונזער לאקאל אין א באזונדער וואכזאמער און פארזיכטיג פאראנטווארטליכער לאגע, און מיר זיינען אם בעסטען צוגעפאסט צו מענעדזשען דעם דעפארטמענט. נאר, ווי עס ווייזט אויס, זיינען אונ־זערע טעמים און ארגומענטאציעס געפאלען אויף טויבע אויערען.

יעדער פאראנטווארטליכער יוניאן־טוער מוז זיך שטענדיג רעכענען מיט די נויטען פון די מיטגלידער, מיט דעם וואוילזיין פון דער יוניאן און ניט מיט די אמביציעס פון יחידים, ווייל מען דארף געדענקען דאס

(שלוס אויף זייט 24)

באַריכט פון טויטע־בענעפיט פאָנד פון אונזער אינטערנעשאַנאַל

פון דזשולאַי 1, 1938, ביז דזשון 30, 1939

Local	Number of Members Died	Percentage of Total Deaths	Number of Claims Rejected	Number of Claims Paid in Full	Amount Paid	Number of Claims Adjusted	Amount Paid	Total Amount Paid On All Claims	Percentage of Total Amount Paid	Male	Female
117 New York City	68	12.45	15	41	$ 6,150.00	12	$ 730.00	$ 6,880.00	11.71	68	0
9 New York City	25	4.58	10	13	1,950.00	2	150.00	2,100.00	3.58	24	1
10 New York City	27	4.95	9	16	2,400.00	2	125.00	2,525.00	4.30	27	0
20 New York City	3	.55	0	3	450.00	0	.00	450.00	.76	3	0
21 Newark, N. J.	2	.37	2	0	.00	0	.00	.00	.00	2	0
22 New York City	84	15.38	19	51	7,650.00	14	1,125.00	8,775.00	14.94	51	33
23 New York City	7	1.28	1	6	900.00	0	.00	900.00	1.53	5	2
24 Boston, Mass.	1	.18	1	0	.00	0	.00	.00	.00	1	0
25 New York City	1	.18	1	0	.00	0	.00	.00	.00	0	1
30 New York City	4	.73	1	3	450.00	0	.00	450.00	.76	4	0
32 New York City	2	.37	1	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	2
35 New York City	27	4.95	4	21	3,150.00	2	100.00	3,250.00	5.53	27	0
38 New York City	6	1.10	2	4	600.00	0	.00	600.00	1.02	4	2
40 New York City	4	.73	0	3	450.00	1	75.00	525.00	.89	4	0
48 New York City	15	2.75	4	7	1,050.00	4	275.00	1,325.00	2.26	9	6
60 New York City	35	6.41	12	18	2,700.00	5	400.00	3,100.00	5.28	32	3
62 New York City	3	.55	0	3	450.00	0	.00	450.00	.76	0	3
66 New York City	4	.73	1	3	450.00	0	.00	450.00	.76	2	2
70 Portland, Oregon	2	.37	0	2	300.00	0	.00	300.00	.51	1	1
72 Toronto, Ont.	1	.18	1	0	.00	0	.00	.00	.00	1	0
74 Chicago, Ill.	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	1	0
76, 208, 212, 261, Chicago, Ill.	3	.55	1	2	300.00	0	.00	300.00	.51	1	2
82 New York City	5	.92	1	3	450.00	1	100.00	550.00	.94	5	0
89 New York City	40	7.33	5	34	5,100.00	1	50.00	5,150.00	8.77	18	22
91 New York City	8	1.47	3	4	600.00	2	175.00	775.00	1.32	2	6
102 New York City	3	.55	0	3	450.00	0	.00	450.00	.76	3	0
108 Harrisburg, Pa.	1	.18	1	0	.00	0	.00	.00	.00	0	1
109 Scranton, Pa.	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.25	0	1
116 Fort Wayne, Ind.	2	.37	0	2	300.00	0	.00	300.00	.51	0	2
132 New York City	1	.18	1	0	.00	0	.00	.00	.00	1	0
142 New York City	2	.37	1	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	2
155 New York City	9	1.65	4	5	750.00	0	.00	750.00	1.28	7	2
175 Conneaut, Ohio	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	1
187 Racine, Wis.	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	1	0
189 Batavia, Ill.	1	.18	0	0	.00	1	100.00	100.00	.17	1	0
200 Cleveland, Ohio	2	.37	0	2	300.00	0	.00	300.00	.51	1	1
205, 262, Montreal, Canada	2	.37	1	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	2
216 Winnipeg, Canada	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	1	0
217 Trenton, N. J.	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.25	0	1
226 Springfield, Mass.	3	.55	2	0	.00	1	50.00	50.00	.09	1	2
234 Easton, Pa.	2	.36	0	1	150.00	1	50.00	200.00	.34	0	2
267 Memphis, Tenn.	1	.18	1	0	.00	0	.00	.00	.00	0	1
276 Vancouver, B. C. Canada	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	1
279 Lima, Ohio	1	.18	0	0	.00	1	75.00	75.00	.13	0	1
285 Hoosick Falls, N. Y.	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	1
338 Vandalia, Mo.	1	.18	1	0	.00	0	.00	.00	.00	0	1
Eastern Out-of-Town Cloak	9	1.65	4	2	300.00	3	200.00	500.00	.85	6	3
Eastern Out-of-Town Dress	6	1.10	1	3	450.00	2	150.00	600.00	1.02	0	6
143 Mt. Vernon, N. Y.	4	.73	0	4	600.00	0	.00	600.00	1.02	1	3
144 Newark, N. J.	2	.37	0	2	300.00	0	.00	300.00	.51	0	2
145 Passaic, N. J.	3	.55	0	2	300.00	1	50.00	350.00	.60	1	2
148 Union City, N. J.	6	1.10	0	5	750.00	1	75.00	825.00	1.40	3	3
149 Plainfield, N. J.	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.25	0	1
150, 157, South River, N. J.	2	.37	1	1	150.00	0	.00	150.00	.25	0	2
166, 220, 222, 251—Newark, N. J.	2	.37	0	1	150.00	1	50.00	200.00	.34	0	2
Conn. Locals, 146, 151, 152, 153, 223	2	.37	0	2	300.00	0	.00	300.00	.51	0	2
L. I. Locals—57, 77, 107, 154	3	.55	2	1	150.00	0	.00	150.00	.26	1	2
176 Glens Falls, N. Y.	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	1
JOINT BOARDS, ETC.:											
Baltimore—4, 106, 110, 227, 319, 327	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	1
Boston—12, 33, 39, 46, 56, 73, 80	7	1.28	3	4	600.00	0	.00	600.00	1.02	7	0
Chicago—5, 18, 54, 59, 81, 100	24	4.40	0	22	3,300.00	2	100.00	3,400.00	5.79	15	9
Cleveland— 26, 27, 29, 37, 42, 44, 52, 209, 211, 295	5	.92	0	5	750.00	0	.00	750.00	1.28	4	1
Kansas City—114, 115, 118, 119, 124, 270, 274	2	.37	1	1	150.00	0	.00	150.00	.25	0	2
Los Angeles—65, 84, 96, 97	9	1.65	0	8	1,200.00	1	75.00	1,275.00	2.17	7	2
Milwaukee—188, 273, 292, 334	2	.37	0	2	300.00	0	.00	300.00	.51	0	2
Montreal—19, 43, 61, 112, 342	6	1.10	1	5	750.00	0	.00	750.00	1.28	4	2
Philadelphia Cloak—2, 47, 53, 69, 71, 79, 246	6	1.10	1	5	750.00	0	.00	750.00	1.28	5	1
Philadelphia Dress—11, 15, 45, 50	11	2.01	0	11	1,650.00	0	.00	1,650.00	2.81	7	4
San Francisco—8, 101, 213	3	.55	1	2	300.00	0	.00	300.00	.51	2	1
South Jersey—125, 126, 127, 128, 330, 331, 332, 333	2	.37	0	2	300.00	0	.00	300.00	.51	1	1
St. Louis Dress—16, 103, 104	3	.55	0	3	450.00	0	.00	450.00	.76	1	2
St. Louis Cotton Dress & Allied—181, 182, 203, 241, 283	1	.18	1	0	.00	0	.00	.00	.00	0	1
Toronto—14, 68, 83, 92, 94	6	1.10	0	4	600.00	2	150.00	750.00	1.28	5	1
Twin Cities—183, 206, 215, 230, 244, 265, 343	1	.18	0	1	150.00	0	.00	150.00	.26	0	1
TOTAL	**546	100%	*122	362	$54,300.00	62	$4,430.00	$58,730.00	100%	376	170
			22%	66%		12%				69%	31%

* Claims rejected

Arrears Dues	79	—	14.47%
Short Membership	40	—	7.33%
Other reasons	3	—	0.20%
Total	122		22%

** Based on 1938 Membership Census, the death rate is 2⅓ deaths per thousand members.

דער טויטען־בענעפיט פאָנד פון דער אינטערנעשאָנאַל

DISTRIBUTION OF AGES

Below 20	20 To 30	30 To 40	40 To 50	50 To 60	60 To 70	70 And Above	No Record	Total
2 @ 19	1 @ 20	7 @ 30	9 @ 40	36 @ 50	18 @ 60	3 @ 70	13 @ ?	
	1 @ 21	4 @ 31	7 @ 41	17 @ 51	13 @ 61	1 @ 71		
	3 @ 22	8 @ 32	17 @ 42	19 @ 52	16 @ 62	6 @ 72		
	2 @ 23	7 @ 33	14 @ 43	19 @ 53	11 @ 63	1 @ 75		
	3 @ 24	4 @ 34	3 @ 44	14 @ 54	10 @ 64			
	1 @ 25	9 @ 35	15 @ 45	18 @ 55	11 @ 65			
	4 @ 26	5 @ 36	17 @ 46	19 @ 56	8 @ 66			
	3 @ 27	4 @ 37	8 @ 47	23 @ 57	11 @ 67			
	3 @ 28	4 @ 38	22 @ 48	27 @ 58	5 @ 68			
	2 @ 29	8 @ 39	15 @ 49	12 @ 59	3 @ 69			
2-.37%	23-4.21%	60-10.99%	127-23.26%	204-37.36%	106-19.41%	11-2.01%	13-2.39%	546.-100.00%

SCHEDULE OF AVERAGE AGE

Local	City	Membership Census 1938	Number of Members Died	Male	Average Age	Female	Average Age	Total M. & F.	Average Age
117	N. Y. City	9,296	68	68	53.24	0	.00	68	53.24
9	N. Y. City	4,307	25	24	57.90	1	35.00	25	57.20
10	N. Y. City	7,177	27	27	50.00	0	.00	27	50.00
22	N. Y. City	26,380	84	51	51.20	33	42.20	84	47.70
35	N. Y. City	3,193	27	27	58.10	0	.00	27	58.10
48	N. Y. City	8,304	15	9	54.20	6	44.70	15	50.60
60	N. Y. City	3,482	35	32	55.30	3	45.00	35	54.20
89	N. Y. City	34,112	40	18	54.00	22	42.80	40	47.40
Chicago	J. B.	5,449	24	15	57.10	9	51.60	24	56.50
Total		101,700	345	271	52.55	74	43.80	345	50.60
All Locals		234,825	546	376	53.73	170	43.30	546	50.49

קליוולאַנדער דזשאָינט באָרד פייערט פופציג־יאָריגען יובילעי פון ברודער קאַטאָווסקי

פון נייטהען סאָלאָמאָן

געהילפס מענעדזשער קליוולאַנד דזשאָינט באָארד

נט, דעם 29טען יולי, ווען די דזשאָינט באָארד פון דער אינטערנעשאָנעל אין קליוולאַנד פייערן דעם פופציג יאָריגען געבורטסטאָג פון איר מענעדזשער, וויס־פּרעזידענט אברהם קאַטאָווסקי. עס ווערט לכבוד דעם יובילאַר געגעבען אַ דינער צו עהרען אים צו זיין 50טען געבורטס־טאָג און 25 יאָר פון זיין טעטיגקייט אין דער קליוולאַנדער יוניאָן.

ביים באַנקעט וועלען אנוועזענד זיין אַ גרויסע צאָל מיטגלידער און פאָרטרעטער פון די טרייד־יוניאָנס אין קליוולאַנד און דעלעגאַציעס פון אינטערנעשאָנעל לאָקאַלס אין די אַרומיגע שטעט אין אָהייאָ און אַנדערע שטעט.

קאַטאָווסקי איז 50 יאָר אַלט!

אַ סך מענשען ווערען אַלט פופציג יאָר. מאַנכע מענשען דערגרייכען דעם עלטער פון פופציג יאָר, מיט פילע דערגרייכונגען און באַזיצען נאָך די פעהיגקייט און די קראַפט פאַר גרויסע טאַטען און דערגרייכונגען אין דער צוקונפט. איינער פון אָט די וויניגע מענשען איז אונזער באַליבטער און געאַכטעטער פירער אברהם וו. קאַטאָווסקי.

גרויס איז געווען די איבעראַשונג פון גאָר פילע פריינד, ווען מען האָט אַנאָנסירט, אַז אָט דער מענש, אַזוי יונג אין אויסזען און גייסט, האָט דערגרייכט זיין פופציגסטען געבורטסטאָג. אַפילו די לעצטע צוויי און אַ האַלב יאָר פון ליידען און קראַנקהייט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט זינט עס איז אויף אים געמאַכט געוואָרען דער שענדליכער איבערפאַל דורך אַגענטען פון אַרבייטער־שונאים, פון וועלכע ער איז קוים מיט'ן לעבען אַרויס, האָט ניט געקענט באַרויבען אים פון זיין יוגענטליכען אויסזעהען. נאָך מער זיינען פילע געווען איבעראַשט ווען זיי האָבען ערפאַרען די גרויסע צאָל אויפטואונגען וואָס זיינען אריינגעפאַקט געוואָרען אין די פופציג יאָר.

נאָך אַלס צען־יאָריגער אינגעל, אין 1899, האָט קאַטאָווסקי שוין געאַרבייט שווער און ביטער אין אַ שוךפאַבריק אין זיין געבורטס־שטאָט טעטיעוו אין זיד־רוסלאַנד. ווען די רעאַקציאָנערע כוחליע וואָס האָט זיך צעגאָסען איבער'ן צאַרישען רוסלאַנד האָט אים געצוואונגען אין 1909 אויסצואוואַנדערען נאָך אַמעריקאַ, האָט שוין דער צוואַנציג־יאָריגער בחור געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע פון קאַמף און דערגרייכונגען, אָבער דאָס איז בלויז געווען אַן אַנהויב.

אָנקומענדיג אין קליוולאַנד אין 1909, האָט קאַטאָווסקי געקראָגען ארבייט אין דער „שוואַרץ, פאַרני־העקסטער" קלאָוק שאָפּ אלס אָפּערייטאָר. קיין קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן איז נאָך דאָרט דעמאָלט ניט געווען, אָבער די אומצופרידענהייט פון די ארבייטער מיט די לאַנגע שטונדען און קליינע שכירות האָט געבראַכט דערצו, אַז אַ צאָל ארבייטער זאָלען זיך אָרגאַניזירען אין אַ יוניאָן פון אַרויסהעלפער. קאַטאָווסקי איז געווען איינער פון זיי. די יוניאָן איז געווען קליין און שוואַך און אונערפאַרען און האָט פאַר אירע מיטגלידער ניט פיל געקענט אויפטאָן. אָבער זי האָט געגעבען האָפענונג פאַר דער צוקונפט.

די יוניאָן פון די אַרויסהעלפער האָט געדינט פאַר אַ ביישפּיל און אַרום 1911 זיינען אירע האָפנונגען פאַרווירקליכט געוואָרען. אין יענעם יאָר איז גערופען געוואָרען דער גענעראַל־סטרייק אין דער קלאָוק אינדוסטרי אין קליוולאַנד. אין דעם 26־וואָכעדיגען סטרייק וואָס איז איצט פאַרשריבען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באַוועגונג, איז דער דאַמאָלסט יונגער בלאָנדער אַב. קאַטאָווסקי געוואָרען איינער פון די אַקטיווסטע טוער.

ווען ברודער מייער פערלשטיין איז געשיקט געוואָרען קיין קליוולאַנד נאָך דער קאָנווענשאָן פון 1914, צוזאַמענצונעמען די פאַנאַנדערגעוואָרפענע כוחות פון דעם 1911 סטרייק, האָט קאַטאָווסקי מיט אַ צאָל וועטעראַנען פון יענעם קאַמף זיך אָפּגערופען און אַרויסגעהאָלפען אין דער ארבייט.

דורך דעם גענעראַל סטרייק אין קליוולאַנד אין 1918 איז קאַטאָווסקי געווען דער וויס־טשערמאַן פון דער גענעראַל סטרייק קאָמיטע און מיטגליד פון דער סעטלמענט קאָמיטע. ער איז דעמאָלט ערוויילט געוואָרען צו זיין ערשטען טערמין אלס פּרעזידענט פון זיין לאָקאַל—לאָקאַל 26. אין 1920 איז ער ערוויילט געוואָרען אלס טשערמאַן פון דער דזשאָינט באָארד און ווען די אינטערנעשאָנעל האָט געפונען פאַר נויטיג צו טראַנספערירען פערלשטיינען, וועלכער איז דעמאָלט געווען מענעדזשער פון דער דזשאָינט באָארד, איז ביי קיינעם ניט געווען קיין צווייפעל, אַז קאַטאָווסקי איז זיין נאַטירליכער נאָכפאָלגער אין דעם אַמט. ער האָט דעם אַמט אין אַנהויב ניט געוואָלט אָננעמען, אָבער אויף דער אויפפאָדערונג פון פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט זיגמאַן האָט ער ענדליך אָנגענומען דעם אַמט.

זיינע אונערמידליכע אָנשטרענגונגען, זיין יוגענטליכער גייסט און אינטעליגענטע פירערשאַפט האָט געהאָלפען אויפהאַלטען די יוניאָן דורך די פילע שווערע יאָרען און געהאָלפען אויפהויבען די לעבענס סטאַנדאַרדס פון די פרויען קליידער ארבייטער. די יאָרען זיינען געווען פול מיט טומעלדיגער טעטיגקייט, סטרייקס, קאַמפּען, אינדזשאָנקשאָנס און פאַרפאָלגונגען. אונטער זיין מיליטאַנטער פירערשאַפט איז, טראָץ די פריערדיגע דורכפאַלען און מפּלות, האָבען די קלאָוק און דרעסמאַכער זיך אַרומגערינגעלט אַרום דער יוניאָן אין דעם גענעראַל סטרייק אין 1930 און געצוואונגען די בעלי בתים צו באַנייען דעם אַגרימענט. עס איז געווען אַ שווערער קאַמף, אָבער האָט זיך געענדיגט מיט אַ פולען נצחון פון דער יוניאָן.

דורך די ביטערע קריזיס־יאָרען פון 1931—1932, ווען די גאַנצע טרייד־יוניאָן באַוועגונג איז צוריקגעפאַלען, האָט עס אויך באַווירקט די יוניאָנס אין קליוולאַנד. קאַטאָווסקי אָבער, זייענדיג שטענדיג וואַכזאַם פאַר יעדע געלעגענהייט, איז געווען דער ערשטער אין אָהייאָ אויסצונוצען דעם פּסיכאָלאָגישען מאָמענט ווען די נ. ר. א. איז געוואָרען געזעץ, ווידער אויפצולעבען די יוניאָן פון די קלאָוק און דרעסמאַכער. די קלאָוק מאַנופעקטשורערס האָבען איינגעזען די ניי־אויפגעלעבטע מאַכט פון דער יוניאָן און האָבען נאָכגעגעבען אָן אַ סטרייק. די דרעסמאַנופעקטשורערס האָבען געגעבען אַ ווידערשטאַנד און עס איז נויטיג געווען צו רופען אַ גענעראַל סטרייק אין דרעס טרייד. דער סטרייק איז געווען פאָלשטענדיג ערפאָלגרייך. קאַטאָווסקי האָט צו יענער צייט, אויף דער אויפפאָדערונג פון פּרעזידענט דובינסקי, אויך ערפאָלגרייך אויפגעלעבט די יוניאָן אין טאָלידאָ און אויפגעבויט אַן אָרגאַניזאַציע אין סינסינעטי, וואו די יוניאָן איז טויט געווען איבער צוועלף יאָר. היינט צו טאָג איז סינסינעטי די מוסטער שטאָט אין אָהייאָ.

אין 1934 איז קאַטאָווסקי באַשטימט געוואָרען אלס איינער פון די ערשטע ארבייטער פאָרטרעטער אויף דער לייבאָר באָארד פון דער נ. ר. א. אין אָהייאָ סטייט. אין מאַי פון דעם זעלבען יאָר, ביי דער אינטערנעשאָנעל קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, איז ער ערוויילט געוואָרען אלס וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל.

אין אַ קאַלטער ווינטער נאַכט אין מאַרטש 1937 איז אויף קאַטאָווסקי'ן געמאַכט געוואָרען אַן איבערפאַל נעבען זיין היים. ער איז אַזוי שווער צעשלאָגען געוואָרען, אַז די דאָקטוירים האָבען אויפגעגעבען די האָפענונג. זיין געוואַלדיגע אויסדויערקראַפט און ענטשלאָסענהייט האָבען אים דורכגעטראָגען. ער איז געבליבען לעבען, אָבער פאַר צוויי יאָר צייט איז ער יעדעס מאָל אָנגעגריפען געוואָרען פון קראַנקהייט אלס רעזולטאַט פון יענער אַטאַקע. אַזוי שנעל ווי ער איז געווען בכוח איז ער צוריקגעגאַנגען צו זיין שווערער און פאַראַנטוואָרטליכער ארבייט אין דער יוניאָן. היינט איז ער נאָך אַלץ אין די ערשטע רייען, נאָך מער ווי אימער אַנטשלאָסען אָנצופירען דעם קאַמף פאַר און מיט די ארבייטער.

טראָץ די גרויסע פליכטען און פאַראַנטוואָרטליכקייטען וואָס קאַטאָווסקי האָט אויף זיך געטראָגען אין דער יוניאָן, האָט ער אויך באַוויזען צו זיין טעטיג אין פילע וויכטיגע קהל'שע אונטערנעמונגען. ער איז געווען אין די ערשטע רייען אין קאַמף געגען פאַשיזם, געגען קריג, געגען אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. זיין קאַמף איז געווען — און איז איצט — אַ קאַמף פאַר דער מענשהייט, אונגעאַכטעט אויף ראַסע, גלויבען אָדער נאַציאָנאַליטעט.

די מיטגלידער פון דער יוניאָן, צוזאַמען מיט געזעלשאַפטליכע פירער, שליסען זיך אָן אָן דער פרוי און דריי קינדער פון דעם יובילאַר אין אָפּגעבען דעם פאַרדינטען כבוד אברהם וו. קאַטאָווסקי צו זיין פופציגסטען געבורטסטאָג. מיר קוקען אַרויס אויף נאָך פילע, פילע יאָרען פון זיין ווערטפולער לייסטונג.

די אַרבייטער פון דזשעק פיקערס שאַפּ, 183 טהאַטפאָרד עווענין, ברוקלין, האָבען געגעבען אַ דינער צו עהרע פון זייער שאַפּ־טשערמאַן לואיס העריטאַן, וועלכער האַלט דעם אַמט אַלס שאַפּ־טשערמאַן פאַר די לעצטע דריי יאָר. די אַרבייטער האָבען אים אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג און געגעבען אַ פּרעזענט אַ ווערטפולען ריסטוואַטש פאַר זיין איבערגעבענער אַרבייט פאַר די אַרבייטער פון שאַפּ.

די קאָמיטע: משה אורעוויץ און ל. לעווין.

„פינס און נידעלס" פאר פולע הייזער אויף בראדוועי

„ביליגע פרייזען זיינען נויטיג אום צו מאכען טעאטער צוגענגליך פאר'ן ברייטען עולם", ערקלערט לואיס שייפער, דירעקטאר פון „לייבאר סטיידזש", אין אן אינטערוויו

„פינס און נידעלס 1939" ווערט געשפילט אין דעם נייעם, פיל גרעסערן ווינדזאר טעאטער פאר געפאקטע הייזער. ביי דער ערשטער פארשטעלונג, מאנטאג, דעם 26טען יוני, זיינען ניט נאר אלע 885 פלעצער געווען פארנומען, נאר מענשען זיינען אויך געשטאנען. די ערשטע וואך פארשטעלונגען אין דעם נייעם פלאץ האט באוויזען, אז די געוואגטע אונטערנעמונג פון דער פארוואלטונג צו עפענען דעם נייעם טעאטער מיט צוויי מאל אזויפיל פלעצער ווי אין לייבאר־סטיידזש אין די זומער־מאנאטען איז אן אויסערגעוויינליכער ערפאלג.

אין אן אינטערוויו מיט לואיס שייפער, דירעקטאר פון דער קולטור־אפטיילונג פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער פארוואלטעט דעם לייבאר סטיידזש, האט ער ערקלערט, אז דער פלאן צו פארקלענערן די פרייזען פאר טיקעטס איז שוין ביי אים ניט קיין נייער. ער האט דאס געפלאנעוועט שוין לאנג צוריק. נאר אין דעם פריהערדיגען פלאץ איז די צאל פלעצער געווען אזוי קליין, אז מען האט עס פינאנציעל ניט געקענט טאן. איצט אבער, אין דעם גרעסערן טעאטער, איז מעגליך געווארען דעם פלאן דורכצופירען.

„די צרה מיט די טעאטער פארוואלטער, — האט שייפער ערקלערט, — איז דאס וואס זיי ווילען ניט איינזען, אז דער טעאטער גייט דורך א קריזיס צוליב די הויכע פרייזען. זיי האבען נאך אלץ אין זינען דעם טעאטער־גייער וועלכער קען זיך פארגינען צו קומען אין טעאטער אין א לימוזין. אום צו קריגען דעם עולם צו פאטראניזירען דעם טעאטער, מוז מען אים מאכען צוגענגליך פאר די וואס פארען מיט דער סאבווי. פאר'ן ברייטען עולם, וואס קען זיך ניט פארגינען צו צאלען הויכע פרייזען. דער בעסטער באוויז דערפאר איז דער גרויסער ערפאלג פון די מאוויס. אין דער צייט וואס דער טעאטער פוסטעוועט, זיינען די מאווי הייזער געפאקט, ווייל זייערע פרייזען זיינען צוגענגליך. דאס איז שוין אנערקענט געווארען סיי פון די שוי־שפילער און סיי פון אנדערע וואס זיינען פארבונדען מיט'ן טעאטער. די איינציגע וואס ווילען עס נאך ניט איינזען זיינען די פראדיוסערס.

„אונזער טעאטער, דער לייבאר סטיידזש, איז ניט ארגאניזירט געווארען פאר פראפיטען, נאר פאר קולטור־צוועקען. עס איז דאס אייגענטום פון דער אינטערנעשאנאל און קען זיך דעריבער ערלויבען אויסצופרובירען אט די מיינונג אין דער פראקטיק. דער ערפאלג וואס מיר האבען אין דעם נייעם ווינדזאר טעאטער, וואו מיר שפילען פאר געפאקטע הייזער, כאטש דער טעאטער האט צוויי מאל אזוי פיל פלעצער ווי דער פריהערדיגער לייבאר סטיידזש טעאטער אויף 39טע סטריט האט געהאט, באווייזט די ריכטיגקייט פון דער באהויפטונג".

ווינדזאר טעאטער, וואו „פינס און נידעלס" ווערט איצט געשפילט, געפינט זיך אין רעכטען הארצען פון טעאטער דיסטריקט, אויף 48טער סטריט און בראדוויי. די פרייזען פאר טיקעטס זיינען פאר מאטינע פארשטעלונגען פון 40 סענט ביז 1 דאלאר. פאר אווענט־פארשטעלונגען זיינען די פרייזען פון 55 סענט ביז 1 דאלאר מיט 65 סענט.

קאנפערענץ פון דער קולטור־אפטיילונג דעם 10טען סעפטעמבער

דער 1939—1940 סעזאן פון דער קולטור־אפטיילונג פון דער אינטערנעשאנאל ווערט ערעפענט ווערען מיט א קאנפערענץ פון דעלעגאטען פון אלע קולטור־גרופען און פארטרעטער פון אלע ניו יארקער לאקאלס. דער קאנפערענץ ווערט געהאלטען ווערען זונטאג, דעם 10טען סעפטעמבער, נאך לייבאר דעי, אין ווינדזאר טעאטער. ביים קאנפערענץ וועלען דיסקוטירט ווערען פלענער פאר א גרויסער אויסברייטערונג פון דער קולטור טעטיגקייט.

איינע פון די פלענער וואס וועלען דיסקוטירט ווערען ביי דער קאנפערענץ ווערט זיין וועגען א פלאן צו קאארדינירען די ארבייט פון די ניו יארקער גרופען מיט די גרופען אין לאס אנדזשעלעס, שיקאגא, סיינט לואיס און אנדערע שטעט איבער'ן לאנד.

פאנאגראף רעקארד פון „רויטען מיקאדא"

אויפ'ן פארלאנג פון א גרויסער צאל מיטגלידער, איז געמאכט געווארען א רעקארד פון דעם „רעד מיקאדא", די פאליטישע סאטירע פון „פינס און נידעלס", וואס איז א פאראדיע אויף גילבערט און סאליוואנס שפיל „מיקאדא", וואס האט אזוי שטארק אויסגענומען ביים עולם. דעם רעקארד ווערט מען קענען קויפען אין די לאקאלס אויף ספעציעל נידעריגע פרייזען ארום סוף אויגוסט.

נאך א נייער נומער אין „פינס און נידעלס"

„פינס און נידעלס", וועלכע האלט זיך כסדר אין איין באנייען, האט צוגעקראגען נאך א נייעם, זייער געלונגענעם נומער אונטער דעם ביבלישען נאמען „מני מני תקל", באגרינדעט אויף דער לעגענדע אין תנ"ך וועגען דער האנט, וואס האט אנגעזאגט דעם קעניג פון פרס, אז זיין סוף איז גאענט, דורך א האנטשריפט אויף דער וואנט. די ווערטער און מוזיק פון דער ליד איז פארפאסט פון הערעלד דזש. ראם און ווערט געזונגען פון דאראטהי סטענלי פון לאקאל 38.

אין יוניאן העלטה סענטער

פון פאולין מ. ניומאן

היט זיך פאר „בארגיינס"!

וורך דער „ניו יארק מעדיקאל וויקלי", דער אפיציעלער ארגאן פון דער מעדיצינישער געזעלשאפט פון ניו יארק קאונטי, ערפארען מיר, אז זינט עס איז אנגענומען געווארען דער געזעץ וואס ערלויבט פריוואטע גרופען ארגאניזירען מעדיצינישע באזארגונג אויף א פרייוויליגען געביט (אפגעזונדערט פון די געזעלשאפטען וואס באזארגען מיט האספיטאל דינסט), קומען אויף אין ניו יארק א סך גרופען וואס שלאגען פאר גרויסע „מציאות" אין מעדיצינישער באזארגונג. מיר שוידערען ווען מיר דערמאנען זיך וועגען די מענשען, מערסטענס ארימע לייט, וואס וועלען פארנארט ווערען פון די בארגיינס און וועלען נאכדעם ליידען. עס איז א פאקט, אז מיר האבען שוין ערהאלטען אנפראגען פון פריינד פון דעם יוניאן העלטה סענטער, וועלכע פרעגען אונז אויב דער אדער יענער פלאן וואס א געוויסע גרופע שלאגט זיי פאר איז גוט אדער שלעכט. א פרעזידענט פון א לאקאל יוניאן, וועלכער איז אן איבערגעבענער פריינד פון יוניאן העלטה סענטער, האט אונז צוגעשיקט א גאנצען בינטעל בריוו פון פארשידענע גרופען, וועלכע פארשפרעכען זייערע מיטגלידער יעדען סארט מעדיצינישע אויפפאסונג פאקטיש אומזיסט. איינע פון אט די גרופען האט אפילו ניט קיין נאמען פון א דאקטאר אויף אירע לעטער־העדס. עס האט געדארפט זיין די אויפגאבע פון דער מעדיצינישער פראפעסיע, פון דער אקאדעמיע, אונטערצוזוכען אט די גרופען און ווארענען דעם עולם, איבערהויפט דעם ארבייטער עולם. די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל משפחה דארפען זיכער ניט זוכען און ניט אננעמען ניט־געבעטענע סקימס פאר מעדיצינישער באהאנדלונג. אויב זיי ווילען אדער נויטיגען זיך אין אן עצה אדער אינפארמאציע איבער געזונט פראגען וועט עס זיי דער יוניאן העלטה סענטער גערן געבען. איך האף אז די באטרעפענדע וועלען זיך צוהערען צו דער ווארנונג.

לאקאלס 10 און 142 פלאנעווען קראנקען בענעפיט

די עקזעקוטיוו באארד פון דער קינסטליכער בלומען ארבייטער יוניאן לאקאל 142 האט באשטימט א קאמיטע צו שטודירען די ראטזאמקייט פון נאכטאן דעם ביישפיל פון אנדערע לאקאלס און איינשטעלען א קראנקען בענעפיט פאנד. מיר זיינען זיכער, אז די קאמיטע וועט ברייגנען א גינסטיגען באריכט צום נעקסטען מיטינג פון די מיטגלידער, ווייל מיר ווייסען וואס אזא פאנד האט געטאן פאר די מיטגלידער פון די אנדערע לאקאלס וואס האבען עס איינגעפירט.

אויך די קאטערס יוניאן לאקאל 10, אונטער דער פירערשאפט פון ברודער נאגלער, באטראכט איצט די פראגע פון אויסברייטערן זייער טובערקולאזיס בענעפיט פאנד איינצושליסען אויך אנדערע קראנקהייטען. א קאמיטע פון לאקאל ארבייט איצט אויף א באריכט וואס וועט צוגעשטעלט ווערען צו א מיטגלידער פארזאמלונג אין דער נאענטער צוקונפט. לאקאל 10 האט שוין יארען לאנג א טובערקולאזיס בענעפיט פאנד. אבער עס האט ביז איצט ניט קיין אלגעמיינע געזונדהייטס פארזארגונג פאר די מיטגלידער ווי עס האבען מאנכע אנדערע לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל. מיר באגריסען ברודער נאגלער פאר זיין מי צו לייזען די פראגע פון מעדיצינישער באזארגונג פאר די מיטגלידער פון זיין יוניאן.

אן איבערגעאיילטער באשלוס

(שלוס פון זייט 21)

דער כח פון דער ארגאניזאציע ליגט אין אירע מיטגלידער און פון דעם צוטרוי וואס די מיטגלידער האבען צו די אנפירער. און צוטרוי קויפט מען ניט, נאר מען פארדינט עס דורך פעהיגקייט, איבערגעבענהייט און אויפריכטיגער באציהונג צו די טאג טעגליכע אינטערעסען פון די מיטגלידער. און אויף וויפיל עס פעלען די אנגעוויזענע עלעמענטען אין א יוניאן, אויף אזוי פיל ווערט דער כח פון דער יוניאן אפגעשוואכט. עס זאל זיין קלאר, דאס דורך דעם וואס ברעסלאו האט באזייטיגט לאקאל 117 פון אזא פאזיציע, צו וועלכער דער לאקאל איז צוגעפאסט, ווי פריער אנגעוויזען, צוליב אינדוסטריעלע און ארגאניזאציאנעלע אומשטענדען, און האט „אויפגעשטעלט" זיינעם א מענשען אן וועלכער עס איז גרינגליכער בארעכטיגונג, האט ברעסלאו דערמיט אפגעשוואכט דעם צוטרוי פון די מיטגלידער צו דער יוניאנ'ס אנפירער, וואס עס מיינט, באדייטענד אפגעשוואכט דעם כח פון אונזער דזשאינט באארד.

איך רעזומיר. דער אקט מיט'ן אוועקנעמען פון אונזער לאקאל דעם „דזשאבערס־אמעריקען סי" דעפארטמענט איז ניט קיין בארעכטיגטער פון אינדוסטריעלע און ארגאניזאציאנעלע שטאנדפונקטען. עס איז אן אומפריינדליכער אקט געגען אונזער לאקאל.

עס איז ניט־יוניאן מעסיג, ווייל די מערסטע מאטיווען זיינען ניט קיין יוניאן־מעסיגע. עס שטעלט אין געפאר די קאנדיציאנען פון אונזערע ארבייטער אין יענע שעפער. עס פירט צו צאנקערייען און כאאס. עס שטעלט פאליטישע מאניפולאציעס און אמביציעס פון יחידים העכער און וויכטיגער ווי די אינטערעסען פון די מיטגלידער. עס שטעלט אוועק א שרעקליך ברוטאלען פרעצעדענט, אז „מאכט איז רעכט".

עס שטעלט אוועק לאקאלען פאטריאטיזם העכער ווי די ארגאניזאציע אלס א גאנצע. דאס אלעס פירט צו דער אפשוואכונג פון אונזער יוניאן און עס שפילט אריין אין די הענד פון אונזערע שונאים.

צום סוף. כאטש די דזשאינט באארד האט שוין באשלאסען געגען אונז, דאך גלויב איך אז עס קען געפונען ווערען א ווירדיגער אויסוועג, אום קיינעם ניט צו באליידיגען, צו רעווידירען דעם איבערגעאיילטען באשלוס. זאל נאר דער ניט באגרינדעטער געפיל פון כעס געגען אונז, ווי אויך די מורא, קיינעם ניט פארבלענדען.

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
718 Bergen Ave., Jersey City, N. J.
General Offices:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. WAtkins 9-[illegible]

DAVID DUBINSKY, President
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, Editor

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XXI. No. 8 [illegible] August, 1939

Entered as Second Class Matter, August 7, [illegible] at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section [illegible], Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. [illegible]

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Volume XXI. No. 9 — Jersey City, N. J., September, 1939 — Price 10 Cents

לעיבאר־דעי

באגעגענט די אמעריקאנער אר־בייטערשאפט דעם הייאריגען „לעיבאר דעי" מיט א פרעהליכערען געמיט און מיט בעסערע האפנונגען?

באהויפטונגען און פארזיכערונגען קומען פון פאר־שידענע זייטען וועגען פארבעסערונגען אין דער עקאנא־מישער לאגע, עס איז אבער ניט באשטימט אויב די פאר־בעסערונגען זיינען בלויז פאר די באלעבאטים אדער אויך פאר די ארבייטער.

אז די צייטען זיינען בעסער פאר די באלעבאטים איז קיין צווייפעל ניט. מען דארף בלויז לייענען די באריכטען וועגען די גרויסע פראפיטען פון פארשידענע קאמפאניס, קארפארייישאנס און איינצעלנע אונטערנעמער און עס איז זיך לייכט צו איבערצייגען, אז עס איז זיי גוט. עס איז שוין לאנג זיי אזוי גוט ניט געווען. עס איז אבער גאר ניט באשטימט, אויב אויך פאר די ארבייטער איז בעסער גע־ווארען. אין איינצעלנע פאלען, אין מאנכע אונטערנעמונגען געניסען אפשר אויך די ארבייטער עפעס פון דער גרויסער פראספעריטי פון זייערע באלעבאטים, אבער די פראגע איז וועגען דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט אין אלגעמיין; ניט וועגען די טויזענדער נאר וועגען די מיליאנען.

סטענלי באלדווין, דער געוועזענער פרעמיער מיניס־טער פון ענגלאנד, וועלכער האט די טעג באזוכט אמעריקע, האט ביי זיין אנקומען ערקלערט, אז די וויכטיגסטע פראגע היינט פאר אלע ציוויליזירטע לענדער איז די ארבייטער פראגע, צי עס וועט זיין מלחמה אדער פרידען, די ארביי־טער־פראגע בלייבט אלץ די וויכטיגסטע.

עס איז ניט וויכטיג ווי אזוי סטענלי באלדווין דענקט די ארבייטער פראגע צו לייזען. מען קען וועגען אים, דעם אלטען פירער פון דער ענגלישער קאנסערוואטיווער פאר־טיי, אבער זאגען, אז ער איז א סך פראגרעסיווער פון מאנכע פירער פון דער אמעריקאנער דעמאקראטישער פארטיי, ווייל ער פארשטעהט און באגרייפט וואס עס איז די וויכטיגסטע פראגע פון אונזער צייט. בעת זיי פאר־שטעהען עס ניט. זיי האבען עס אמבעסטען און אמקלאר־סטען באוויזען אין דער לעצטער זיצונג פון קאנגרעס. און די ארבייטער פראגע אין אמעריקע איז איצט א סך שאר־פער ווי אין ענגלאנד, ווייל אמעריקע האט אין פראפארציע א סך א גרעסערע ארבייטסלאזע ארמיי ווי ענגלאנד. און ווען עס רעדט זיך וועגען דער ארבייטער פראגע איז דאך היינט די צען־מיליאניגע ארמיי פון ארבייטסלאזע אין אמעריקע עטוואס אזוינס, וואס דארף באאומרואיגען אפילו די גרעסטע רעאקציאנערען אין דער אמעריקאנער פא־ליטיק.

און ווען מען רעדט וועגען א פארבעסערונג אין דער עקאנאמישער לאגע מוז מען דאך פריער ווי אלץ שטעלען די פראגע: וואס הערט זיך מיט דער ארבייטסלאזער אר־מיי? איז זי געווארען קלענער? און אויב יא, אויף וויפיל?

פארלויפיג איז די ארמיי פון ארבייטסלאזע נאך אלץ ריזיג גרויס. און אויב זי איז אין דער לעצטער צייט עפעס קלענער געווארען איז דאס אויף אזוי ווייניג, אז מען פילט עס קוים. פרעזידענט רוזוועלט'ס פראגראם פון „לענדינג ענד ספענדינג", ווי מען האט עס א נאמען געגעבען, וואס האט געהאט דעם צוועק צו שאפען מער ארבייט, איז פון קאנגרעס צוריקגעוויזען געווארען, אבער קיין אנדער פרא־גראם, וואס זאל שאפען ארבייט פאר די ארבייטסלאזע, האט דער קאנגרעס ניט פארגעשלאגען.

די לעצטע זיצונג פון קאנגרעס איז אין אלגעמיין געווען אן ארבייטער־פיינדליכע. אונטער דער גאנצער צייט, וואס רוזוועלט איז פרעזידענט, איז נאך אין קאנגרעס ניט אנגעפירט געווארען אזא שטארק ארגאניזירטער ארביי־טער־פיינדליכער קאמף, ווי אין דעם יאר. דאס מיינט צו זאגען, אז די פיינד פון די ארבייטער אין אלגעמיין האבען זיך שטארקער ארגאניזירט און זוכען צו פארניכטען, אדער וויניגסטענס צו פארקריפלען די ארבייטער רע־פארמען, וואס זיינען אין די לעצטע יארען איינגעפירט גע־ווארען אין דער אמעריקאנער געזעצגעבונג.

נאר וואס טוען די ארבייטער צו באשיצען זייערע רעכטען און די פארבעסערונגען וואס זיי האבען געוואונען?

די אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג איז צושפאלטען און פירט אן א ברודער־קאמף. דאס שוואכט אפ איר קראפט ניט בלויז אין איר קאמף מיט די באלעבאטים אויף דעם עקאנאמישען פעלד. נאר עס פאראליזירט איר פאליטישען איינפלוס אין לאנד. ווען די אמעריקענער ארבייטער באוועגונג וואלט געווען פאראייניגט וואלטען די רעאקציאנערע כוחות איבער'ן לאנד זיך ניט אזוי צוהוליעט אין דער לעצטער צייט.

אבער אויב די שטרייטענדע צדדים אין דער אמערי־קאנער ארבייטערשאפט האבען ביז היינט נאך ניט געקענט געפינען א וועג ווי צו שאפען שלום אין דער טרייד־יוניאן באוועגונג און אנצופירען מיט פאראייניגטע כוחות זייער עקאנאמישען קאמף, האבען זיי וויניגסטענס געדארפט געפינען א וועג ווי צו דעמאנסטרירען די ארבייטער כוחות געגען דער קאנצענטרירטער פאליטישער רעאקציע, וואס האט זיך לעצטענס געשאפען אין לאנד און וואס שטעלט אין געפאר ניט בלויז דעם ווייטערדיגען פראגרעס פון דער סאציאלער געזעצגעבונג, וואס האט זיך אנגעפאנגען אונ־טער רוזוועלט'ס אדמיניסטראציע, נאר עס באדראהט אויך די רעפארמען וואס זיינען שוין איינגעפירט געווארען.

די אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר האט דא ניט לאנג צוריק געוויזען, אז זי האט גענוג איינפלוס אויף די מיטגלידער פון אירע יוניאנס זיי ארויסצורופען אין גאס דעמאנסטרירען זייערע כוחות. דאס איז געווען אין פאר־בינדונג מיט דער קאנווענשאן פון דער ניו יארקער סטייט פעדערייישאן אוו לייבאר. עס איז געווען איינע פון די גרעסטע און איינדרוקספולע ארבייטער דעמאנסטראציעס, וואס ניו יארק האט געזעהן. און אויב דאס קען געטאן ווע־רען לכבוד א קאנווענשאן, פארוואס זאל עס ניט קענען געטאן ווערען לכבוד לייבאר דעי? א גרויסע ארבייטער דעמאנסטראציע לכבוד לייבאר דעי וואלט האבען א פיל גרעסערע באדייטונג ווי א דעמאנסטראציע לכבוד א קאנ־ווענשאן.

און ווען עס רעדט זיך וועגען ארבייטער דעמאנסט־ראציעס לכבוד לעיבאר דעי איז עס ניט בלויז אין ניו יארק, נאר איבער'ן גאנצען לאנד. און פאר אזעלכע ליי־באר דעי דעמאנסטראציעס וואלט אפשר געקענט אפגע־שאפט ווערען די מחיצה צווישען די יוניאנס פון דער א. פ. אוו ל. און פון דער סי. איי. א. אין דעם טאג האט די גאנצע אמעריקאנער ארבייטערשאפט געקענט מארשירען און דעמאנסטרירען צוזאמען. די באדייטונג פון אזא דע־מאנסטראציע וואלט געווען פון אן אומגעהויער גרויסער באדייטונג.

ארבייטער דעמאנסטראציעס, ארבייטער פאראדען לכבוד לעיבאר דעי וואלטען צוריק געמאכט לעיבאר דעי פאר דעם ווירקליכען יום טוב פון דער אמעריקאנער אר־בייטערשאפט. היינט איז ער עס בלויז אין נאמען. אין דער ווירקליכקייט אבער איז ער געווארען מער דער יום טוב פון די באלעבאטים צו פארענדיגען זייער זומער וואַ־קאציע.

לעיבאר דעי איז געשאפען געווארען אלס דער יום טוב פון די אמעריקאנער ארבייטער. אבער די ארבייטער האבען נאך ביז היינט ניט אים געמאכט פאר זייער יום־טוב. זיי דארפען עס איצט טאן און זיי דארפען אים אויס־נוצען צו דעמאנסטרירען זייערע כוחות און זייער ווילען.

ווי די אמאלגא־מייטעד האט „ארגאניזירט" די ניו יארקער באטהראוב שעפער

די אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס יוניאן האט פלוצים בא־שלאסען אז זי דארף ארגאניזירען די די באטה־ראוב שעפער פון ניו יארק און — געזאגט און געטאן. אלעקס קאהען, דער מענעדזשער פון ניו יארקער דזשאינט באארד פון די שוירט מאכער, פאדזשאמא מאכער א. אז וו.. איז אוועקגעגאנגען צו דער באטה־ראוב קאנט־ראקטארס אסאסיאיישאן פון ניו יארק, האט אונטערגעשרי־בען מיט איר אן אגרימענט און די אונטערנעמונג איז גע־ווען פארטיג...

דער „אדוואנס", אפיציעלער זשורנאל פון דער אמאל־גאמייטעד, גיט אן דריי אורזאכען פארוואס די אמאלגאמיי־טעד האט איצט באשלאסען צו ארגאניזירען די באטה־ראוב שעפער פון ניו יארק. ערשטענס, זיינען די באטה־ראובס וואס מען מאכט אין זיי צום גרעסטען טייל מאנסבילשע און אלץ וואס מאנסבילען טראגען באלאנגט צו דער אמאל־גאמייטעד. צווייטענס, ווערען אין די באטה־ראוב שעפער געמאכט אנדערע ארטיקלען, וואס מאנסבילען טראגען. דריטענס, האט די אמאלגאמייטעד אונטער איר קאנטראל באטה־ראוב שעפער אויך אין מאנכע ערטער אין אמעריקע.

נאר צו וואס דארף עס דער „אדוואנס" אנגעבען אור־זאכען פארוואס די אמאלגאמייטעד האט ארגאניזירט די באטה־ראוב מאכער? פאר וועלכען צוועק דען עקזיסטירט די אמאלגאמייטעד, אויב ניט צו ארגאניזירען די ארביי־טער אין דער מענער־קליידער אינדוסטריע? אורזאכען דארף מען אנגעבען, ווען מען ארגאניזירט ניט, ווען מען פארנאכלעסיגט די אויפגאבען פון דער יוניאן. מען דארף אבער ניט אנגעבען קיין אורזאכען פארוואס מען טוט דאס, וואס מען דארף טאן.

אגב, די אורזאכען גופא. האט דען פריער די אמאל־גאמייטעד ניט געוואוסט, אז אין די באטה־ראוב שעפער פון ניו יארק, וואס זי האט איצט „ארגאניזירט", מאכט מען צום גרעסטען טייל מאנסבילשע באטה־ראובס? און האט זי ביז איצט ניט געוואוסט, אז אין די באטה־ראוב שעפער פון ניו יארק מאכט מען אויך אנדערע ארטיקלען וואס מאנסבילען טראגען? דאס וואלט געווען זעהר א שלעכטע רעקאמענדאציע פאר דער אמאלגאמייטעד, ווען זי זאל עס ביז איצט ניט האבען געוואוסט.

נאר די אלע פראגען ווערען פארענטפערט, ווען מען לייענט דורך דעם באריכט וועגען דער „ארגאניזירונג" פון די באטה־ראוב שעפער אין ניו יארק אינגאנצען. פאר־בייגייענדיג ווערט אין דעם באריכט געזאגט, אז

„מאנכע פון די שעפער זיינען פריער געווען אונטער אן אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנעל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, אבער דער טער־מין פון די קאנטראקטען איז שוין געווען אויסגע־גאנגען, ווען די פארהאנדלונגען (פון דער אמאל־גאמייטעד) מיט דער אסאסיאיישאן האבען זיך אנגע־פאנגען".

נו, עס וואלט געווען ריכטיגער, ווען דער באריכט וואלט, אנשטאט צו געברויכען די ווערטער „מאנכע שע־פער" דערציילט, אז די באטה־ראוב שעפער פון ניו יארק, וואס די אמאלגאמייטעד האט „ארגאניזירט", זיינען געשטא־נען אונטער דער יוניאן קאנטראל פון דער אינטערנע־שאנעל. נאר דאס וואלט שוין געווען צופיל פארלאנגט. אבער אויך דאס באשיידענע ווארט „מאנכע" גיט צו דעם פאקט, אז די אינטערנעשאנעל האט זיך פארנומען מיט ארגאניזירען די באטה־ראוב ארבייטער און אז זי האט געהאט אגרימענטס מיט די באטה־ראוב מאנופעקטשורערס. און דאס מאכט שוין קלאר פארוואס די אמאלגאמייטעד האט פלוצים באשלאסען, אז די באטה־ראוב שעפער באַ־לאנגען צו איר. זי האט זיי געפונען פארטיג ארגאניזירט.